STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01174

GOTS BASHEFENISHN

Isaac Metzker

Permanent preservation of this book was made possible
by The Karma Foundation
in memory of
Doris Matlofsky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ש. מארגנשטערן
מיט [illegible]
[illegible]

[illegible]

גאָטס באַשעפעניש

גאָטס באַשעפענישן

י. מעצקער

פאַרלאַג מתּנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פֿון
פֿאַרלאַג „מתנות“
ביים שלום עליכם פֿאָלק אינסטיטוט.

GOTS BASHEFENISHN

God's Creatures

by I. METZKER

DRAWINGS BY CHAIM GROSS

Copyright, 1953 by
Isaac Metzker
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th St., New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A.
by Futuro Press, New York, N. Y.

200

בעלאַ׳ן

גענווידמעט

ביכער פון י. מעצקער, וואָס זיינען ביז איצט דערשינען:

טאָלי און טאָבי — 1936
ראָמאַן פאַר יוגנטלעכע
פאַרלאַג „מתנות"

◈

ערד און זון — 1937
ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן
אַרויסגעגעבן פון קליוולאַנדער אַרבעטער־רינג, לייען־קרייז און קולטור־געזעלשאַפט

◈

דאָן יצחק אברבנאל — 1941
ביאָגראַפישע דערציילונג
פאַרלאַג„ קינדער־רינג"

◈

אויפן זיידנס פעלדער — 1953
ר אָ מ אַ ן
פאַרלאַג „מתנות"

אינהאַלט:

זייט

דער דערעש — 9

אין בלויען פרימאָרגן — 37

אַ פרעמדער — 47

דער אַלטער בוים — 58

אַ מעשה מיט אַ גענדזל — 68

צוריק צום וואַלד — 78

די זאַטע — 87

דער העלדישער האָן — 96

אין דער גרויסער שטאָט — 102

אַ נייַ לעבן — 112

דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קערנדל — 121

דער רוף פון פעלד — 129

אַ ביימל אויפן פענצטער — 140

די גרויסע ליבע — 150

אין געפאַנגענשאַפט — 160

צוויי בלויע פייגל — 167

די היטער פון קלויז — 177

אַ מאַמע — 187

לופו און יאַקאָב — 199

דער דערעש

1

אַלע אין דאָרף האָבן דאָס פערד גערופן דערעש, ווייל עס איז פון קאָפּ ביז צו די קאָפּיטעס געווען ווי אָפּגעשפּריצט מיט דריבנע ברוינ־לעך־רויטע און העל־ווייסע שפּרענקעלעך. אויך זיין גריווע און זיין לאַנגער גראָבער עק זיינען געווען אַ געמיש פון ברוינע, רויטע און ווייסע האָר. נאָר אויפן שטערן האָט דאָס פערד געהאַט אַ קליינינקן ווייסן פלעק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בלעטעלע פון קאַרשן־צווייג.

דאָס פערד איז געווען מיין אייגנס. רוסישע סאָלדאַטן האָבן עס מיר אָוועקגעשענקט, ווען איך בין אַרום זיבן יאָר אַלט געווען. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָס רוסישע מיליטער איז אַריבער די גרענעץ צו אונדז אויף דער עסטרייכישער זייט און איינגענומען אַ סך שטעט און דערפער. די רוסישע סאָלדאַטן האָבן טאָג און נאַכט זיך געצויגן דורך אונדזער דאָרף און זיי האָבן גערויבט און געפּלינדערט. זיי האָבן ביי אונדז און אויך ביי אַנדערע דאָרפסלייט צוגענומען די בהמות, די פערד מיט די וועגענער, אָבער מיר האָבן זיי אָוועקגעשענקט אַ פערד.

עס איז געווען אין אַ פרילינגדיקן טאָג. אויף די פעלדער האָט שוין געגרינט די ווינטער־תבואה, די קנאָספּן אויף די ביימער האָבן זיך שוין אָנגעהויבן עפענען, אָבער די בלאָטעס זיינען נאָך ווי לויזע ראָשטשינעס געלעגן אויף די וועגן. איך בין געשטאַנען לעבן טויער

פון אונדזער הויף און צוגעקוקט ווי אַן אַ שיעור רוסישע סאָלדאַטן, פוסגייער און רייטער, מיט קאַנאָנען, מיט ביקסן און מיט לאַנגע פיקעס ציען צום פראָנט. הינטער זיי זיינען נאָכגעפאָרן אַ סך וועגענער באַלאָדענע מיט אַמוניציע און פּראָוויאַנט. און נאָכן לעצטן וואָגן זיינען נאָכגעגאַנגען עטלעכע הינקעדיקע אויסגעמאַטערטע פערד.

דער לעצטער וואָגן האָט ניט ווייט פון אונדזער הויף זיך אָפּגעשטעלט, ווייל איינס פון די צוגעשטאַנענע פערד איז אַוועקגעפאַלן אין דער בלאָטע און זיך ניט געקענט אויפהייבן. צוויי סאָלדאַטן זיינען אַראָפּ פון וואָגן און מיט אָרטשיקעס גענומען קאַטעווען דאָס פערד. זיי האָבן געהוקעט און געשאָלטן אויף די העכסטע קולות און דאָס פערד האָט זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק. טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן ווען איך האָב געזען ווי דאָס פערד אָטעמט שווער, ווי עס זעצט פון זיין פעל אַ פּאַרע און ווי עס וויל זיך אויפשטעלן און קען ניט. עס האָט אָבער אונטער די קלעפּ זיך אַזוי לאַנג געדרייט אין דער בלאָטע און אַזוי לאַנג געקראַצט די ערד מיט די פאָדערשטע פיס ביז ס׳האָט זיך דאָך אויפגעהויבן. ווי נאָר עס האָט זיך אויפגעשטעלט האָט עס אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו אונדזער טויער און גענומען צוהינקען צו מיר.

איינער פון די סאָלדאַטן, וואָס האָט אַפּנים מורא געהאַט, אַז דאָס פערד זאָל ווידער ניט אַוועקפאַלן אין מיטן וועג, האָט אים אויפסניי דערלאַנגט עטלעכע זעץ מיטן אָרטשיק. דערנאָך האָט ער צו מיר אַריבערגעשריען, אַז ער שענקט מיר אַוועק די פּאַדלע און אַז איך זאָל זאָגן דעם טאַטן, אַז ער זאָל איר געבן מיט אַ דובינע אין קאָפּ אַריין און אָפּשינדן פון איר די פעל.

כאָטש איך בין שוין געווען אַרום זיבן יאָר אַלט, האָב איך אָבער ביז דעמאָלט שטאַרק מורא געהאַט פאַר פערד. מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט פערד אויפן הויף, אָבער מיין טאַטע האָט מיך קיינמאָל ניט

צוגעלאָזט צו זיי, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס קען מיר נאָך שאַטן צום לערנען. ער האָט מיר כסדר געהאַלטן אין איין אָנזאָגן, אַז איך זאָל זיך היטן פאַר אונדזערע אייגענע פערד און פאַר די פערד, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אין טאָל און ער האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, אַז איך האָב טאַקע מורא געהאַט צו זיי צוצוגיין.

טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, האָב איך איינמאָל געהאַט צוגע־זען ווי אונדזערער אַ שכן איז שיר ניט דערהרגעט געוואָרן פון זיינעם אַ נאַרעוויסטן פערד. איך האָב געזען ווי דאָס פערד האָט אים מיט די פעדערשטע פיס געקאָפּעט אין דער ברוסט און אין פּנים און דאָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד. איך האָב דעם שכן, וואָס איז קוים אַרויס מיטן לעבן, דערנאָך געהערט זאָגן, אַז אין יעדן פערד זיצט אַ מערדער און איך האָב אים געגלויבט.

2

ביי אונדז אין טאָל האָבן זיך געפּאַשעט אַ סך פערד און די דאָרפס־יינגלעך, אפילו די, וועלכע זיינען געווען יינגער פון מיר, האָבן געריסן האָר פון זייערע עקן און אויף זיי אַרומגעריטן. איך האָב ניט געוואַגט צוצוגיין נאָענט צו די פערד און די יינגלעך האָבן פון מיר חוזק געמאַכט. איך בין אַלעמאָל געשטאַנען פון דער ווייטנס מיט אַ שרעק אין האַרצן און איך בין ביי זיך געווען שטאַרק געפאַלן.

פאַר דעם דערעש־פערד, וואָס די סאָלדאַטן האָבן מיר געשענקט, האָב איך אָבער פון דער ערשטער מינוט אָן גאָר קיין מורא ניט געהאַט. עס איז געווען מסתם דערפאַר, ווייל עס האָט אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק און ווייל עס האָט מיך אָנגעקוקט מיט טרויעריקע גוטע אויגן. דאָס מיטל־געוואַקסענע פערד, וואָס איז גאַרניט געווען פון דעם סאָלדאַטסקן שניט, האָט אויסגעזען ווי עמעצער וואָלט עס אומיסטן באַקלעפּט מיט ליימיקער בלאָטע. עס איז געווען הויט און

ביין. זיינע באַקעס זיינען געווען איינגעפאַלן, זיין בויך אונטערגע־צויגן און אין זיין שווער אָטעמען האָט מען געזען, אַז עס פּאַכעט מיט דער נשמה. ביידע פֿאָדערשטע פיס זיינען אים געווען שטאַרק געשוואָלן, זיינע קני זיינען געווען צעקלאַפּט און עס איז פון זיי גערונען בלוט.

ווען איך האָב דערהערט, אַז דער סאָלדאַט שענקט מיר אַוועק דאָס פערד, בין איך באַלד אַרויסגעלאָפן צום וועג און אָן אומדער־שראָקענער אָנגעכאַפּט דעם שטריק, וואָס איז אים נאָכגעהאַנגען פון כאָמוט. דאָס פערד האָט קוים באַוועגט מיט די געשוואָלענע און צעבלוטיקטע פיס און איך האָב עס קוים פאַרפירט צו דער שטאַל. ווען עס איז אַריין אין שטאַל, וואָס האָט געפּוסטעוועט זייט מען האָט צוגענומען אונדזערע פערד, איז אים באַלד פאַרגאַנגען דער ריח פון דער קופּע היי, וואָס האָט ווי געוואַרט אויף אים. עס האָט אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ צום היי, ווי מיט דאַנקבאַרקייט מיך אָנ־געקוקט און זיך אָנגעטאָן אַ כוח אַ הירזשע צו טאָן. דאָס שטילע הירזשען איז געווען ווי דאָס אומפאַרשטענדלעכע געמורמל פון אַ הונגעריקן און מידן אָרעמאַן, וועלכער קומט אַריין אין אַ פרעמדער שטוב און דערשמעקט דאָס ביסל וואַרעמע געקעכץ, וואָס מען שטעלט פאַר אים אַוועק אויפן טיש.

איך האָב דעם פערד גלייך אונטערגעטראָגן אַ זשמוט היי און עס האָט אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע בים. איך האָב צוגעקוקט ווי עס קייט גיריק און איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס איך האָב גאָר ניט קיין מורא, וואָס עס עסט פון מיין האַנט.

דערנאָך בין איך אַרויסגעלאָפן ברענגען פאַרן פערד אַ שעפּעלע וואַסער.

ווען איך בין צוריקגעקומען מיטן וואַסער זיינען שוין אין שטאַל געווען מיין טאַטע מיטן זיידן און אַ פּאָר שכנים. דאָס אויסגעמאַ־טערטע און פאַרבלאָטיקטע פערד איז שוין געלעגן אויפן דיל און

אַלע האָבן עס באַטראַכט. איך בין אַריין אין שטאַל מיט אַ גדולה און פאַר אַלעמען זיך באַרימט, אַז סאָלדאַטן האָבן מיר דאָס פערד אַוועקגעשענקט. וועגן דעם, אַז דער סאָלדאַט האָט מיר געהייסן זאָגן דעם טאַטן, אַז ער זאָל געבן דעם פערד מיט אַ דובינע אין קאָפּ און פון אים אָפּשינדן די פעל האָב איך גאָרניט דערמאָנט.

איינער פון די שכנים האָט זיך אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס פערד האָט אַ ליימונג אין די פיס, אַז עס האָט זיך אויך אונטערגעריסן פון שלעפּן שווערע משא און אַז עס גוססט. מיין טאַטע, וואָס איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ ביטער האַרץ און מיט אַ בענקשאַפט נאָך די צוויי געזונטע שיינע פערד, וועלכע די רוסישע סאָלדאַטן האָבן ביי אונדז אַוועקגערויבט, האָט איצט אַלץ אויסגעלאָזט צו מיר. ער האָט געשריען, אַז ער וויל ניט האָבן די פּגירה אין שטאַל און געהאַט צו מיר טענות פאַרוואָס איך האָב דאָס פערד ניט אַוועקגעטריבן אין מאַל אַריין, אַז ס'זאָל דאָרטן אויסגיין. דער צווייטער שכן האָט אַ קאָפּע געטאָן דעם פערד אין בויך, געגעבן אַ שפּיי און געזאָגט דעם טאַטן, אַז די בעסטע זאַך איז צו רופן דעם לופּיניק און ער וועט פאַר דער פעל שוין אָפּראַמען די פּגירה.

דאָס פערד, ווי עס וואָלט אַלץ פאַרשטאַנען, האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אין מיין זייט און ווי געזוכט הילף ביי מיר.

דער טאַטע איז שוין געווען גרייט צו שיקן רופן דעם שינדער, אָבער איך האָב זיך צעוויינט אויפן קול און מיט אויסגעשפּרייטע הענט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן פערד, גרייט עס צו באַשיצן. אַ גליק, וואָס דער זיידע איז מיר געקומען צו הילף. ער האָט זיך צעשריען, אַז ס'איז אַ צער בעלי חיים, ער האָט געמוסרט דעם טאַטן און די שכנים, פאַרוואָס זיי ווייסן ניט, אַז מען דאַרף אַרויסווייזן רחמנות צו יעדן לעבעדיקן באַשעפעניש און אַזוי אַרום מיר געהאָלפן אָפּבעטן דאָס פערד.

3

די טעג זיינען געוואָרן לויטערער און וואַרעמער און דער דרויסן האָט געגרינט און געבליט. אַזוי ווי די פראָנט-ליניע איז אין יענער צייט געווען גאָר ניט ווייט פון אונדזער דאָרף, האָט מען אַפילו ניט געטראַכט וועגן ברענגען אַ לערער און עפענען ס'חדר אויפן זומער. מיינע חברים האָבן פריילעכע זיך אַרומגעשפּילט אין טאָל, געזוכט יאַשטשערקעס, געכאַפּט יונגע זשאַבקעלעך, אָבער איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין פערד. איך האָב עס געהאַלטן אין איין פּילעווען און עס האָט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ליגנדיק געגעסן און געטרונקען פון מיינע הענט. איך האָב מיט אַן אייזערנעם קאַם פון אים אַראָפּ-געקראַצט די בלאָטע, געוואַשן זיינע געשוואָלענע פיס מיט וואַסער פון אויסגעקאָכטע קרייטעכער און מיט זאַלבן געשמירט זיינע וואונ-דיקע קני. איך האָב געגלעט דאָס פערד און גערעדט צו אים ווי צו אַ קראַנק קינד. דאָס פערד האָט מיר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, באַוועגט מיט די אויערן און מיט די אויגן-לעפּלעך, ווי עס וואָלט מיר וועלן לאָזן וויסן, אַז עס פאַרשטייט אַלץ.

דאָס געשווילעכץ פון דעם פערדס פיס איז ביסלעכווייז אָפּגע-גאַנגען, זיינע קני האָבן זיך אָנגעהויבן היילן און עס האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט. עס האָט וואָס אַמאָל געגעסן מיט מער אַפּעטיט און זיינע באַקעס האָבן זיך גענומען אויספילן. איך האָב געהאַלטן אין איין רייניקן און אין איין בערשטן זיין פעל ביז זי האָט אָנגעהויבן גלאַנצן און איך האָב ערשט דעמאָלט רעכט דערזען זיין מאָדנעם קאָליר. און ווען איך האָב נאָך עטלעכע טעג דאָס פערד אַרויסגעפירט אין דרויסן אויף דער זון, האָבן פאַרבייגייער זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף אים. מען האָט אין דאָרף גאָר ניט געזען אַזאַ דערעשוואַטע פערד, וואָס איז אינגאַנצן געווען באַדעקט מיט זאַמד- און קאַלך-שפּרענקעלעך.

שכנים און אַפילו מײן הױזגעזינד האָבן אױך פאַרחידושט גע־קוקט אױף מיר. זײ האָבן אַלע געװאוסט, אַז איך האָב שטענדיק מורא געהאַט צוצוגײן צו אַ פערד און מיטאַמאָל זעען זײ װי איך פיר זיך אַרום מיט אַ הינקעדיקן דערעש, װי איך גלעט אים און פוץ אים און האָדעװע אים פון מײנע הענט.

כ'האָב דעם דערעש שטאַרק ליב באַקומען און איך האָב אױך אױף שריט און טריט געפילט זײן צוגעבונדנקײט צו מיר. יעדעס מאָל, װען איך בין אַרײן צו אים אין שטאַל, האָט ער פרײדיק אַ הירזשע געטאָן, צו מיר אַראָפּגעבױגן דעם קאָפּ און צוגערירט זײן מאָרדע צו מײנע אַקסלען. איך בין געװען לעבן אים אין שטאַל, איך האָב אים אַרומגעפירט איבערן הױף און װען די בלאָטעס אױפן װעג האָבן אױסגעטריקנט, האָב איך אים אַ הינקעדיקן אױך אָנגע־הױבן אַרױספירן אין צעגרינטן טאָל, אַז ער זאָל זיך דאָרט פּאַשען. אין טאָל האָט מיך אַ פּאָר מאָל אָנגענומען אַ חשק זיך אױפצוזעצן אױף אים, אָבער אַזױ װי איך בין ניט געװען זיכער, אַז ער איז שױן שטאַרק גענוג מיך צו טראָגן אױף זײן רוקן, האָב איך געדולדיק געװאַרט.

נאָך אַ פּאָר װאָכן, װען דער דערעש האָט שױן כמעט אױפגעהערט הינקען און זײנע פיס זײנען שױן געװען אַ ביסל רירעװדיק, האָט ער אײנמאָל באַװיזן װי געטרײ ער איז מיר. עס איז געװען אין אַ מילדן פאַרנאַכט און איך בין מיט אים דעמאָלט געװען אין טאָל. דער דערעש האָט זיך געפּאַשעט און איך בין געזעסן אױפן גראָז. איך האָב אַריבערגעקוקט צום באַרג, װוּ די זון האָט פאַרן אונ־טערגײן געזשאַרעט מיט אַ פײערדיקער רױטקײט און איך האָב גע־טראַכט װעגן אַ מעשה, װאָס איך האָב מיט אַ טאָג פריער געהאַט געהערט פון אַן אָרעמאַן, װעלכער האָט בײ אונדז איבערגענעכטיקט. די מעשה, װאָס דער אָרעמאַן האָט פאַרן שלאָפן גײן, זיצנדיק אין דרױסן אױף דער פריזבע, מיר דערצײלט, איז געװען װעגן אַ װײט

לאַנד אין וועלכן עס קומען קיינמאָל ניט פֿאָר קיין מלחמות. די מענטשן ווייסן דאָרטן ניט פֿון קיין שרעק און זיי לעבן אַלע אין וואוילטאָג און אין רו.

4

איך בין געזעסן אַ פֿאַרטראַכטער ניט ווייט פֿון פֿערד און פּלוצלונג האָב איך פֿאַר זיך דערזען אַ צעווילדעוועטן שטיר, וואָס איז פֿון ערגעץ אַנגעלאָפֿן. פֿון זיינע צעשפּאַרטע נאָזלעכער האָט געזעצט אַ פּאַרע און פֿון זיין מויל איז אים גערונען דער גאַווער. ער האָט געבויגן דעם קאָפּ מיט זיין קורצן קאַרק צו דער ערד און מיט זיינע פֿאַרשפּיצטע הערנער געגאַנגען גלייך אויף מיר. פֿון גרויס שרעק בין איך געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט און זיך ניט גערירט פֿון אָרט. דער צעהיצטער ביק וואָלט מיך מסתּם געווען דורכגעלעכערט מיט זיינע הערנער ווען ניט דער דערעש, וואָס האָט ווי דערשפּירט די געפֿאַר. ער האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ אין דער הויך, אויסגעבויגן די אויערן אויף צוריק און אין אַ פּאָר רגעס איז ער שוין געווען צווישן מיר און דעם שטיר. דער דערעש איז מיטאַמאָל ווי איבערגעביטן געוואָרן. ער האָט פֿלינק, ווי אַ יונגער לאָשעק, זיך גע־שטעלט דיבאָם, געפּאָרקעט מיט דער נאָז און גענומען פּאַכען אין דער לופֿטן מיט די פֿעדערשטע פֿיס. דער שטיר האָט זיך דערשראָקן און הינטערווייַלעכס גענומען אָפּטרעטן. דערנאָך האָט ער פֿאַרריסן זיין עק און איז אַנטלאָפֿן.

איך בין באַלד צו זיך געקומען פֿון דער שרעק, איך בין אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ערד און צו צום דערעש. איך האָב מיט ליבשאַפֿט אים געגלעט און מיט דער צוגעפּאַלענער נאַכט אים אַהיימגעפֿירט. אין גאַנג האָב איך דערזען, אַז ער האָט מיטאַמאָל אינגאַנצן

אויפגעהערט הינקען. זיין טראָט איז געוואָרן פעסט און דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן הויך, ווי ער וואָלט זיך געגרויסט מיט זיין אויפטו.

ווען איך בין צוגעקומען מיטן פערד צו אונדזער טויער האָט שוין דאָרט אויף מיר געוואַרט מיין גאַנץ הויזגעזינד. עס זיינען אויך צוגעקומען אַ פּאָר שכנים און מיט באַוואונדערונג געקוקט אויפן דערעש. אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז מיין פערד האָט מיך אָפּ־געראַטעוועט פון אַ צעווילדעוועטן ביק, וואָס האָט מיך שיר ניט גענומען אויף די הערנער. צוויי פּאַסטוכער, וואָס האָבן פון דער ווייטנס דאָס צוגעזען, האָבן אַלץ אויסדערציילט.

אַלע האָבן געלויבט מיין פערד פאַר זיין קלוגשאַפט און פאַר זיין העלדישקייט. מיין טאַטע האָט ווי פאַרגעסן, אַז ער האָט ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק, פאַר די אויגן פון די שכנים, אויף מיר גע־שריען, פאַרוואָס איך האָב די „פגירה" אַריינגעבראַכט אין שטאַל און ער האָט זיך איצט מיטן דערעש שטאַרק איבערגענומען.

דער זיידע האָט אָבער דעם טאַטן מיט די שכנים דערמאָנט ווי זיי זיינען דעמאָלט שוין געווען גרייט איבערצוגעבן דאָס פערד צום לופּיניק, אַז ער זאָל פון אים אָפּשינדן די פעל. ער האָט, ווי דעמאָלט, זיי געמוסרט און אין זיי אַריינגערעדט, אַז מען דאַרף שטענדיק אַרויסווייזן רחמנות צו גאָטס באַשעפענישן און אַז אַ שטומע חיה קען אַמאָל נאָך בעסער ווי אַ מענטש אָפּדינען פאַר גוטס מיט איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט. די שכנים האָבן אויף די רייד צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און ווען דער טאַטע האָט זיך ווי באַרימט, אַז ער רעכנט צו נעמען אין גיכן דעם דערעש צו דער אַרבעט האָט איינער פון זיי צוגעגעבן, אַז מען קען אים שוין שפּאַ־נען אין וואָגן און אפשר אויך אין אַקער.

פון דעם צווייטן שכן האָט ווי אַרויסגערעדט די קנאה. ער האָט באַטראַכט דאָס פערד, וואָס איך האָב געהאַלטן אויפן שטריק און

וואָס האָט רירעוודיק אונטערגעטענצלט און זיך אַ זאָג געטאָן, אַז אַזוי ווי דער דערעש קען שוין ווידער גיין אין שפּאַן, וועלן סאָלדאַטן אים מסתם באַלד צונעמען. דער זאָג האָט מיך שטאַרק צעטומלט. און כאָטש מען האָט אין די לעצטע טעג, אין דאָרף, ניט געזען קיין סאָלדאַטן, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ פאַרלאַנג שוין צו אַנטלויפן מיטן דערעש, אים ערגעץ וואו אויסצובאַהאַלטן. מען האָט מיך אָבער גערופן אין שטוב אַריין און דער טאַטע האָט מיר געהייסן אַוועקפירן דאָס פערד צו דער שטאַל.

ווען איך בין דערנאָך אַריין אין שטוב האָט די באָבע מיר געגאָסן וואַקס. זי האָט פריער דאָס וואַקס אויפגעקאָכט און פון דער הויך, איבער מיין קאָפּ, פּאַוואָליע געגאָסן די הייסע פליסיקייט אין אַ גרויסער ערדענער שיסל, וואָס איז געווען פול מיט קאַלט וואַסער. זי האָט דערביי אין דער שטיל געזאָגט אַ שפּרוך און געטריבן פון מיר די שרעק אויף אַלע פוסטע פעלדער און וועלדער. איך האָב צוגעקוקט ווי דאָס וואַקס גליווערט טראָפּנווייז אויפן וואַסער, ווי רעגן אויפן פראָסט, און ווי עס פאַרעמען זיך אוים קליינע פיגורן, וואָס האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי שרעטעלעך. דערנאָך האָבן די שרעטעלעך זיך צונויפגעשמאָלצן אין צוויי גרויסע פיגורן און מיר איז פאַרגעקומען, אַז איך זע פאַר זיך דעם צעווילדעוועטן ביק מיטן גראָבן קאַרק און מיין פערד ווי עס שטייט קעגן אים מיט די פאָדערשטע פיס אין דער הויך.

די באָבע האָט דערנאָך צוגענומען דאָס וואַקס און איך האָב געוואָלט צוריק אַרויסלויפן צום פערד. זי האָט מיך אָבער פאַרהאַלטן. מען האָט מיר געגעבן אויסצוטרינקען עפּעס אַ ביטער געטראַנק, און מען האָט מיך שוין יענעם אויפדערנאַכט ניט אַרויסגעלאָזט פון הויז.

5

יענע נאַכט בין איך ביז שפּעט געלעגן אַ וואַכער אויף מיין געלעגער לעבן אָפענעם פענצטער. דעם שכנס זאָג, אַז סאָלדאַטן וועלן צונעמען מיין פערד, האָט מיך ניט געלאָזט איינליגן אין באַנק־בעטל. איך האָב דורכן פענצטער אַרויסגעקוקט צו די צעבליטע וויינשל־ביימער ביי דער שטאַל, וואָס האָבן אין שיין פון דער לבנה אויסגעזען נאָך ווייסער ווי ביי טאָג. און מיטאַמאָל איז מיר איינגעפאַלן זיך אַוועקצולאָזן מיטן דרעש זוכן דאָס לאַנד וועגן וועלכן דער אָרע־מאַן האָט מיר דערציילט. אין יענעם לאַנד זיינען ניטאָ קיין סאָלדאַטן, מ'פירט דאָרט ניט קיין מלחמות און קיינער וועט ביי מיר דאָרט ניט צונעמען מיין פערד.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע אין שטוב זיינען שוין געשלאָפן, און פון דעם מאַיאָווען און ליכטיקן דרויסן האָט זיך נאָר געהערט דאָס זשומען פון כרישטשעס און זשוקעס, האָב איך זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער פולער לבנה, וואָס איז ווי געהאַנגען פאַרן פענצטער און דאָס מילדע פּנים אין איר האָט פון מיר ווי צוגענומען די מורא פאַר דער נאַכט. עס האָט מיך געצויגן צום פערד ווי צו אַ גוטן חבר און איך האָב אין דער שטיל אָנגעטאָן די הויזן און דורכן פענצטער אַוועק צו אים.

דער דרעש האָט שוין געקענט מיינע טריט און ווי נאָר איך בין אַריין אין שטאַל האָט ער מיך אויפגענומען מיט אַ פריידיקן שטילן הירזשען. ער האָט צו מיר אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, איך האָב צוגערירט מיין פּנים צו זיין מאָרדע און גערעדט צו אים אין דער שטיל. דערנאָך האָב איך ווי פון דער העלער הויט איבער זיין אַראָפּ־געבויגענעם קאָפּ זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף זיין רוקן. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס איך האָב זיך אויפגעריטן אויף אַ פערד. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן מיין לייב. איך האָב ניט

געפילט קיין סימן פון מורא, אָבער איך בין געווען אויסער זיך. איך האָב זיך עפּעס ווי ניט געוואָלט גלויבן, אַז איך זיץ ווי אַ רייטער אויפֿן פערדס רוקן. איך בין דערנאָך אַראָפּגעקראָכן פון פערד און באַלד זיך ווידער אויפגעריטן. אַזוי עטלעכע מאָל. דער דערעש האָט זיך פאַרהאַלטן רואיק און געשטאַנען אַ געדולדיקער אויף איין אָרט. ער האָט אַלעמאָל גוטמוטיק צו מיר אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט מיר וועלן זאָגן, אַז איך קען מיט אים טאָן וואָס איך וויל.

דערנאָך האָב איך דאָס פערד אַרויסגעפירט פון שטאַל. מען האָט אין דרויסן ניט געזען קיין לעבעדיק באַשעפעניש. מען האָט אַפילו ניט געהערט קיין פּישטש פון אַ פויגל. די כרישטשעס מיט די זשוקעס האָבן זיך אויך מער ניט געוויזן. אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין רו. איך האָב אָבער לעבן מיין פערד זיך געפילט היימלעך אין דעם נאַכטיקן דרויסן.

איך האָב לעבן דער שטאַל, שוין מיט מער געניטשאַפט, זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן דערעש און אַוועקגעריטן צו דער ברייטער גאָרטן־סטעזשקע. איך האָב אַרויפגעקוקט צו דער לבנה און ווי געפירט פון איר זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דאָס לאַנד, וואו קיינער וועט ניט טשעפּען מיין פערד.

איך בין אַרוים אויף אַ פעלד־וועג און געריטן צווישן צעבליטע סעדער. דער דערעש איז מיר געווען אונטערטעניק און איך האָב אים געקירעוועט מיטן שטריק פון זיין כאָמוט, וואָס איך האָב גע־האַלטן פעסט אין מיין האַנט. צו־ערשט האָב איך אים איינגעהאַלטן און ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע. וואָס ווייטער איך בין אָבער געריטן, אַלץ זיכערער האָב איך זיך דערפילט אויף זיין וואַרעמען רוקן און איך האָב אים גענומען טאָרען אין די זייטן מיט מיינע באָרוויסע פיס, אַז ער זאָל גיין שנעלער.

דער דערעש האָט אין גאַנג דערפילט מיין גלייכגעוויכט און מיין זיכערקייט און ער האָט צעוויגט זיינע פיס. זיין טראָט איז געוואָרן

פלינק און לייכט, ווי ער וואָלט קוים אָנגערירט די ערד און בים־לעכווייז האָט ער זיך גענומען טראָגן מיט אזא שנעלקייט, אַז איך האָב אַזש געפילט אַ ווינט אויף מיין פנים. איך האָב האַלב פאַר־מאַכט די אויגן און איך בין ווי געפלויגן אַנטקעגן דער לבנה גלייך צו דער וועלבונג פון הימל.

דאָס דאָרף איז שוין געווען העט ווייט הינטער מיר ווען דאָס פערד האָט מיטאַמאָל פאַרלאַנגזאַמט זיין טראָט. איך האָב זיך אַרומ־געקוקט און דערזען אַ קוימען פון אַ חרובער ציגעלניע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד. באַלד איז פון דער חורבה אַרויסגע־פלויגן אַ פלעדערמויז מיט אויסגעשפּאַנטע גרויסע פליגל. זי האָט זיך צוגעלאָזט צום פערד און צו מיר מיט פישטשענדיקע קולות און אונדז ביידן איבערגעשראָקן.

איך האָב געהאַט געהערט אַ סך מעשות וועגן מכשפות און ניט־גוטע, וואָס באַווייזן זיך ביינאַכט פאַרשטעלטע פאַר סאָוועס און פלעדערמייז און איך האָב מורא געהאַט, אַז עס זאָל מיר ביי דער חורבה ניט אָפּגעטאָן ווערן עפּעס אַ כישוף. מיין פערד איז אויך געוואָרן צערודערט. עס האָט אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעדרייט אין אַ ראָד און דערנאָך זיך געלאָזט לויפן צוריק אַהיים. די לבנה איז מיטאַמאָל פאַרשטעלט געוואָרן פון וואָלקנס און עס איז געוואָרן פינצטערער און פינצטערער. דער דערעש האָט אָבער געדענקט דעם וועג און מיך אַהיימגעבראַכט.

אַ פאַרשוויצטער און אַ נאַסער פון נאַכטיקן טוי בין איך שטי־לערהייט, דורכן פענצטער, צוריק אַריין אין שטוב. איך האָב זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויף מיין געלעגער און געטראַכט, אַז איך וועל דערוויל מוזן זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר מיין פערד לעבן דער היים. דערנאָך בין איך באַלד איינגעשלאָפן.

6

אין דער פרי בין איך צום ערשטן מאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן אַרויסגעריטן אויף מיין פערד אין טאָל אַריין. ווען מיין טאַטע האָט דערזען ווי איך זיץ אַ געשטרעקטער אויף מיין פערד, האָט ער אַ פאַרוואונדערטער מיך אָנגעקוקט, אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. אויך מיינע חברים האָבן זייערע אויגן ניט געגלויבט, ווען זיי האָבן געזען ווי איך בין ווי אַ געניטער רייטער, אין גאַלאָפּ, אָנגעקומען אין טאָל אַריין. זיי זיינען אַלע געבליבן שטיין און געגאַפט.

קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז איך בין ביינאַכט מיטן פערד אַנטלאָפן פון דער היים און אַז איך בין אַרויסגעריטן העט ווייט. דאָס איז געבליבן אַ סוד צווישן מיר און דעם דערעש. איך בין אָבער נאָך יענער נאַכט מיטאַמאָל געוואָרן ווי אַן איבערגעביטענער. עס איז מיר פאָרגעקומען, אַז איך בין עפּעס ווי איבער נאַכט געוואָרן אַ גאַנצער מענטש. דאָס וואָס איך האָב מיין אייגנס אַ געזונט שיין פערד און דאָס, וואָס איך האָב אַפילו ביינאַכט ניט קיין מורא גע־האָט אַוועקצורייטן ווייט פון דאָרף, האָט מיך אינגאַנצן ווי איבער־געאַנדערשט.

פון יענעם אינדערפרי אָן בין איך ביי זיך מער ניט געווען גע־פאַלן קעגן מיינע חברים. איך האָב אויך פאַרלוירן מיין שעמעוודי־קייט. מיין קול האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אָפּקלינגען העכער און לויטערער און ס׳לשון איז מיר געוואָרן פליסיקער. איך האָב זיך מער ניט פאַרהאַקט ביים ריידן אַפילו ווען איך בין געווען צווישן דער־וואַקסענע. און ווען איך האָב גערעדט, האָב איך זיך ניט געשעמט צו קוקן די מענטשן אין די אויגן אַריין. ביי די יינגלעך בין איך גאָר אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון זייט זיי האָבן מיך געזען רייטן אויף

מיין פערד און אַפילו די, וואָס זיינען געווען עלטער פון מיר, האָבן זיך געוואָלט מיט מיר חברן.

דער דערעש איז אינגאַנצן געווען מיינער. יעדער איינער האָט דאָס געוואוסט. ווען איך האָב אים אויסגעהיילט די פיס און אים אַביסל אויסגעפּאַשעט, האָט אָבער אים דער טאַטע גענומען צו דער אַרבעט און אויך די שכנים האָבן פון אים געהאַט נוצן. אַזוי ווי די רוסישע סאָלדאַטן האָבן פונקט ווי ביי אונדז, אויך ביי עטלעכע שכנים צוגענומען די פערד, האָבן זיי אָנגעהויבן קומען צו אונדז בעטן, אַז איך זאָל זיי מיטן דערעש אַביסל אַרויסהעלפן. איך האָב געדאַרפט רייטן אין שטעטל ברענגען אַ רעצעפּט פון דער אַפּטייק און איך האָב ניט איין מאָל פאַר זיי אויך געדאַרפט איינקויפן זאַלץ מיט נאַפט און אַנדערע זאַכן. איך האָב רייטנדיק געפירט אין שטאָט אַריין צום שוחט קויבערס מיט עופות, און ווען מיר האָבן גענומען שפּאַנען דאָס פערד אין אַ וועגעלע בין איך ניט איינמאָל אויך מיט אַ שכן אַרויסגעפאָרן אין פעלד אַריין.

מיין טאַטע האָט אויסגעזוכט אַן אַלטע אַקס פון אַ וואָגן, צוויי הינטערשטע רעדער, עטלעכע דרענגלעך מיט אַ ביסל ברעטער און ער האָט מיט מיין הילף צונויפגעקלאַפּט אַ טאַראַדאַיקע מיט צוויי דישלעס. מיר האָבן אין דעם וועגעלע געשפּאַנט דעם דערעש און ער האָט אונדז געטריי געדינט.

אַזוי ווי איך בין יענעם זומער געווען פריי פון לערנען און איך האָב אַלעמאָל געוואָלט זיין לעבן מיין פערד, בין איך כמעט שטענדיק געווען דער אַנטרייבער ווען מען האָט ערגעץ געדאַרפט פאָרן.

דער דערעש איז גאָר אַנדערש געגאַנגען אין שפּאַן ווען ער האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און דערזען, אַז איך זיץ אויפן וועגעלע און האַלט די לייצעס אין די הענט. איך האָב אים אַפילו ניט גע־דאַרפט ווייזן די בייטש. עס איז געווען גענוג, אַז איך זאָל אַ שנאַלץ טאָן מיט דער צונג, אַז ער זאָל אַ מונטערער זיך לאָזן לויפן.

דער דערעש, וואָס איז שוין געווען גוט אויסגעפּאַשעט, האָט ערשט באַוויזן זיין גבורה און זיין אַרבעטזאַמקייט ווען מען האָט אים גענומען שפּאַנען אין אַקער. ער האָט געאַרבעט מיט חשק און קיין זאַך איז אים ניט געווען צו שווער.

אַלע פון מיין הויזגעזינד און אויך די אָרומיקע שכנים האָבן געפילט אַ נאָענטקייט צום פערד. קיינער האָט אָבער דעם דערעש אַזוי ניט ליב געהאַט ווי איך. עס איז מיר ניט גענוג געווען דער טאָג און איך האָב אָפטמאָל אויך אין די אָוונטן זיך אַריינגעכאַפּט צו אים אין שטאַל אַריין. איך האָב זיך אָפּגעלאָזט פון מיינע חברים און איך האָב שטענדיק נאָר געוואָלט זיין לעבן מיין פערד.

7

די עסטרייכישע אַרמייען האָבן דערנאָך אָנגעהויבן צוריקשטויסן די רוסישע סאָלדאַטן און זיי זיינען ווידער מחנות־וויז געגאַנגען דורך אונדזער דאָרף. איך האָב געציטערט איבערן דערעש און אים געהיט, אַז מען זאָל אים ניט צונעמען. ביים טאָג האָב איך אים גע־פּאַשעט אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל לעבן אַ וועלדל און אין די אָוונטן, ווען עס האָבן אין דאָרף זיך געוויזן סאָלדאַטן, האָב איך אים אַוועק־געפירט הינטער אונדזער גאָרטן און אים דאָרט געהאַלטן אין אַ באַהעלטעניש צווישן ווערבעס און געדיכטע ווילדע ביימלעך. איך האָב אין דעם באַהעלטעניש געהאַט אָנגעגרייט גענוג היי און אַמאָל דאָרט אויך איבערגעלאָזט דאָס פערד אויף אַ גאַנצער נאַכט.

די רוסישע סאָלדאַטן זיינען דעם דערעש געלעגן גוט אין די ביינער און ער האָט אויך אַליין ווי פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך פאַר זיי היטן. מיט דער צייט האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט זיך צו באַהאַלטן אַליין, אָן מיר. עס איז גענוג געווען, אַז ער זאָל דערזען אויפן וועג סאָלדאַטן, אָדער בלויז דערהערן זייער זינגען, אַז ער זאָל אַליין אַנטלויפן אין פאַרבאָרגענעם ווינקל צווישן די ווערבעס.

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן דאָס באַהאַלטן זיך. איינמאָל, ווען איך בין אין אַ פאַרנאַכט אַהיימגעריטן פון וועלדל, איז אויפן וועג פאַר מיר פלוצלינג אויסגעוואַקסן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אויפן אַקסל און מיט אַ נאַגייקע אין האַנט. איך האָב גאָרניט געזען פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. ער האָט באַלד אָנגעכאַפּט דעם דרעדעש פאַרן כאָמוט און אָן אַ וואָרט אַרויסצורייסן מיך ווי אַראָפּגעשאַרט פון פערדס רוקן. איך בין געפאַלן אויף דער ערד, אָבער איך בין באַלד אויפגעשפרונגען און מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט דעם שטריק פון דעם פערדס כאָמוט. איך האָב זיך גענומען בעטן ביים סאָלדאַט, אַז ער זאָל ביי מיר ניט צונעמען מיין פערד. ער האָט אָבער אַ שווייגענדיקער מיר דערלאַנגט מיט זיין נאַגאַיקע עטלעכע שמיץ איבער די הענט, איבער די באָרוויסע פיס און דערנאָך מיר געגעבן אַזאַ שטויס, אַז איך בין אַזש פאַרפלויגן אויף דער אַנדערער זייט פון וועג. דאָס אַלץ איז געשען אין עטלעכע רגעס.

דער דרעדעש האָט אינגאַנצן אויפגעצייטערט ווען דער סאָלדאַט האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן כאָמוט. ער איז אָבער געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, ווי אַן איינגעגראָבענער אין דער ערד. ערשט ווען דער סאָלדאַט האָט מיך גענומען שלאָגן, האָט ער אַ צי געטאָן זיינע אויערן אויף צוריק, בורייט צעעפנט זיינע אויגן און זיך אַרומגעקוקט. און באַלד ווי נאָר דער סאָלדאַט האָט מיך אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, האָט דאָס פערד זיך צעהירזשעט און אויפגעהויבן זיינע פאָדער־שטע פיס אין דער הויך, ווי דעמאָלט קעגן שטיר. איידער וואָס ווען איז דער סאָלדאַט געבליבן מיט אַ צעריסענעם כאָמוט אין האַנט און דער דרעדעש האָט אַ באַפרייטער, ווי אַ ווינט, זיך אַוועקגעטראָגן צוריק צום וועלדל.

פון דעם סאָלדאַטס שמיץ זיינען ביי מיר אויף די הענט און אויף די פיס אויפגעלאָפן רויטע פאַסן, וואָס האָבן מיך שטאַרק געשמאַרצט. דאָס איז אָבער געווען ווי גאָרניט קעגן מיין פרייד, וואָס מיין פערד

האָט זיך אַרויסגעריסן און איז אַוועק. איך בין באַלד אויך אַוועק־געלאָפן צום וועלדל, וואו דער דערעש האָט אויף מיר געוואַרט. און ווען ס׳איז געוואָרן טונקל אין דרויסן האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים, גלייך ווי עס איז גאָרניט ניט געשען.

איך האָב געהיט דעם דערעש, אָבער איך האָב אים ניט געקענט דערהיטן.

עטלעכע סאָלדאַטן זיינען איינמאָל, אין מיטן נאַכט, מיט די גערטנער, אין דער שטיל געקומען צו אונדזער הויף און אים אַרויסגענומען פון שטאָל. זיין הירזשען און זיין רייסן זיך פון זייערע הענט האָבן מיך מיטן טאַטן באַלד אויפגעוועקט און מיר זיינען גלייך אַרויס אין דרויסן. מיר האָבן אים אָבער ניט געקענט אָפּבעטן ביי די סאָלדאַטן און ער האָט זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם ציימל וואָס זיי האָבן אים אַריינגעהאַקט אין מויל.

די סאָלדאַטן האָבן אַוועקגעפירט מיין פערד און איך בין אַ שטיק וועג זיי נאָכגעלאָפן מיט אַזעלכע געוואַלדן, אַז איך האָב אַ האַלב דאָרף אויפגערודערט פון שלאָף. איך בין אַזש הייזעריק געוואָרן פון וויינען, אָבער איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים אָן דעם דערעש.

8

אַ פּוסטקייט האָט אַרומגענומען אונדזער הויף. עס איז געווען ווי מען וואָלט צוגענומען איינעם פון אונדזער הויזגעזינד און אַלע אין שטוב זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערט. דער דערעש האָט אויך אויסגעפעלט די שכנים. זיי האָבן ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אים און אים נאָכגעזאָגט אַ סך לויב, גלייך ווי ער וואָלט שוין געווען טויט. דאָס פערד האָט אָבער קיינעם אַזוי ניט אויסגעפעלט ווי מיר.

איך האָב אָבער ניט אינגאַנצן אויפגעגעבן מיין דרעש. איך האָב זיך אָנגעהויבן איינריידן, אַז ער וועט ערגעץ אונטערוועגנס זיך אַוועקרייסן פון די סאָלדאַטן און אַז ער וועט צו מיר צוריק־קומען. די איינרייִדעניש האָט מיך אַביסל באַלעבט. איך האָב ביי־טאָג געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן צום וועג און ביינאַכט בין איך ביז שפּעט געלעגן אַ וואַכער אויף מיין געלעגער און געהאָרכט צי קומט ער ניט אָן. איך בין אויך געגאַנגען זוכן דאָס פערד הינטערן וועלדל און אין זיין באַהעלטעניש אין גאָרטן.

און ווי ס'הארץ האָט מיר געזאָגט. אויפן דריטן טאָג האָט מיך אין בלויען באַגינען אויפגעוועקט דאָס הירזשען פון מיין דרעש. ער איז צוגעקומען צום פאַרמאַכטן טויער און מיך גערופן, אַז איך זאָל צו אים אַרויסקומען. די פרייד האָט מיך גיך אויסגעניכטערט פון שלאָף און איך בין באַלד געווען לעבן אים.

דער דרעש איז געשטאַנען פאַר דעם טויער אַ פאַרשוויצטער און אַ פאַרשטויבטער, אָבער אַ געשטרעקטער און אַ מונטערער. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט זיין לייב, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָנגעזען סימנים פון בייטשן, ווי ער וואָלט וועלן פאַרגעסן אָן אַלץ, וואָס עס איז מיט אים פאַרגעקומען. איך האָב געזען, אַז ער איז, ווי איך, פול מיט פרייד, וואָס מיר זיינען ווידער צוזאַמען. איך האָב אַרומגעכאַפּט זיין קאָפּ, איך האָב צו אים גערעדט, אים געזאָגט, אַז איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט צוריקקומען און אים געגלעט און געקושט. מיין פערד האָט פון פרייד האַלב־געהירזשעט און האַלב געהעשעט אין דער שטיל. ער האָט געבויגן דעם קאָפּ צו מיר, פאַר־קאַטשעט די אויבערשטע ליפּ און צוגערירט זיין פייכטע מאָרדע צו מיין פנים.

אַלע פון שטוב זיינען אַרויס צום פערד און זיי זיינען מיר אַלע נאָכגעגאַנגען ווען איך האָב עס אַוועקגעפירט אין שטאַל אַריין.

איך האָב דעם דרעש נאָך זיין אַהיימקומען עטלעכע טעג

נאָכאַנאַנד געהאַלטן הינטערן וועלדל. איך האָב אים דאָרט געפירט אויף גוטער פּאַשע. איך האָב זיך דאָרט, צוזאַמען מיט אים, געבאָדן און מיט אים אַרומגעשוואומען. איך האָב רייטנדיק געמאַכט אַלערליי קונצן אין וואַסער. איך בין געשפּרונגען פון זיין רוקן אין די טיפסטע וואַסער-גריבער, איך האָב געוואַרטעוועט, און ווען איך בין אויפגעקומען פון דער טיף האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין עק און זיך ווידער אויף אים אויפגעריטן. דאָס פערד איז געווען מונטער און שפּילעוודיק ווי אַ יונגער לאַשעק, און עס איז מיר גוט געווען צו זיין מיט אים אַליין. ניט איין מאָל האָב איך דאָרט, הינטער דעם וועלדל, מיט אים זיך אַזוי פאַרשפּילט, אַז איך האָב אַפילו פאַרגעסן אַהיימצוריידן ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, און מען האָט מיך געדאַרפט גיין זוכן.

איך בין אָבער כסדר געווען אין שרעק, אַז מען זאָל ביי מיר ווידער ניט צונעמען מיין פערד.

איינמאָל האָט אַן אַלטער פּאַסטעך, וואָס האָט געפּאַשעט שאָף הינטערן וועלדל, מיר צוגעזאָגט מיך אויסצולערנען אַזאַ שפּרוך, דורך וועלכן איך וועל קענען אָפּטאָן דעם דערעש אַזאַ כישוף, אַז ער זאָל פאַרשווינדן ווען איך וועל נאָר וועלן. איך וועל נאָר דאַרפן מאַכן זיבן קנופּן פון זיבן האָר אַרום זיין עק, אָפּזאָגן דעם שפּרוך און מען וועט שוין ניט זען דאָס פערד. עס וועט בלויז בלייבן ליגן אויף דער ערד זיין עק. און דערנאָך, ווען איך וועל וועלן, אַז דאָס פערד זאָל זיך ווידער באַווייזן, וועל איך דאַרפן אויפלאָזן די קנופּן און זאָגן איבערן עק דעם שפּרוך אויף צוריק און ער וועט ווי אַרויסוואַקסן פון דער ערד. איך האָב זייער געוואָלט קענען דעם שפּרוך, ווייל איך האָב ניט איינמאָל געוואָלט אויסבאַהאַלטן דאָס פערד פון די סאָלדאַטן, אָבער דער אַלטער פּאַסטעך האָט מיך גענאַרט פון איין טאָג אויפן צווייטן. ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז דער שפּרוך הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „זיבן זונען און זיבן שטערן“.

די שלאַכטן האָבן זיך דערווייל אָפּגעשטעלט אויף אַ צייט און מען האָט וואָכן־לאַנג ניט געזען קיין סאָלדאַטן אין דאָרף. אַזוי ווי עס איז שוין געווען נאָך שניט, האָבן מיר מיטן דערעש אַהיימ־געבראַכט דאָס ביסל תבואה פון פעלד און אַנגעפירט האָלץ אויפן ווינטער. דאָס פערד האָט געאַרבעט ווי פאַר צוויי, עפּעס ווי עס וואָלט זיך געאײַלט אַלץ אָפּצוטאָן אײידער די סאָלדאַטן קומען צוריק. דער זיידע האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נאָר אַ גאָט־זאַך, וואָס עס איז אונדז אונטערגעשיקט געוואָרן דאָס פערד, ווייל אָן אים וואָלטן מיר גאָרניט געווען געקענט אַנגרייטן אויפן ווינטער. מיר האָבן מיטן דערעש אויך אַרויסגעהאָלפן די שכנים און זיי האָבן געהאַלטן אין איין בענטשן דאָס גוטע און געטרייע פערד.

9

עס איז אונטערגעקומען דער האַרבסט. די סעדער זײַנען געווען באַלאָדן מיט רייפע באַרן, עפּל און פלוימען, וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם דרויסן. די ייִנגלעך האָבן טאָג־נאָך־טאָג מיך גערופן צו גיין מיט זיי רייסן ס'אויבסט פון די ביימער, אָבער איך האָב בעסער גע־וואָלט זײַן מיט מײַן פערד.

אין האַרבסט זײַנען די שלאַכטן באַנײַט געוואָרן. מען האָט ווידער ביז אין דאָרף אַרײַן געהערט דאָס הודיען פון די קאַנאָנען און עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן באַווײַזן סאָלדאַטן. איך האָב געהיט דעם דערעש און איך האָב אים אַ סך מאָל אויסבאַהאַלטן פון זיי.

איינמאָל, אין אַן אינדערפרי, האָבן אָבער עטלעכע סאָלדאַטן אים ווידער אַרויסגענומען פון שטאָל און מיט אים אַוועק.

איך האָב, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען מען האָט צוגענומען דעם דערעש, שטאַרק געבענקט נאָך אים און איך האָב זיך קיין אָרט

ניט געקענט געפינען. איך האָב אָבער ווידער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז דער דערעש וועט צו מיר צוריקקומען און איך האָב ווידער די אויגן זיך אויסגעקוקט נאָך אים. ער האָט זיך אָבער ניט געוויזן. אויף דער צווייטער וואָך האָב איך שוין געהערט ווי די שכנים האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז מען האָט דאָס פערד זיכער פאַרשלעפּט ביז צום פּראָנט, און אַז עס איז מסתם דאָרט אומגעקומען פון אַ קויל. איך האָב אָבער נאָך אַלץ געוואַרט, אַז עס זאָל צוריקקומען.

די טעג און די נעכט האָבן זיך לאַנג געצויגן. עס איז פאַרגאַנגען איין וואָך, אַ צווייטע וואָך, אָבער אויף דער דריטער וואָך, ווען אַלע, חוץ מיר, האָבן שוין געהאַט אויפגעגעבן דעם דערעש, איז ער אין אַ פאַרטאָג צוריקגעקומען. אַזוי ווי דער טויער פון אונדזער הויף איז דעמאָלט געווען אָפן, איז ער צוגעגאַנגען ביז צו דער שטוב און זיך באַלד געלאָזט הערן. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין פריילעך הירזשען, נאָר עפּעס ווי אַ גיעאָמער. איך בין דער ערשטער געווען לעבן מיין פערד, אָבער איך האָב עס ווי ניט דערקענט.

דער דערעש איז געווען שטאַרק אויסגעדאַרט. זיין רוקן איז געווען אויסגעריבן ביז צום פלייש און די פעל איז אויף אַ סך ערטער געווען צעריסן, ווי פון שטעכיקן דראָט. פון זיינע צעקלאַפּטע קני האָט גערונען אייטער און ער האָט איבערן גאַנצן לייב געהאַט אייטערדיקע און טרוקענע וואונדן. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, וואָס זיינען געווען נאָך מער געשוואָלן, ווי דעמאָלט ווען דער סאָל־דאַט האָט אים מיר אַוועקגעשענקט.

עטלעכע דאָרפסלייט פון אַרום זיינען באַלד געקומען צולויפן אָנקוקן דעם דערעש. ווען זיי האָבן דערזען, וואָס עס איז פון אים געוואָרן, זיינען זייערע פּנימער געוואָרן שטאַרק טרויעריק. זיי זיינען געוואָרן אויסער זיך און זיי האָבן גענומען שעלטן די מאָסקאַלעס מיט די ערגסטע קללות. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דער דערעש איז אַנטלאָפן אַזש פון פראָנט און אַז ער שלעפּט זיך פון דאָרט שוין

עטלעכע טעג. זיי האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי ער האָט געדענקט דעם וועג אויף צוריק און פון וואַנען ער האָט גענומען כוח צו דערגיין ביז צום דאָרף.

דער דערעש האָט שווער געאָטעמט. ער האָט מיט אַ כריפּ ווי אַרויסגעיאָמערט זיינע ווייטיקן און מיט פאַרהויכטע טרויעריקע אויגן מיך אָנגעקוקט. איך בין געשטאַנען פאַר אים און געוויינט אויפן קול. ער האָט אָבער, ווייזט אויס, מיך געוואָלט אַביסל אויפמונטערן; ער האָט, ווי אַלע מאָל, צו מיר אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און מיט אַ הייזעריקלעכן הירזשען מיר ווי געלאָזט וויסן ווי צופרידן ער איז, וואָס ער איז ווידער לעבן מיר. ער האָט זיך אויך ווי אָנגעשטרענגט צו מאַכן אַ פריילעכע מינע און ער האָט מיט זיין מאָרדע־שטיפעריש, זיך צוגערירט צו מיינע אַקסלען. איך האָב אַרומגעכאַפּט זיין מידן קאָפּ און אַ וויינענדיקער אין דער שטיל אין אים אַריינגערעדט, אַז איך וועל אים ווידער היילן און פּילעווען און אַז ער וועט ווידער צו זיך קומען.

דערנאָך האָב איך אים פּאַוואָליע גענומען פירן אין שטאָל אַריין. לעבן שטאָל האָב איך אים געלאָזט גיין אַליין. ער איז אָבער געבליבן שטיין אַ מוטלאָזער און ניט געוואָלט אַריינגיין אינעווייניק, עפּעס ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז סאָלדאַטן וועלן אים דאָרט ווידער באַפאַלן און אים ווידער אַוועקפירן מיט זיך. און באַלד האָט ער זיך אַוועקגעדרייט צו דער גאָרטן־סטעזשקע און מיט לאַנגזאַמע וואַקלענדיקע טריט זיך געלאָזט גיין צו זיין באַהעלטעניש צווישן די ווערבע־ביימער. ער איז אָבער שוין ניט דערגאַנגען ביז צום באַהעלטעניש, נאָר זיך אַראָפּגעלאָזט אין גאָרטן אויף אַ גראָזיק אָרט, אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון.

איך האָב דעם דערעש געבראַכט וואַסער און עסן, אָבער ער האָט בלויז אַ ביסל זיך אָנגעטרונקען און צום עסן זיך ניט צוגערירט. דער זיידע מיטן טאַטן זיינען אונטערגעקומען און געבראַכט מיט זיך

אַ שכן, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט היילן פערד און בהמות. דער שכן האָט באַטראַכט דעם דערעש, און ווען ער האָט זיך גענומען פאַרען אַרום אים, האָט ער ס'ערשטע אונטערגעשניטן דעם פערדס לאַנגן עק וואָס איז אים געווען אין וועג. איך האָב דעם אָפּגעשני־טענעם עק אויסגעגלייכט און אויסגעגלעט, אים צונויפגעבונדן מיט עטלעכע האָר און אים אַוועקגעלייגט אין אַ זייט.

דער שכן האָט באַטאַפּט דאָס פערד ווי אַ דאָקטער. ער האָט צו־געלייגט אַן אויער צו זיינע ריפּן, געהאַלטן אַ האַנט פאַר זיינע נאָז־לעכער און זיך צוגעהערט צו זיין שווערן אָטעמען. איך האָב דעם שכן געקוקט אין די הענט אַריין, אים געפרעגט וואָס איך זאָל ברענגען דעם פערד צום עסן און וואָס איך זאָל צולייגן צו זיינע וואונדן. דער שכן האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ און מיר ניט גע־ענטפערט. ער האָט מיר נאָר געהייסן אויסשפּרייטן אַביסל שטרוי אַרום דעם דערעש און מיך געשיקט ברענגען עפּעס אים צוצודעקן.

איך בין גיך אַוועק צום הויף ברענגען שטרוי און אַ וואַרעמע. איך האָב אויך געבראַכט אַ ביסל קאָניושינע און דעם פערדס קאָם. ווען איך בין צוריקגעגאַנגען צום גאָרטן האָב איך פון דער וויטנס געהערט ווי דער שכן רעדט וועגן פערד און ווי ער זאָגט דעם זיידן מיטן טאַטן, אַז עס האָט זיך ביי אים אינעווייניק עפּעס אָפּגעריסן און דערפאַר איז אים שווער צו אָטעמען. דער זיידע האָט מיך באַלד געשיקט. דער זיידע האָט מיך באַלד דערזען און ער האָט אַ וואונק געגעבן צום שכן, אַז ער זאָל אויפהערן ריידן. דער שכן האָט מיר דערנאָך געהאָלפן צודעקן דאָס פערד, מיר אָנגעזאָגט אַראָפּצונעמען פון אים די וואַרעמע ווען די זון וועט זיך צעוואַרעמען און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

10

דער זיידע מיטן טאַטן זיינען שווייגנדיקע באַלד אויך צוריקגע־גאַנגען צום הויף און איך בין געבליבן אַליין מיטן דערעש. איך האָב אַרום אים אויסגעשפּרייט דאָס שטרוי, אים געטאַרעט, אַז ער זאָל זיך אַביסל איבערדרוקן אויף דער אויסגעבעטעטער זייט און ניט ליגן אויף דער הוילער ערד, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. איך האָב אים אונטערגעטראָגן די קאָניושינע און ער האָט זיי מיר צוליב אַריינגענומען אַביסל אין מויל אַריין. עס איז אים אָבער שווער געווען צו קייען און צו שלינגען און דער ביסן איז, פאַרזוייסט פון שוימיקער סלינע, צוריק אַרויסגעפאַלן פון זיין מויל. איך האָב גענומען קעמען זיין גריווע, וואָס איז געווען פאַרדרייט אין קאָלטונעס און כ׳האָב געהאַלטן אין איין ריידן צו אים, אַז ער וועט מוזן ווידער געזונט ווערן. דאָס פערד האָט געבלינצלט מיט די אויגן, אַריבערגע־קוקט צו די נאַקעטע פעלדער, צום בלויען ראַנד פון הימל, צו דעם וועלדל, וואָס האָט מיט זיינע האַרבסטיקע קאָלירן ווי געפלאַמט אַנטקעגן דער זון און אַ מידער געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד.

דורכן טאָג זיינען אַ סך שכנים אַרויסגעקומען צו דעם דערעש, ווי צו זייערן אַ קראַנקען פריינט, וואָס איז פאַרביי, און איך האָב געהערט ווי זיי ריידן צווישן זיך, אַז עס איז פאַר אים ניטאָ קיין ראַטונעק. זיי זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, אָבער איך האָב אַ גאַנצן טאָג ניט אָפּגעטראָטן פון מיין פערד. איך האָב ניט גע־וואָלט גיין אין שטוב אַריין, און ווען מען האָט מיר געבראַכט עסן, האָב איך זיך דערצו אַפילו ניט צוגערירט.

פאַרנאַכט האָט דאָס פערד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ערד און זיך פאַרגאַנגען אין כאַרכלען.

איך האָב מיט אַ פרישן געוויין אים גענומען מונטערן. דער

זיידע, וואָס איז געווען מיט מיר אין גאָרטן, האָט זיך באמת מיך איינצושטילן. ער האָט מיר געוואָלט איינריידן, אַז אַלץ וואָס דער דערעש האָט געוואָלט, איז צו זיין איין טאָג פאַר זיין טויט אין דער היים און מיר דאַרפן זיין צופרידן, וואָס ער האָט דאָס אויסגעפירט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס פערד האַלט ביים סוף און אַז איך האָב אַן עבירה, וואָס איך וועק אים מיט מיינע קולות. איך האָב אָבער ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך דאָס געוויין.

כ׳האָב ווי געוואָרט אויף אַ נס, אַז מיין פערד, מיין גוטער פריינט, זאָל מיטאַמאָל אַרויסלאָזן אַ פריילעך הירזשען און אַז ער זאָל זיך אויפהויבן פון דער ערד.

דער נס איז אָבער ניט געשען. ווען די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן האָט דער דערעש פאַרגלייזט די אויגן און זיין אָטעמען און כאָרכלען איז געוואָרן שטילער און שטילער.

איך בין געזעסן אַזוי לאַנג לעבן מיין פערד, ביז איך בין דאָרטן איינגעשלאָפן. דער זיידע האָט מיר דערנאָך אַ שלאָפנדיקן אַוועקגעטראָגן אין שטוב אַריין, מיך אַוועקגעלייגט אויף מיין געלעגער און איך האָב גאָרניט געהערט.

איך בין אָבער אויך אין שלאָף אַ גאַנצע נאַכט געווען מיט מיין דערעש. עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך רייט אויף אים אַרום הינטערן וועלדל און אַז ער איז מונטער און שפּילעוודיק. עס האָט זיך מיר אויך געחלומט, אַז איך האָב דאָרט באַגעגנט דעם אַלטן פאַסטעך און אַז ער האָט מיך ענדלעך גענומען לערנען דעם שפּרונג דורך וועלכן איך זאָל קענען אויסבאַהאַלטן מיין פערד פון די סאָלדאַטן. איך האָב אָבער מער ווי די ערשטע ווערטער „זיבן זונען און זיבן שטערן” ניט געקענט געדענקען.

ווען איך האָב אויפגעוואַכט איז שוין געווען ליכטיקער טאָג. כ׳האָב באַלד זיך אַ ריס געטאָן פונעם געלעגער, געכאַפּט אויף זיך די הויזן און דורכן פענצטער אַוועק צום גאָרטן. ווען איך בין אָבער

צוגעקומען צו דעם גראָזיקן אָרט איז מיין פערד שוין דאָרט ניט געווען. עס איז אין דער זייט נאָר געלעגן זיין אָפּגעשניטענער עק.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם עק אין די הענט אַריין און מיט מיינע אויגן געגלאָצט אויף דעם פוסטן אָרט, וואו מיין פערד איז נעכטן געלעגן.

דער זיידע איז באַלד אונטערגעקומען. ער האָט מיך אָנגענומען ביי אַ האַנט און אָן אַ וואָרט אַרויסצורײדן מיך אַוועקגעפירט צו די ווערבע־ביימער, וואו איך האָב דערזען אַ בערגל פריש אויפגעגראָבענע ערד. איך בין געבליבן שטיין פאַר דעם בערגל און געטוליעט צו זיך מיין פערדס אָפּגעשניטענעם עק. דערנאָך האָב איך גענומען אויפלאָזן די קנופּן פון די האָר מיט וועלכע איך האָב אים געהאַט אַרומגעבונדן. איך האָב אַ פאַרשלאָפענער געמורמלט די ערשטע ווערטער פון דעם שפּרוך אויף צוריק — „שטערן זיבן און זונען זיבן" און איך האָב פאַר מיינע אויגן, וואָס זיינען געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן, געזען פאַר זיך מיין דערעש. זיין שיינע פעל האָט געגלאַנצט און ער האָט אַ מונטערער געבויגן דעם קאָפּ צו מיר.



אין בלויען פרימאָרגן

1

אין בלויען פרימאָרגן, ווען אַ לויטערער זומער־טאָג האָט געהאַלטן אין אויפגיין, האָט אַ רויט־גרוילעכע הירשין אַרויסגעפירט פון וואַלד אירע צוויי יונגינקע וויים־געפינטלטע הירשלעך. די הירשין איז די ערשטע אַרוים פון צווישן די ביימער און איז ביים עק וואַלד געבליבן שטיין אויף עטלעכע רגעס. זי האָט אויסגע־צויגן איר שלאַנקן האַלדז, אויפגעהויבן אין דער הויך איר שיינעם קאָפּ מיט דעם לענגלעכן שטערן און געהאָרכט. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. מיט אַן אָפּגעריסענעם קלאַנג אַ רוף געטאָן די קליינע הירשעלעך און זיי גענומען פירן באַרג־אַראָפּ צום וואַסער צו.

די הירשין האָט, ווייזט אויס, זיך ניט געפילט צו היימלעך אויף דער פרייער גרינער וועלט. זי האָט געשמעקט צום גראָז, וואָס איז געווען נאָס פון ראָסע, צו די טרוקענע צווייגלעך, וועלכע האָבן גע־שאַרשעט אונטער אירע פיס און געוואַכט איבער אירע קינדער. אַלע־מאָל האָט זי איינס פון זיי אָנגערירט מיט דער מאָרדע און זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלן זיין געהיט מיט יעדן טראָט. ווייזט אויס, אַז זי האָט יענעם פאַרטאָג צום ערשטן מאָל געפירט די רויטלעכע צוויי הירשלעך, מיט די ווייסע פינטעלעך, צו די וואַסער־קוואַלן, וואָס האָבן גערוישט צופוסנס פון דעם באַרגיקן וואַלד.

אין גאַנג האָט די הירשין פון דער ווייטנס באַמערקט דעם וואַלד־היטערס שטיבל, וואָס פון זיין קוימען האָט זיך געצויגן אַ רויך צום הימל. די הירשין האָט אָן אומרואיקע אַ שטרעק געטאָן איר האַלדז ווען זי האָט דערזען דאָס הייזל. זי האָט מסתם אין דער רגע דערשפירט, אַז די געגנט איז ניט פריי פון דעם מענטש, וואָס האָט ווינטער זיך געיאָגט אין וואַלד נאָך הירשן און נאָך אַנדערע חיות.

ווען זי איז מיט די הירשלעך אַראָפּגעקומען צום וואַסער האָט דער מזרח־ברעג פון הימל זיך אָנגעהויבן צעצינדן אין אַ פייערדי־קער רויטקייט. עס איז מיט יעדער רגע געוואָרן ליכטיקער און די גרויסע טראָפּנס טוי אויף די גראָזן האָבן ווי דימענטן זיך צעגלאַנצט. די קליינע הירשלעך, וואָס האָבן נאָך ניט געהאַט די זיכערקייט אין זייערע פיסלעך, האָבן זיך געהאַלטן לעבן זייער מוטער. זיי האָבן, ווי די מאַמע, איינגעטונקט זייערע קעפּיטקעלעך אין פלאַכן וואַסער, וואָס איז געווען קלאָר און קאַלט. זיי האָבן אָנגעבויגן די קעפּלעך און זיך געלערנט טרינקען. די אויפגייענ־דיקע ליכטיקייט פון דעם זומערדיקן טאָג האָט זיי אויפגעמונטערט. זיי האָבן שטיפעריש זיך גענומען טוליען איינס צו ס׳אַנדערע און מיט גרויסע קינדישע אויגן ווי פאַרחידושט אַריבערגעקוקט צו דער זייט, וואו די זון האָט געהאַלטן אין אויפגיין.

די הירשין האָט געהאָרכט. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט מענטש־לעכע קולות און זי האָט שוין לענגער ניט געקענט איינשטיין אין וואַסער. זי האָט גיך אַרויסגעפירט די הירשלעך אויף דער טריקעניש און זיך געלאָזט גיין מיט זיי צוריק אין וואַלד אַריין.

זיי זיינען געגאַנגען באַרג־אַרויף און מיטאַמאָל האָבן אין איין זייט זיך באַוויזן מענטשן. דאָס זיינען געווען אַרבעטער, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען דאָרט אַרבעטן ביי אַ נייעם וועג און ביי אַ בריק, וואָס מען האָט אָנגעהויבן בויען איבערן וואַסער. פון אַן

אַנדערער זייט האָט זיך געלאָזט הערן דאָס בילן פון אַ הונט און דאָס פייפן פון אַ פאַסטעך, וואָס האָט געטריבן זיינע שאָף אויף דער פּאַשע. די הירשין האָט פון דערווייטנס דערזען דעם פאַסטעכס הונט און זי האָט אַ צעשראָקענע אַרויסגעלאָזט עטלעכע אָפּגעריסענע קלאַנגען. אַן אַנגסט האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן און זי האָט מיט איר מאָרדע ווי אונטערגעשטופּט די הירשלעך, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן, ווייל די געפאַר איז נאָענט.

די קולות פון די מענטשן, דאָס פייפן און נאָך מער דאָס בילן פון דעם גרויסן הונט, וואָס איז געקומען אַלץ נעענטער, האָט זי צעטומלט. זי האָט וואָס גיכער געוואָלט זיין צוריק אין וואַלד, אין איר פאַרבאָרגן ווינקל און געגאַנגען אַלץ שנעלער. די יונגע הירשלעך איז אָבער געווען שווער איר נאָכצוהאַלטן. זיי האָבן זיך געטראָגן באַרג־אַרויף צום וואַלד צו, זיי זיינען געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווייטער געלאָפן. ווען זיי זיינען שוין אָבער געווען לעבן די ערשטעביימער פון וואַלד איז איינס פון די הירשלעך געפאַלן איבער אַ שטיין און זיך אַזוי שטאַרק צעקלאַפּט, אַז עס האָט זיך מער ניט געקענט אויפהייבן.

די הירשין איז געבליבן שטיין איבער איר קינד און זיך אַרומגעקוקט מיט אויגן פול מיט פאַרצווייפלונג. זי האָט געזען די מענטשן, מיט פאַרשידענע געצייגן אין זייערע הענט, זי האָט אויך דערזען ווי דעם פאַסטעכס בייזער הונט גייט אויף איר און זי האָט אין דער שטיל ווי אַרויסגעקרעכצט איר אַנגסט.

די געפאַר איז געווען גרויס. זי האָט מיט דער מאָרדע עטלעכע שטופּ געטאָן דאָס אַוועקגעפאַלענע הירשל, אים געוואָלט העלפן זיך אויפהייבן, אָבער איר מי איז געווען אומזיסט. דאָס הירשל האָט זיך ניט געקענט רירן. דערווייל איז דער טומל פון די מענטשן געוואָרן אַלץ שטאַרקער און דער גרויסער און בייזער הונט איז געקומען אַלץ נעענטער און נעענטער.

עס איז דער הירשין שווער געווען איבערצולאָזן איר אומ־באַהאָלפן קינד, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד. זי האָט אָבער באַלד זיך געפּאַסט כאַטש צו ראַטעווען דאָס צווייטע הירשל, וואָס האָט זיך געטוליעט צו איר. זי האָט עס אָפּגעשטופּט פון זיך און אים ווי געהייסן לויפן פאָרויס צום וואַלד צו. זי איז מיט אים מיטגעגאַנגען עטלעכע טריט, זיך צוריק אומגעקערט צום הירשל, וואָס האָט זיך ניט געקענט אויפהייבן און זיך ווידער צו אים צו־געריכט מיט דער מאָרדע. דערנאָך איז זי מיטן אַנדערן הירשל פאַרשוואונדן אין געדיכטעניש פון וואַלד.

דער ערשטער לעבן דעם אומבאַהאָלפענעם הירשל איז גאָר געווען דער וואַלד־היטער, וואָס איז דעמאָלט געגאַנגען אין וואַלד אַריין מיט זיין אויסגעטראָטענער סטעזשקע. באַלד איז אויך אונ־טערגעקומען דער פּאַסטעך מיט זיין הונט. ביידע, דער וואַלד־היטער און דער פּאַסטעך, האָבן זיך אָראָפּגעבויגן צו דעם הירשל, וואָס האָט געציטערט פון ווייטיק און פון אַנגסט. דאָס קליינע באַשעפעניש האָט מיט פאַרהויכטע האַלב־צעעפנטע אויגן זיי אָנגעקוקט און שטו־מערהייט זיך ווי געבעטן, אַז מען זאָל אים קיין שלעכטס ניט טאָן.

דער וואַלד־היטער האָט באַטראַכט דעם הירשלס פעדערשטע פיסלעך, וואָס זיינען אַרום די קני געווען שטאַרק צעקלאַפּט און פאַרבלוטיקט. ער האָט אָפּגעטריבן דעם הונט, וואָס האָט אַ צע־רייצטער געשמעקט צום בלוט, און ער האָט דעם פּאַסטעך געהייסן אויסזוכן צווישן די גראָזן עטלעכע באַבקע־בלעטער. עס האָט ניט גע־נומען לאַנג און דער פּאַסטעך האָט געבראַכט צוטראָגן די גרינע בלעטער, וואָס זיינען נאָך געווען נאַס פון טוי, און דער וואַלד־היטער האָט זיי צוגעלייגט צו דעם הירשלס פאַרוואונדעטע פיס־לעך. דערנאָך האָט דער וואַלד־היטער מיט זיין ראָק איינגעדעקט דאָס באַשעפעניש, עס גענומען אויף די הענט און עס אַוועקגעטראָגן צו זיך אין שטוב אַריין.

2

אין דער שטוב, וואָס די הירשין האָט געהאַט באַמערקט ווי נאָר זי איז אַרויס פון צווישן די ביימער, און וואָס איז געשטאַנען איינע אַליין הינטערן וואַלד, ווייט אַוועק פון דאָרף, האָט זיך שוין ניט איין מאָל פריער אויפגעהאַלטן עפּעס אַ פאַרוואונדעטע חיהלע, אָדער אַ קראַנקער פויגל. עס איז ניט געווען קיין נייעס, אַז דער וואַלד־היטער זאָל אַהיימקומען מיט אַן אומבאַהאָלפן באַשעפעניש. און ווען ער האָט געבראַכט צו טראָגן דאָס הירשל, האָבן זיינע צוויי מיידעלעך, — אַן אַכט־יאָריקער צווילינג, — צוזאַמען מיט זיין ווייב אַלץ אַנגעווענדט עס צו ראַטעווען.

מען האָט געקאָכט פאַרשידענע קרייטעכצער און קאָרינעס און מען האָט אין דעם וואַסער געבאָדן דעם הירשלס קראַנקע פיסלעך. מען האָט זיינע צעקלאַפּטע קני געשמירט מיט זאַלבן און די וואונדן האָבן זיך אָנגעהויבן היילן. די צווילינג־מיידעלעך, וואָס האָבן מיט זייער אויסזען, — מיט זייערע חנעוודיקע פּנימלעך באַשפּרענקלט מיט קלייען, מיט זייערע שיינע רויט־ברוינלעכע קעפּלעך און מיט זייערע דינע פלינקע פיסלעך, דערמאָנט אַן יונגע הירשלעך, — האָבן צוגעהאָלפן ביים היילן דאָס הילפלאָזע באַשעפעניש און זיי האָבן מיט ליבשאַפט זיך אָפּגעגעבן מיט אים. זיי האָבן פאַר דעם הירשל אויסגעבעט אין אַ קעסטל אַ געלעגער פון ווייך היי, זיי האָבן אויף ביינאַכט עס צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמער דעק און זיי האָבן אים געגעבן צו טרינקען וואַרעמע מילך דורך אַ זויג־פלעשל. זיי האָבן גערעדט צו אים ווי צו אַ קליין קינד און צוגעזען, אַז עס זאָל אים גאָרניט פעלן.

דאָס הירשל, וואָס איז ניט מער ווי עטלעכע טעג אַלט געווען ווען דער וואַלד־היטער האָט עס אַהיימגעבראַכט, האָט פון אָנהייב מיט פרעמדקייט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטוב. עס האָט מורא געהאַט פאַר די צווילינג־מיידעלעך, און אויך פאַר זייערע טאַטע־מאַמע.

עס האָט אָבער בּיסלעכווייז, ווי אַ הויז-חיה, זיך צוגעוואוינט צו דער נייער היים. די וואונדן אויף זיינע קני האָבּן זיך גיך געהיילט און אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך עס ווידער געשטעלט אויף זיינע דינינקע פיסלעך. עס איז געוואָרן היימיש מיט די צוויי מיידעלעך, און, ווי זייער קליין הינטל, וואָס זיי האָבּן געהאַט אין שטוב, זיי נאָכגעגאַנגען אויף שריט און טריט.

דאָס יונגע הירשל איז געוואָרן געזונט און מונטער און מען האָט געקענט מיינען, אַז עס האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיין מוטער און אָן דעם וואַלד, וואו עס איז געבּוירן געוואָרן.

אין דרויסן האָט מען עס אָבער די ערשטע צייט ניט אַרויסגע-לאָזט. דער וואַלד-היטער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל עס היטן, אַז עס זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן פון שטוב, ווייל אַמאָל קען זיך אים נאָך פאַרגלוסטן צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין און דאָרט קען עס פאַרצוקט ווערן פון עפּעס אַ ווילדער חיה. ערשט נאָכדעם ווי עס איז אַפּגעוואוינט צו צוויי וואָכן אין שטוב האָט דער וואַלד-היטער אים אָנ-געטאָן אַ לעדערן קעלנערל און די מיידעלעך האָבּן אויף אַ שטריקל פון צייט צו צייט עס אַרויסגעפירט אויף אַ שפּאַציר אַרום דעם הויז.

עס זיינען פאַרגאַנגען עטלעכע וואָכן. דאָס הירשל האָט זיך געהאָדעוועט ביי דעם וואַלד-היטער און פריילעך זיך אַרומגעשפּילט מיט די צווילינג-מיידעלעך. מיטאַמאָל האָט עס ווי פאַרלוירן די רו און געוואָרן ווי איבּערגעבּיטן. זיינע אויגן זיינען געוואָרן ווי פאַרהויכט און עס האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די מונטערקייט. דאָס הירשל האָט פאַרלוירן דעם חשק צום עסן, ניט געוואָלט זיך מער אַרומשפּילן מיט די קינדער, און אויך אויסגעמיטן דאָס הינטל. עס איז אים אויך מער ניט איינגעגאַנגען דאָס ווייכע געלעגער, וואָס מען האָט פאַר אים אויסגעבּעט אין קעסטל.

די צווילינג-מיידעלעך און אויך זייער מוטער האָבּן געמיינט, אַז דאָס הירשל איז עפּעס קראַנק, זיי האָבּן אָבער ניט געוואוסט וואָס

עס איז אים. ווען דער וואַלד־היטער האָט אָבער איינמאָל אין אַ פֿאַרטאָג, ווען אַלע אין שטוב זיינען נאָך געשלאָפֿן, דערזען ווי דאָס הירשל שטייט גאָר ביים נידעריקן פֿענצטער און קוקט אַרויס צום טונקעלן וואַלד, האָט ער באַלד געוואוסט, אַז עס האָט וואָו דער־שמעקט זיין מוטער, און אַז עס האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך איר. דער וואַלד־היטער האָט דאָס דערציילט זיין ווייב און זיינע קינדער און ער האָט זיי געגעבן צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דאָס הירשל האָט זיך אַזוי פֿאַרענדערט. ער האָט אויך גענומען ריידן מיט די קינדער וועגן דעם, אַז מען וועט דאַרפֿן געפֿינען אַ וועג ווי אַזוי עס צוריק־צו־ברענגען צו זיין מאַמען.

3

דער וואַלד־היטער איז אין די פֿאַרטאָגן אַ פּאָר מאָל אַרויסגע־גאַנגען צו די וואַסערן זוכן די הירשן. איינמאָל האָט ער אַהין אַפֿילו אויך אַרויסגעפֿירט דאָס הירשל. די הירשן האָט זיך אָבער דאָרט ניט געוויזן. זי האָט, ווייזט אויס, ניט פֿאַרגעסן אָן דעם אומגליק, וואָס האָט זי געטראָפֿן אַרום וואַסער און זי האָט אפשר אויך געדענקט דאָס בילן פֿון דעם הונט און דעם טומל פֿון די מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען דאָרט אַרבעטן ביים נייעם וועג און ביי דער בריק. איבערלאָזן דאָס הירשל אַליין ביי דעם ברעג וואַלד האָט ער נישט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז עס וועט אין דער ווילדערניש אומקומען און ער האָט עס צוריק אַהיימ־געבראַכט.

דערנאָך זיינען געקומען רעגנדיקע טעג. די זון האָט נאָענט צו אַ וואָך זיך אינגאַנצן ניט געוויזן און עס האָט געהאַלטן אין איין גיסן און אין איין דונערן און בליצן. אין די טעג איז דאָס הירשל

געווען שטאַרק אומרואיק און עס האָט כסדר אַרויסגעקוקט צום דרויסן הורך דעם נידעריקן פענצטער.

נאָך די רעגנס, ווען דער דרויסן האָט זיך ווידער אויסגעלייטערט, איז איינמאָל אין אַ פֿאַרטאָג דער וואַלד־היטער אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ גערויש אין דרויסן. אין שטוב איז נאָך געווען טונקל און אַלע זיינען נאָך געווען פאַרזונקען אין שלאָף. דער וואַלד־היטער איז אין דער שטיל אַראָפּ פון געלעגער און באַלד דערזען ווי דאָס הירשל שטייט פאַרן נידעריקן פענצטער און קוקט אַרוים אין דרויסן. אַ בּאָרוועסער האָט ער מיט שטילע טריט זיך צוגעשאַרט נאָענט צום הירשל, וואָס איז געווען ווי פאַרטייעט און זיך ניט גערירט פון אָרט. דער וואַלד־היטער האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויגן און אויך אַרויסגעקוקט צו דער דרויסנדיקער בלויקייט. ער האָט דערהערט טריט הינטערן פענצטער און באַלד האָט ער דערזען ווי אַ הירש לויפט אַוועק זיך צו באַהאַלטן צווישן די עטלעכע ביימער, וואָס זיינען געוואַקסן הינטער דער שטוב.

דער וואַלד־היטער האָט גלייך געוואוסט, אַז דאָס איז דעם הירשלס מוטער און ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז מסתם ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי קומט פאַרטאָג צום פענצטער. עס קען זיין, אַז די הירשין האָט נאָך פון יענעם פאַרטאָג ווען דאָס הירשל איז אַוועקגעפאַלן, געוואוסט וואו עס געפינט זיך. אפשר האָט זי דעמאָלט, אַ באַהאַלטענע אין וואַלד, צוגעקוקט ווי דער וואַלד־היטער טראָגט עס אַהיים, אָבער זי האָט די ערשטע צייט ניט געהאַט גענוג מוט צוצוגיין ביז צום הויז. און אפשר האָט זי די עטלעכע וואָכן געהאַלטן אין איין אַרומזוכן דאָס הירשל ביז זי האָט ענדלעך דערשמעקט, אַז עס איז ביים וואַלד־היטער אין שטוב.

די הירשין האָט פון צווישן די ביימער אַ פּאָר מאָל אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ, מסתם צו זען צי דער מענטש שטייט נאָך לעבן הירשל ביים פענצטער. באַלד האָבן זיך אויפגעוועקט די צווילינג־

מיידעלעך און אויך זייער מוטער. זיי זיינען אַלע צו צום פענצטער זען וואָס עס איז געשען. דער וואַלד-היטער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו זיינע ליפּן און אין דער שטיל זיי געלאָזט וויסן, אַז דעם הירשלס מאַמע איז געקומען. די קינדער, וואָס האָבן שטאַרק ליב געהאַט דאָס הירשל, האָבן שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט. זיי האָבן ווי האַלב אין שלאָף ביידע זיך צוגעשאַרט צום הירשל, צוגעטוליעט זייערע קעפּלעך צו זיינעם און אָן אַ וואָרט אַרויסצורייידן, זיך מיט אים געזעגנט.

דערנאָך האָט דער וואַלד-היטער אַוועקגענומען דאָס הירשל פון פענצטער און עס געפירט צו דער טיר. די צווילינג-מיידעלעך און זייער מאַמע האָבן טרויעריקע זיך איבערגעקוקט און נאָכגעגאַנגען דעם הירשל, וואָס האָט עפּעס ווי געאַנט וואוהין מען פירט עס איצט. עס איז געווען אַ מונטערקייט אין זיין גאַנג און עס האָט ווי פון אויפרעגונג עטלעכע מאָל אַ ציטער געטאָן.

דער וואַלד-היטער האָט אַרויסגעפירט דאָס הירשל אין דרויסן און אין דער שטיל עס אַ טרייב געטאָן. די צוויי מיידלעך מיט זייער מאַמען זיינען אויך אַרויסגעקומען און שווייגנדיקע געבליבן שטיין ביי דער טיר. דאָס הירשל האָט אַ דריי געטאָן זיין שיין קעפּל אין זייער זייט, דערנאָך איז עס געבליבן שטיין און געהאָרכט. די הירשין האָט פון צווישן די ביימער, וואו זי האָט זיך באַהאַלטן, גע־לאָזט הערן עטלעכע אָפּגעריסענע קלאַנגען און דאָס הירשל איז באַלד אַוועק אין יענער ריכטונג. עס האָט לאַנג ניט גענומען און זיי זיינען דערנאָך ביידע אַרויס אויפן פרייען פעלד און אין בלויען פרי־מאָרגן געשטרעקטע זיך געטראָגן צום וואַלד־צו.

די צווילינג-מיידעלעך, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן טאַטע-מאַמע פאַר דער טיר, האָבן מיט פאַרטרערטע אייגלעך זיי נאָכגעקוקט.

אַ פרעמדער

1

די פרילינג־זון איז אַרוים פון הינטערן באַרג און ווי אויפגע־וועקט דעם טויט־שטילן טאָל פון ווינטערשלאָף. די וואַרעמע זון האָט מיט אירע שטראַלן ווי מיט פיקעס געשפּאָלטן דאָס אייז, וואָס האָט געהאַלטן איינגעקאָוועט די קוואַלן און די אָזערעס. דער שניי האָט זיך דאָרט גיך צעלאָזט, די ערד האָט פון זיך ווי אַרויסגע־אָטעמט אַ פּאַרע און אין איינע עטלעכע טעג איז זי שוין ווי אַ באַרשט געווען אָנגעצויגן מיט גראָז.

דער טאָל, וואָס האָט זיך געשפּרייט צופוסנס פון הויכע גע־קייטלטע בערג איז געוואָרן פול מיט לעבן. עס האָבן זיך צערוישט די וואַסערפאַלן און ריטשקעלעך, עס האָבן זיך דאָרט ווידער געלאָזט הערן אַלערליי באַשעפענישן, וואָס זיינען אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרשטומט און עס האָט ווייט און ברייט אָפּגעקלונגען דאָס געזאַנג פון פייגל, וועלכע זיינען געקומען אין טאָל אַריין בויען זייערע נעסטן. אַ טייל פייגל, וואָס האָבן דאָרט אין די זוניקע טעג געלאָזט הערן זייערע פריילעכע קולות, האָבן ווי מוליאַרעס געבויט זייערע היימען פון בלאָטע נאָענט צו די אָזערעס און אַ טייל האָבן ווי וועבער געוועבט די נעסטן צווישן קאָרטשעס און צווייגן פוןביימער. אַנדערע ווידער האָבן גלאַט אָן קונצן אין פאַרבאָרגענע ווינקעלעך זיך אויס־

געבעט איינפאַכע ווייכע געלעגערס, וואו זיי זאָלן קענען אָפּלייגן און אויסוואַרעמען זייערע אייעלעך.

אין אַ צעוואַרעמטן פרילינג־טאָג זיינען אין טאָל אַריין אויך געקומען אַ פּאָרל קליינע ברוינלעכע זינגפייגל. זיי זיינען געפלויגן אין העל־בלויען רוים. זיי האָבן עטלעכע מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף ביימלעך, אויף אַרוים־סטאַרטשענדיקע שטיינער און געלאָזט הערן זייער געזאַנג. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ביז זיי האָבן דערזען אַ ריזיק־גרויסן שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַן אָפּגעריסענער באַרג־וואַנט ביי אַן אַזערע און איז ווי גע־האַנגען איבערן וואַסער.

די צוויי דריבנע פייגל זיינען צוגעפלויגן צו דעם שטיין און עס איז זיי געפעלן געוואָרן דאָרט צו בויען זייער נעסט. זיי האָבן דאָרט אין דער זייט פון דעם שטיין געפונען אַ פאַרבאָרגענעם שפּאַלט, זיי זיינען אין אים אַריינגעפלויגן און אַרויסגעפלויגן, זיי האָבן אויס־געפאָרשט די אַרומיקע געגנט און שוין געבליבן דאָרט זיך צו באַזעצן.

דאָס פּאָרל פייגל האָט ניט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן אין זייערע שנאָבלען גע־בראַכט צו טראָגן בלעטע און אין דעם שפּאַלט אויסגעקלעפּט אַ נידעריקע און קיילעכדיקע נעסט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעטראָגן היי, פעדערלעך, וואָל פון שאָף, אַלערליי האָר און זיך דאָרט אויסגעבעטט אַ ווייך געלעגער. זיי האָבן געאַרבעט געשיקט און גיך און ווי מיט טויזנט אויגן זיך אַרומגעקוקט. זיי האָבן וואויל געוואוסט, אַז אין דעם טאָל זיינען דאָ גענוג שטאַרקע באַשעפענישן, וואָס לויערן אויף זיי און זיי האָבן זיך געהיט, אַז קיינער זאָל ניט זען ווי זיי כאַפּן זיך אַלעמאָל אַריין אין דעם שפּאַלט, וואו זיי בויען זייער נעסט.

אין מיטן דער אַרבעט האָבן זיי אַלעמאָל ערגעץ פון אַ ביימל געלאָזט הערן זייער געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן ווייט און ברייט.

דאָס זינגען איז געווען ווי אַ מין וואָרענונג צו די פייגל פון קייערס גלייכן, אַז זיי זאָלן ניט וואַגן צו קומען אין יענעם ווינקל בויען זייערע נעסטן, ווייל זיי וואוינען שוין דאָרט און קיין צו־נאָענטע שכנים ווילן זיי ניט האָבן.

דערנאָך, ווען די נעסט איז שוין געווען אויסגעבעט, האָט די „זי" דאָרט אין דער שטיל אָפּגעלייגט פיר דריבנע גרין־בלוילעכע אייעלעך.

2

די צוויי פייגל האָבן געלאָזט הערן זייער געזאַנג ווען זיי זיינען אַרויסגעפלויגן זוכן עסן און ווען זיי האָבן פריילעכע אַרומגעהיפּט צווישן די גראָזן לעבן דער אָזערע. זיי האָבן געהיט זייער נעסט אויף ווי ווייט זיי האָבן געקענט, אָבער אַ פרעמדער פויגל האָט זי געפונען.

עס איז געווען אין דעם טאָג ווען די „זי" האָט אָפּגעלייגט דאָס פערטע אייעלע. אין דרויסן איז געווען ליכטיק און וואַרעם און דאָס פּאָרל איז באַלד אין דער פרי אַרויסגעפלויגן פון זייער נעסט, זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביים ברעג פון דער אָזערע און דער „ער" האָט אַרומגעטענצלט לעבן דער „זי". ער האָט צו איר עפּעס ווי געריעדט און איר אַלע מאָל צוגעשאַרט אַ ווערימל אָדער אַ סלימאַק.

דער „ער" האָט, ווייזט אויס, געוואוסט, אַז באַלד ווי נאָר זיי וועלן זיך צוריק אומקערן אַהיים, וועט די „זי" זיך זעצן אויסוואַרעמען די אייעלעך און זיי וועלן אַ צייט לאַנג ניט קענען אַרומפליען צו־זאַמען אין דעם ליכטיקן און גרינעם טאָל. ער האָט, ווייזט אויס, דער־פאַר געוואָלט, אַז זיי זאָלן איצט וואָס לענגער זיך אַרומשפּילן ביים וואַסער און זיך לאָזן וואוילגיין. די „זי" איז אָבער ניט געווען גוט

אויפגעלייגט. עס האָט זי אַפּנים געצויגן צוריק צו דער נעסט, וואו זי האָט געלאָזט אירע אייעלעך. זי איז געווען שטיל און ווי אין פיבער געשאָקלט מיטן קעפּל.

פּלוצלונג איז ווי פון דער בלויקייט פון הימל אַרויסגעפלויגן אַן אָדלער. ער האָט אַרומגעקרייזט די אָזערע און זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם שטיין וואו די זינג-פייגל האָבן געהאַט זייער נעסט. דער גרויסער אָדלער האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די צוויי קליינינקע פייגל און זיי זיינען אַוועק זיך באַהאַלטן צווישן די גראָזן. דער מעכטיקער אָדלער מיט זיין שאַרפן פאַרבויגענעם שנאָבל איז דאָרט געבליבן שטיין אַנטקעגן דער זון אַ געשטרעקטער אויף זיינע שטאַרקע פיס מיט די שפּיציקע אויסגעבויגענע נעגל און זיך ווי געשפּיגלט אין וואַסער. ער איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט, דערנאָך האָט ער צעשפּרייט זיינע ברייטע פליגל, זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און איז פאַרשוואונדן.

ווי נאָר דער אָדלער איז אַוועקגעפלויגן זיינען די פייגעלעך אַרויס פון צווישן די גראָזן און אַוועק גאַנץ ווייט פון זייער נעסט זוכן שפּייז. ווען זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעפּאַקט זייערע וואַליעס און ווען זיי זיינען שוין געווען גרייט אַהיימצופליען זיינען זיי ווידער איבערגעשראָקן געוואָרן.

דאָסמאָל איז עס געווען אַ קוקוק-פויגל, וואָס האָט זיך געלאָזט מער הערן ווי זען. ער איז געקומען צופליען אין טאָל אַריין איינער אַליין און מיט זיין קוקו-קוקו-רופן אָנגעשראָקן די קלענערע פייגל. דער פרעמדער פויגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ערגעץ לעבן דער אָזערע ניט ווייט פון דער באַרג-וואַנט, וואו דאָס פּאָרל האָט געהאַט זייער נעסט און ער האָט דאָרט אַן אומרואיקער עפּעס ווי אַרומגעזוכט.

די פייגל האָבן אפילו רעכט ניט געזען דעם קוקוק. זיי האָבן אָבער געהערט זיין רופן און זיי זיינען ווידער אַריין צווישן די גראָזן.

3

דער פרעמדער פויגל איז ניט געקומען אין טאָל אַריין זוכן זיין פּאָר. ער איז אויך ניט געקומען דאָרט בויען זיין נעסט. דאָס איז געווען אַ „זי” פון דעם מין קוקוק-פייגל, וואָס בויען ניט קיין נעסטן, וואַרעמען ניט זייערע אייעלעך און האָדעווען ניט זייערע יונגע פייגל. דאָס איז ניט אין זייער נאַטור. זיי וואַרפן אונטער זייערע אייעלעך אין נעסטן פון פרעמדע פייגל און זיי אַליין פירן אַ פריי און זאָרגלאָז לעבן.

די פרעמדע „זי” איז געקומען אין טאָל אַריין זוכן אַ נעסט אויף אָפּצולייגן אירס אַן אייעלע און זי האָט די נעסט געפונען.

ווי פאַרבאָרגן די נעסט פון די צוויי פייגל איז ניט געווען, האָט דער קוקוק זי באַלד דערשמעקט. ער איז צוגעפלויגן צו דעם גרויסן שטיין, און זיך דאָרט אַרומגעקוקט מיט די גנבישע אויגן, וואָס זיינען ווי איינגעפאַסט געווען אין רויטלעכע רינגען. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַריינגעקוקט אין דעם שפּאַלט, וואו די נעסט איז געווען, געשאָקלט מיט זיין לאַנגן עק, און דערנאָך אַריין אינעווייניק.

די פרעמדע „זי” האָט אין דער נעסט זיך באַלד דערפילט היימיש. זי האָט פאַרזיכטיק און געשווינט מיטן שנאָבל אויפגעהויבן איינס פון די פיר אייעלעך און זיך גלייך באַזעצט אין דער נעסט ווי דאָס וואָלט געווען איר אייגענע. מיטן אייעלע אין שנאָבל איז זי אַזוי אָפּגעזעסן אויף דער קליינער נעסט עטלעכע רגעס, ביז זי האָט דאָרט גאַנץ גרינג אָפּגעלייגט אירס אַן איי, וואָס איז אויך געווען בלוילעך-גרין. איר אייעלע האָט זי געלאָזט אין דער נעסט און דאָס אייעלע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין שנאָבל האָט זי מיטגענומען מיט זיך.

דער פרעמדער פויגל האָט אין דער שטיל זיך אַרויסגעכאַפּט פון דעם שפּאַלט אין דער באַרג-וואַנט און זיך אַראָפּגעלאָזט צווישן די גראָזן. דאָרט האָט ער אויסגעטרונקען דאָס אייעלע, וואָס ער

האָט צוגערויבט פון דער נעסט און ער איז דערנאָך מיט אַ הויכן קוקו־רופן אַוועקגעפלויגן פון טאָל.

ווען מען האָט מער ניט געהערט דאָס רופן פון דעם קוקוק האָבן די צוויי זינג־פייגל זיך אומגעקערט צו זייער נעסט. זיי זיינען צוערשט צוגעפלויגן צו דעם גרויסן שטיין, דאָרט געהאָרכט, געקוקט אין אַלע זייטן און דערנאָך אַריין אין דעם שפּאַלט.

זייער נעסט איז געווען גאַנץ און עס האָט דאָרט אַפילו קיין האָר ניט געפעלט. זיי האָבן אָבער דאָרט באַלד ווי דערשפּירט עפּעס אַ פרעמדן אָטעם און די „זי" האָט די ערשטע אַרויסגעלאָזט עטלעכע אָפּגעריסענע קלאַנגען. אירע בליקן זיינען געווען געווענדט צו די פיר אייעלעך און זי האָט אַן אומרואיקע עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קעפּל גלייך ווי זי וואָלט זיי געציילט.

דער „ער" האָט זיך אויך געלאָזט הערן, אָבער אין זיין קולעכל איז געווען מער זיכערקייט. ער האָט אַרומגעהיפּט, ווי געפּאָרשט צי איז צו זיי ניט אַריינגעקראָכן אַ שלענגל און צי האָט זיך ניט אַריינגעכאַפּט אין זייער היים עפּעס אַן אַנדערער שונא. די „זי" האָט זיך דערוויילע באַרואיקט, זי האָט זיך באַזעצט אויף דער נעסט און צונויפגעשאַרט די אייעלעך אונטער זיך. דער „ער" האָט זיך צוגעזעצט לעבן איר אין דער זייט.

4

טאָג און נאַכט האָט די „זי" געוואַרעמט די פיר אייעלעך אונטער זיך. דער „ער" האָט נאָר פון צייט צו צייט פאַרנומען איר אָרט. זי האָט אים ניט צו־לאַנג געטרויט צו זיצן אויף די אייעלעך. פון צייט צו צייט איז זי אַרויס אין ליכטיקן דרויסן, אָבער ניט מער ווי אויף עטלעכע מינוט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם גרינעם טאָל, זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער, איינגעאָטעמט אַביסל פרישע לופט און צוריק אַוועק צו דער נעסט.

עס האָט ניט גענומען קיין פולע צוויי וואָכן און אַלע פיר פייגעלעך האָבן זיך אַרויסגעפּיקט פון די אייעלעך. נאָך איידער די נאַקעטע און דריבנע באַשעפענישן האָבן געעפנט די אייגלעך און אָנגעהויבן זען, האָבן זיי שוין אויפגעמאַכט זייערע געלבלעכע פּיסקלעך און מיט אַ פּישטשען געמאָנט עסן.

דאָס פּאָרל, דאָס הייסט די טאַטע־מאַמע פון די יונגינקע פייגע־לעך, האָבן באַלד אין זייערע שנאָבלען געבראַכט צו טראָגן שפּייז און זיי גענומען האָדעווען. און באַלד האָט דער „ער" דער ערשטער באַמערקט אַז איינס פון די פייגעלעך איז טונקעלער און אויך גרעסער פון די אַנדערע. די „זי" ווידער האָט דערזען, אַז דאָס גרעסערע פייגעלע צעעפנט ברייטער זיין מויל און אַז עס שרייט אויך העכער. דאָס איז פאַר איר געווען אַ סימן, אַז עס איז הונגעריק און אַז עס דאַרף מער עסן פון די אַנדערע. זי האָט דאָס פייגעלע געזוכט איינצושטילן און מיט מוטערלעכער געטריישאַפט עס גע־האַלטן אין איין האָדעווען.

דאָס טונקעלע פייגעלע מיט דעם ברייט־צעעפנטן מויל, וואָס איז שטענדיק געווען הונגעריק און שטענדיק זיך געלאָזט הערן, האָט זיך אויסגעפּיקט פון דעם אונטערגעוואָרפענעם קוקוק־אייעלע. די צוויי פייגל וואָס האָבן דאָס אייעלע אויסגעבריט, האָבן אָבער ניט געוואוסט פון קיין אונטערשיד און דער יונגער קוקוק איז ביי זיי געווען איינס פון זייערע אייגענע פייגעלעך. פאַרקערט, אַזוי ווי דער קוקוק האָט פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס ער האָט זיך אויס־געפּיקט פון איי, געדאַרפט מער עסן, האָבן זיי זיך מיט אים נאָך מער אָפּגעגעבן.

דער יונגער קוקוק, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פרעסן, איז שנעלער געוואַקסן ווי די אַנדערע דריי פייגעלעך און ער האָט אויך פאַרנומען מער פּלאַץ אין דער נעסט. ער האָט שוין אויפן צווייטן טאָג גענומען שאַרן מיט זיינע נאַקעטע פליגל און אָפּגעשטופּט

די אַנדערע דריי פייגעלעך זיי זאָלן ניט זיין צו נאָענט צו אים. ביינאַכט ווען עס איז געווען קיל, האָט ער כאַטש איינער אַליין געוואָלט זיך וואַרעמען אונטער דער „זי" און ער האָט מיט כוח אָפּגעשטופּט די אַנדערע פייגעלעך.

ביינאַכט, ווען דער טאָל מיט אַלע זיינע באַשעפעניש׳ן איז געווען פאַרזונקען אין רו, ווען מען האָט פון די נעסטן קיין שאָרך ניט געהערט, איז מען ביי די זינג-פייגל געווען וואַך. דער קוקוק-פויגל האָט נאָר געוואָלט זיצן אין סאַמע מיט פון דער נעסט און ער האָט געהאַלטן אין איין אָפּשטופּן די אַנדערע פייגעלעך, וואָס האָבן געציטערט פון קעלט און געפּישטשעט. דאָס אַלטע פּאָרל האָט אַלעמאָל ווי אָנגעשריגן אויף דעם קוקוק, וואָס האָט זיך געטוליעט צו זיי, גלייך ווי ער וואָלט ביי זיי געווען אַן איין-און-איינציקער. זיי האָבן אַלע מאָל צונויפגערוקט די אַנדערע פייגע-לעך און זיי געוואָלט אָנוואַרעמען, אָבער דער קוקוק האָט זיך ווייטער געטאָן זיינס.

5

דער יונגער קוקוק איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן גרעסער און שטאַרקער און ער האָט פאַראומערט דאָס לעבן פון די אַנדערע דריי פייגעלעך. ער האָט נאָר געוואָלט די גאַנצע נעסט פאַר זיך און ער האָט אויך געוואָלט דאָס גאַנצע עסן, וואָס די אַלטע פייגל האָבן געבראַכט פאַר אַלעמען. די דריבנע פייגעלעך זיינען אים געווען אין וועג און עס איז ביי טאָג און ביינאַכט ניט געווען קיין רו אין דער נעסט.

ווען דער קוקוק איז אַלט געווען עטלעכע טעג האָבן זיך שוין אָנגעהויבן ווייזן פעדערלעך אויף זיינע פליגל און ער איז שוין געווען שטאַרק גענוג אָפּצושטופּן פון זיך אַלע דריי קליינע פיי-

געלעך און צו כאַפּן אַ סך מער עסן פון זיי. דאָס אַלטע פּאָרל האָט פון באַגינען ביזן אָוונט געהאַלטן אין איין ברענגען שפּייז, אָבער עס איז פאַר דעם פרעסער קיינמאָל ניט געווען גענוג און ער איז אַלעמאָל געווען הונגעריק און צערייצט.

איינמאָל האָט ער אַ צערייצטער אין מיטן העלן טאָג אויסגעלאָזט זיין כעס צו די דריי פייגעלעך, וואָס האָבן דורך אים ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן און זיינען געווען הונגעריק און אָפּגעשוואַכט. די קליינע פייגעלעך האָבן ווי אַלעמאָל געזוכט זיך צו טוליען צו אים. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן זייער נאָענטקייט און ער האָט אַ בייזער גענומען אַרבעטן מיט זיינע פליגל. ער האָט מיט אַזאַ קראַפט זיי אָפּגעשטופּט פון זיך, אַז איינס פון זיי איז אַרויס פון דעם שפּאַלט און אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

דאָס אַלטע פּאָרל איז דעמאָלט אין דער נעסט ניט געווען און ווען זיי זיינען געקומען צו פליען מיט שפּייז האָבן די יונגע פייגעלעך גענומען שטרעקן זייערע ברייט־צעעפנטע מיילער, גלייך ווי עס איז גאָרניט ניט געשען. די „זי" האָט אָבער באַלד דערזען, אַז נאָר דריי מיילער שטרעקן זיך צו איר און זי האָט אַן אומרואיקע גענו־מען רופן דאָס פעהלטע פייגעלע. דער קוקוק האָט אָבער אויפן קול איר געלאָזט וויסן, אַז ער איז הונגעריק און זי ווי פאַרטומלט. זי האָט אים באַלד גענומען האָדעווען און אים אַביסל איינגעשטילט

אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען די אַלטע צוויי פייגל זיינען אַרויס־געפלויגן זוכן שפּייז האָט דער קוקוק פאַרפירט אַ מלחמה מיט די איבערגעבליבענע צוויי יונגינקע פייגעלעך אויף לעבן און טויט. ער האָט אַ צערייצטער זיי גענומען קלאַפּן מיט זיינע קרעפטיקע פליגל, וואָס זיינען שוין געווען באַוואַקסן מיט פעדערלעך, און זיי נאָר געוואָלט אַרויסשטופּן פון דער נעסט. די אָפּגעשוואַכטע פייגעלעך האָבן מיט אַ געיאָמער זיך געטוליעט איינס צו ס'אַנ־דערע, זיי האָבן זיך געקלאַמערט אָן זייער נעסט און מיט די לעצטע

כוחות זיך געווערט. דער קוקוק איז אָבער געווען שטאַרקער פון זיי ביידע און ער האָט מיט רציחה זיי אַרויסגעשטופּט אין וואַסער אַריין.

ווען דאָס אַלטע פּאָרל איז צוריקגעקומען איז דער קוקוק זיך געזעסן איינער אַליין אין דער נעסט און גלייך ווי גאָרניט געשטרעקט זיין ברייט-צעעפנט מויל. די צוויי פייגל האָבן אויפגערודערטע גענומען פאָדען אַרום דער נעסט און געזוכט זייערע קינדער, אָבער זייער זוכן און זייער רופן איז געווען אומזיסט.

דאָס פּאָרל האָט איצט באַטראַכט דאָס איינציקע פייגעלע, וואָס איז געבליבן און ווי אָנגעהויבן באַמערקן, אַז עס איז עפּעס אינגאַנצן אַנדערש פון זיי און אַז עס איז אומגעלומפּערט גרויס. דער קוקוק איז זיי אָבער פּאָרט געווען אייגן און ווען ער האָט זיך געלאָזט הערן און געמאָנט עסן, האָט די „זי" אַלץ אָנגעווענדט אים אָנצוהאָדעווען צו דער זאָט. עס איז פאַר איר מער ניט געווען אַזוי לייכט צו האָדעווען אַזאַ איבערגעוואַקסענעם פויגל, וואָס איז שוין געווען פיל גרעסער פון איר. זי האָט זיך געמוזט זעצן אויף זיין ברייטן רוקן און פון דער זייט אים געבן דאָס עסן אין מויל אַריין.

מיט יעדן טאָג האָבן די צוויי פייגל אַלץ מער געמערקט, אַז דער קוקוק איז גאָרניט געראָטן אין זיי. זיין פירעכץ, זיין גרילצנדיק רופן און שרייען און זיין מאָנען אַלץ מער עסן און דערצו נאָך די בענקשאַפט נאָך די אַנדערע פייגעלעך, וואָס זיינען פאַרשוואונדן פון דער נעסט, האָבן ביי דעם אַלטן פּאָרל ווי צוגענומען דעם חשק צו זינגען. זיי זיינען געוואָרן פאַראומערט און זיי האָבן זיך ניט צו אָפט געלאָזט הערן. זיי האָבן אַזוי געהאָדעוועט דעם פרעמדן פויגל, ביז ער האָט איינמאָל אין מיטן העלן טאָג אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע אויסגעוואַקסענע פליגל און איז פון זיי אַוועקגעפלויגן.

דער אַלטער בוים

1

קיינער האָט ניט געוואוסט צי דער אַלטער באַרן־בוים, וואָס איז געוואַקסן אין מילנערס גאָרטן, האַרט ביים וועג, איז דאָרט אַמאָל פאַרפלאַנצט געוואָרן, צי ער איז פון אַ פאַרוואָרפן קערנדל, אַזוי פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן. די אַרומיקע דאָרפסלייט האָבן אָבער געגלויבט, אַז דער באַרן־בוים איז נאָך אין זיין יוגנט פאַרשאָלטן געוואָרן. אין אויסזען איז דער בוים מיט זיין שאָרסקן שטאַם און מיט זיינע געשטרעקטע צווייגן געווען זייער ענלעך צו אַנדערע ביימער פון זיין מין, אָבער זיינע באַרן זיינען געווען אַזוי האַרט און טערפקע, אַז מען האָט זיי אין מויל ניט געקענט נעמען.

יעדן פרילינג, ווי נאָר די זון האָט אַ וואַרעם געטאָן, איז דער ווילדער באַרן־בוים געווען צווישן די ערשטע ביימער אויפצולעבן. עס האָט אַרום אים אָנגעהויבן שמעקן מיט פרישן זאַפט, וואָס האָט זיך צעקוועלט אין זיינע אָדערן, און זיינע צווייגן, וועלכע זיינען אַ גאַנצן ווינטער געווען שטייף, זיינען געוואָרן בייגעוודיק. יעדעס צווייגל פון בוים איז באַלד אָפגעדעקט געוואָרן מיט קנאָספן, וואָס האָבן שוין אין די ערשטע וואַרעמע טעג אויסגעזען ווי דריבנע הייפטלעך קרויט. די קנאָספן האָבן זיך גיך צעעפנט און צעבליט און דער בוים איז איינגעהילט געוואָרן אין ווייסן צוויט.

דער ווילדער באַרן־בוים, וואָס איז געשטאַנען ביים וועג, איז

יעדן פרילינג, נאָר ווי דורך אַ כישוף, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַנטאַסטיש־גרויסער בלום, וואָס האָט אויסגעשפּרייט אַרום זיך אַ מחיהדיקן ריח. דער צעבליטער בוים האָט יעדן פרילינג צו זיך צוגעצויגן פייגל, וואָס האָבן געזוכט אַן אָרט וואו צו בויען זייערע נעסטן. זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט צווישן די צווייגן, וואָס זיינען געווען געדיכט באַדעקט מיט בלעטער און מיט צווייט און פאַר־קלונגען דעם אַרום מיט זייער געזאַנג.

אין דער צייט ווען דער בוים איז געשטאַנען אַ צעבליטער און די פייגל האָבן זיך געלאָזט הערן פון צווישן זיינע צווייגן, האָט עפּעס ווי אַ יום־טובדיקייט אים אַרומגענומען. ער איז דעמאָלט געווען גלייך מיט אַלע אַנדערע אויבסט־ביימער. ווען ער האָט אָבער פאַרלוירן זיין צווייט, האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די יום־טובדיקע פראַכט און עס האָט זיך געלייגט אַרום אים אַן אומעטיקע וואָכע־דיקייט ווי אַרום אַ ווערבע. דער צווייט איז אַ צוגעוויאַנעטער אַראָפּ־געפאַלן פון די שטענגלעך און צוזאַמען מיט דער שאָלעכץ פון די אייעלעך, פון וועלכע עס האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעפּיקט די פייגעלעך, האָט ער זיך געוואַלגערט אויף דער ערד אַרום דעם שטאַם פון בוים.

פונקט ווי עס האָבן פון די נעסטן צווישן די צווייגן דערנאָך זיך אָנגעהויבן ווייזן די קעפּעלעך פון די יונגע פייגעלעך, אַזוי האָבן אויך אויף די שטענגלעך פון בוים זיך גענומען אָנזען יונגע באַרן. זיי זיינען דורכן זומער געוואַקסן און געוואָרן גרויס. אָבער קיינער האָט אויף די באַרן ניט געוואַרט. יעדער איינער האָט שוין גע־וואוסט, אַז זיי זיינען האַרט ווי שטיינער, ביטער ווי גאַל און מען האָט זיי אַפילו ניט געוואָלט פאַרזוכן.

אין האַרבסט, ווען מען האָט אין די סעדער אַראָפּגענומען דאָס אויבסט פון די ביימער, איז דער באַרן־בוים געבליבן אַ פאַרשעמטער. זיינע צווייגן זיינען געווען באַלאָדן מיט באַרן, אָבער קיינער איז

ניט געקומען זיי אַראָפּנעמען. עס זיינען אונטערגעקומען די טריבע האַרבסט־טעג און די באַרן האָבן ווי פאַרשעמטע נעסטנווייז זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און זיך געהאַלטן אויף די שטענגלעך ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געקענט. די בלעטער אויפן בוים האָבן זיך גענומען מיניען אין גאָלד־געלע און אין ברוינלעכע קאָלירן, אָבער די באַרן האָבן כמעט אַלע אָנגעהאַלטן זייער גרינקייט. זעלטן איז איינע פון זיי געוואָרן בלייכער, אָדער עטוואָס צוגערויטלט.

די באַרן האָבן זיך אַזוי געהאַלטן אויפן בוים ביז עס איז געקומען אַ רויער האַרבסט־ווינט און זיי ווי פייגל צעטריבן. זיי זיינען מיט שטילן געררויש געפאַלן צו דער ערד, זיך אַוועקגעקייקלט צום וועג צו, אָדער געבליבן ליגן אין גאָרטן. קיינער האָט זיי ניט אויפגעהויבן. זיי האָבן זיך אַזוי אַרומגעוואַלגערט ביז זיי האָבן אָנגעהויבן פוילן און ביז עס איז אויסגעפאַלן אַ שניי און זיי צוגעדעקט.

ווינטער איז דער ווילדער באַרן־בוים געבליבן אַ נאַקעטער און זיינע פאַרגליווערטע צווייגן האָבן מיט אַן אומהיימלעכקייט זיך געשטרעקט אין דער הויך. ווינטער, ווען די רעדער פון דער מיל זיינען געווען איינגעפרוירן, האָט דער מילנער פון זיין שטוב דורכן פענצטער ניט איינמאָל אַרויסגעקוקט צו דעם באַרן־בוים. ער האָט ניט איין מאָל אויך געטראַכט, אַז דער בוים איז אים אין וועג, ווייל ניט גענוג וואָס זיינע באַרן טויגן צו גאָרניט, צעשפּרייט ער זיך יעדן זומער מיט זיינע צווייגן איבער אַ גרויס שטיק גאָרטן און לאָזט אַהין ניט צו קיין זון.

שטיל אין האַרצן האָט דער מילנער אויך ניט איין מאָל געטראַכט, אַז ער האָט פון דעם בוים שוין לאַנג געווען באַדאַרפט פּטור ווערן. ער האָט אים אָבער קיינמאָל ניט געטשעפּעט, ווייל ער איז געווען איינגעגלויבט, אַז אַן אויבסט־בוים, וואָס האָט נאָך אין זיך לעבן און כוח צו וואַקסן, טאָר מען אים ניט אויסהאַקן, ווייל מען קען נאָך אַזוי אַרום אויף זיך ברענגען אַן אומגליק.

Ch Rumengrossi

2

איינמאָל האָט אָבער דער מילנער פון עמעצן זיך געלאָזט איינ־רעדן, אַז אַפּראָמען אַזאַ בוים פון וועג קען ניט פאַררעכנט ווערן פאַר קיין זינד, ווייל פון זיינע פרוכט האָט דאָך סיי ווי קיינער ניט קיין הנאה. און איינמאָל אין אַ פראָסטיקן פאַרשנייטן ווינטער־טאָג האָט ער זיך טאַקע אויך אַוועקגעלאָזט צום בוים מיט זיין אויסגעשאַרפטער האַק. ער האָט אין גאַנג ווי צו זיך אַליין גערעדט, אַז דער באַרן־בוים איז שוין סיי ווי אַלט און אַז עס איז אַ שאָד דאָס שטיק גאָרטן וואָס פוסטעוועט.

דער באַרן־בוים האָט טאַקע דעמאָלט שוין געהאַט אַ סך יאָרן. זיין שטאַם איז אויף איין זייט געווען באַוואַקסן מיט מאָך און שוין געהאַט עטלעכע אויסגעפוילטע לעכער. דער בוים איז אויך נאָענט ביי דער ערד געווען באַזעצט מיט אַזעלכע גרויסעביילן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געשווירן.

דער מילנער האָט נאָענט לעבן בוים זיך אָפּגעשטעלט און אים גענומען באַטראַכטן. ווי שטייף און ווי פאַרגליווערט פון פראָסט דער נאַקעטער בוים איז ניט געווען, איז ער אָבער דעם מילנער פאָרגעקומען ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס איז פאַרזונקען אין שלאָף. ווי שאַרף די לופט איז ניט געווען אין דעם קאַלטן דרויסן איז אים פאָרגעקומען, אַז דער בוים אָטעמט מיט דעם ריח פון זיין איינגעפרוירענעם זאַפט.

דער מילנער האָט אַרויפגעקוקט צו די צווייגן, וואָס זיינען געווען שטייף און זיך קיין ריר ניט געטאָן. איין צווייג, נאָך גאָר אַ יונגע, וואָס האָט זומער אין צייט פון וואַקסן ווי פון פאַרשייטקייט זיך אַרויסגערוקט העכער פון בוימס קרוין, האָט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע זיך געשטרעקט אין דער הויך איינע אַליין. אַ צווייטע, וואָס האָט, ווייזט אויס, אין דער צייט פון וואַקסן עפּעס ווי מורא געהאַט

זיך אַוועקצוציען צו ווייט פון שטאָט, האָט אַן אויסגעבויגענע, אַ קרומע, ווי צוליב היימלעכקייט, זיך געטוליעט צו אַן אַנדערער צווייג, זי נאָר אַרומצונעמען. אַ דריטע צווייג, אַ צוויי־אָרעמדיקע, איז דעם מילנער פאָרגעקומען, אַז דאָס שטרעקט זי זיך צו אים אין געבעט, אַז ער זאָל זיך ניט צורירן צום בוים מיט דער האַק.

דער מילנער איז לאַנג געשטאַנען לעבן בוים, אים באַקוקט פון דער נאָענט, זיך דערמאָנט ווי ער זעט אויס אין פרילינג ווען ער איז אָנגעטאָן אין בליאונג און ער האָט אַרויסגעלאָזט די האַק פון האַנט. ער האָט דערנאָך אַ פאַרטראַכטער מיט לאַנגזאַמע טריט זיך אַרויסגעשאַרט פון גאָרטן און איז אַוועק צוריק צו דער שטוב.

יענע נאַכט האָט דער מילנער געהאַט אַן אומרואיקן שלאָף. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער גייט גאָר מיט אַ שאַרף מעסער אויף זיינעם אַן אַלטן גוטן שכן, וואָס ליגט אַן איבערגעדעקטער מיט אַ ווייסער דעק. ער איז געווען גרייט אומצוברענגען דעם גוטן שכן, אָבער ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט לעבן אים האָט יענער ברייט צעעפנט די אויגן און שטום, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, אים אָנגעקוקט. דער מילנער האָט באַלד דערויף זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַן אויפגערודערטער פון דעם מאָדנעם חלום לאַנג געבליבן וואַך.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס דער מילנער האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער האַק אויף דעם באַרן־בוים. ער האָט זיך נאָך אין געדאַנק דערנאָך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, אַז ער האָט גאָרניט צום בוים, כאָטש ער האָט פון אים ניט קיין שום נוצן, און אַז ס'גייט אים נאָר אין דעם שטיק גאָרטן, וואָס איז איינגאַנצן אין שאָטן און עס קען דאָרט גאָרניט וואַקסן. ער האָט זיך ווי געפילט שולדיק קעגן דעם בוים און עס איז ביי אים געבליבן, אַז ער זאָל אים לאָזן שטיין אין גאָרטן ביז ער וועט אַזוי פון זיך אַליין איינגיין און אָפּשטאַרבן.

דער אַלטער באַרן־בוים איז אָבער שוין לאַנג ניט געווען אין וועג זיין באַלעבאָס. ווען עס איז אונטערגעקומען דער פרילינג, האָט ער זיך צעבליט ווי אַלע יאָר, אָבער עס איז עפּעס שוין ניט געווען דערזעלבער בוים. גראָד אין פרילינג, ווען עס זיינען צוגעפאַלן אַ סך רעגנס, האָט ער ווי פון אַלטקייט, זיך עפּעס אַ בייג געטאָן סקאָסנע צום גאָרטן־צו און גראָד ווען ער האָט געבליט, זיינען די אויסגעפּוילטע לעכער אין זיין שטאַם געוואָרן גרעסער. יענעם פרי־לינג האָט אויך אָן אַלטע דיקע צווייג, וואָס האָט געצויגן איר זאַפט פון דער זייט פון שטאַם, וועלכער האָט געהאַט די לעכער, שוין ניט געהאַט קיין סך בלעטער און נאָך וויניקער צוויט.

דער בוים האָט אָבער, אין דער צייט ווען ער איז געווען צעבליט, נאָך אַליין פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זיין שיינקייט. ער האָט נאָך אַלײן צוגעצויגן צו זיך אַ סך פייגל, וואָס האָבן פון צווישן זיינע צווייגן געלאָזט הערן זייער געזאַנג. דאָס איז אָבער געווען זיין לעצטער פרילינג.

שפּעט אין זומער, ווען דער בוים איז געווען באַלאָדן מיט זיינע גרינע הארטע באַרן, איז ער אין אַ שטאַרקן געוויטער אומגעקומען. דאָס געוויטער האָט אויסגעבראָכן ביינאַכט, נאָכדעם ווי די היצן האָבן אָנגעהאַלטן אַ פּאָר וואָכן. מען האָט געוואַרט אויף רעגן און ווען דער רעגן איז געקומען אין אַ מיטן נאַכט האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ שטאַרקן שטורעם, וואָס האָט מיט דונערן און בליצן און מיט אַ ווילד ברומען זיך אַ לאָז געטאָן אויף די גערטנער און סעדער. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט דאָס קנאַקן און דאָס טרעשטשען פון ביימער און אינדערפרי, ווען עס איז שוין געווען נאָכן שטורעם און נאָכן רעגן, איז דער אַלטער באַרן־בוים געלעגן אַן אויסגעצויגענער אין גאָרטן. זיין שטאַם האָט אין שטורעם לענג־אויס זיך צעשפּאָלטן און די העלפט פון זיין קראַנקער זייט מיט די אויסגעפּוילטע לעכער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער ערד מיט

שטיקער וואָרצלען און די אַנדערע העלפט, די גערזינטערע, האָט זיך איבערגעבראָכן.

3

ווען דער מילנער האָט אינדערפרי דערזען ווי דער בוים מיט זיינע באַבלעטערטע צווייגן און מיט זיינע באַרן ליגט אויף דער ערד, האָט אים עפּעס אַ ריר געטאָן ביים האַרצן. ער האָט ערשט איצט דערפילט ווי נאָענט עס איז אים געווען דער בוים, וואָס ער האָט אים אַ גאַנץ לעבן געהאַט פאַר זיינע אויגן. ער האָט באַקוקט דאָס אָפּגעשפּאָלטענע נידעריקע שטיקל פּיען, וואָס איז געבליבן פאַרוואָרצלט אין דער ערד און ער האָט געטראַכט, אַז ניט אַנדערש נאָר ער אַליין האָט דעם בוים פאַרשריגן.

עס האָט אים באַנג געטאָן נאָך דעם בוים. ער האָט אָבער ניט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד אים גענומען אָפּראַמען פון גאָרטן. ער האָט צעזעגט זיין שטאַם, צעהאַקט די צווייגן און שטיקלעכווייז אַוועקגעטראָגן דעם בוים צו דער קופּע האָלץ, וואָס איז געווען צוגעגרייט אויפן ווינטער. צולעצט האָט ער אונטערגעגראָבן דעם פּיען, וואָס איז געזעסן אַ פאַרוואָרצלטער טיף אין דער ערד. ער האָט די וואָרצלען אין דער טיף פון דער ערד איבערגעהאַקט און ער האָט אַרויסגענומען דאָס איבערבלייבעכץ פון דעם אַלטן באַרן-בוים. דערנאָך האָט ער אויסגעגלייכט די ערד, ווי עס וואָלט דאָרט קיינמאָל קיין בוים ניט געווען.

אין פרילינג, ווען דער מילנער האָט פאַרזייט זיין גאָרטן מיט קוקורוזעס און אַלערליי גרינסן, איז אויף דעם אויסגערוטן שטיק ערד, וואו דער בוים האָט יאָרן לאַנג געהאַט אויסגעשפּרייט זיין שאָטן, אַלץ געוואַקסן ווי אויף הייוון. דער מילנער איז דערפון געווען זייער צופרידן, אָבער ער האָט גאַנץ אָפט זיך דערמאָנט אָן

דעם בוים, וואָס האָט אים ווי אויסגעפעלט. מער אויסגעפעלט האָט דער בוים די פייגל. זיי זיינען אין פרילינג געקומען צו פליען מיט געזאַנג, גרייט זיך צו נעמען בויען זייערע נעסטן און ווי פאַר־וואונדערטע אַרומגעקרייזט דעם גאָרטן. זיי זיינען אַוועקגעפלויגן און ווידער צוריקגעקומען, זיי האָבן געפלאַטערט נאָענט ביי דער ערד, אַרומגעהיפּט דאָרט אויפן פּלויט און ווי גערעדט צווישן זיך וועגן דעם באַרן־בוים, וואָס איז פאַרשוואונדן.

אין גאָרטן איז יענעם פרילינג טאַקע מער ניט געווען קיין סימן פון דעם בוים. עס זיינען אָבער טיף אין דער ערד פון אים געבליבן נאָך געזונטע וואָרצלען, וואָס האָבן אין די וואַרעמע טעג אויפגע־וואַכט און זיך גענומען ציען צו דער זון. אייניגע פון די וואָרצלען, וואָס זיינען געווען איבערגעהאַקט, האָבן געטריפט מיט זאַפט און זיי זיינען ווי פאַרוואונדעטע באַשעפעניש, וועלכע גייען אָפּ אין בלוט, אָפּגעשטאָרבן. אַנדערע ווידער האָבן זיך געצויגן און געדרייט אונ־טער דער ערד און ווי מיט די לעצטע כּוחות זיך אַרויסגעריסן פון דער פינצטערער טיפעניש צו דעם ליכטיקן דרויסן.

עטלעכע טריט פון דעם אָרט וואו עס איז פריער געשטאַנען דער אַלטער באַרן־בוים, האָבן פון זיינע איבערגעבליבענע וואָרצלען אַרויסגעשפּראָצט צוויי קליינינקע ביימעלעך און ציטערדיקע זיך גענומען ציען צו דער זון. אַזוי ווי דער גאָרטן איז אָבער דעמאָלט שוין געווען פאַרוואַקסן מיט אַלערליי גרינסן און מיט קוקורוזעס, האָט קיינער ניט באַמערקט די צוויי שפּראָצונגען, וואָס זיינען געווען ניט ווייט אָפּגערוקט איינס פון ס׳אַנדערע. זיי זיינען זיך געוואַקסן ווי באַהאַלטענע און קיינער האָט זיי ניט געטשעפּעט.

ערשט אין האַרבסט, ווען דער גאָרטן איז געבליבן אַ נאַקעטער, האָט דער מילנער באַמערקט די צוויי ביימעלעך, וואָס האָבן דע־מאָלט אים שוין דערגרייכט ביז צו די קני. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען זיי אויסצורייסן. ווען ער האָט זיך אָבער צו זיי אַראָפּ־

געבויגן האָט ער ניט געהאַט דאָס האַרץ דאָס צו טאָן. די צוויי יונגינקעביימעלעך, וואָס האָבן אים דערמאָנט אָן די צווייגלעך פון דעם באַרן־בוים, זיינען אים פאַרגעקומען ווי קינדער. איינס איז געווען אַ גלייכס, אָן אויסגעצויגנס און איינס איז געווען אַ צוויי־אָרעמדיקס, וואָס האָט ווי געציטערט און ווי מורא געהאַט פאַר דעם מילנער. ער האָט דערפילט אַ וואַרעמקייט אַרום זיין האַרצן און אָנשטאָט אַרויסצורייסן די צוויי יונגע שפּראָצונגען פון דעם אַלטן באַרן־בוים, האָט ער גאָר געזוכט אַ וועג זיי צו באַשיצן, אַז זיי זאָלן ניט אומקומען. ער האָט לעבן יעדן פון די ביימלעך אַריינגעשלאָגן אַ פּלאָקן און זיי גוט באַוואָרנט מיט שטריקלעך.

די צוויי ביימלעך זיינען גיך געוואַקסן און נאָך אַ פּאָר יאָר האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אָנזען אין גאָרטן. איידער זיי זיינען אָבער געוואָרן גרויס גענוג אויף צו בליען מיט צווייט און אויף צו האָבן אויף זיך באַרן, האָט דער מילנער זיך באַמיט זיי ווי צו פאַרהיטן, אַז זיי זאָלן ניט פאַרשעמט ווערן מיט זייערע פּירות ווי דער אַלטער באַרן־בוים. ווען זיי זיינען אונטערגעוואַקסן און זייערע שטאַמען זיינען געוואָרן דיקער האָט ער זיי געשטשעפּעט מיט צווייגלעך פון אַ בוים, וואָס האָט אויף זיך געהאַט גוטע באַרן.

דער מילנער האָט אונטערגעזעגט די ביימלעך, געמאַכט שפּאַלטן אין זייערע שטאַמען און אין זיי אַריינגעפּאַסט די פרעמדע צווייג־לעך. ער האָט דערנאָך די ערטער וואו ער האָט אַריינגעפּלאַנצט די צווייגלעך פאַרגאָסן מיט וואַקס, פאַרקלעפּט מיט ליים און אויך אַרומבאַנדאַזשירט די שטאַמען מיט זאַק־לייוונט. די אַריינגעפּאַסטע צווייגלעך זיינען גיך צוגעוואַקסן צו די נייע שטאַמען. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט זאַפט פון די וואָרצלען און אָנגעהויבן אַרויס־שלאָגן פון זיך קליינע קנאָספּן, וואָס האָבן דערנאָך זיך צעעפנט.

נאָך עטלעכע יאָר זיינען אויף די צוויי ביימלעך געוואַקסן באַרן, וואָס האָבן געהאַט אַלע טעמים.

אַ מעשה מיט אַ גענדזל

1

אין טאָל האָט זיך נאָך געווייסט דער שניי און דער טייך איז נאָך געווען האַלב-פאַרפרוירן, ווען די גענדז האָבן ביים וואַסער דערפילט דעם ריח פון שפּראָצנדיקן גראָז און איינציקווייז אַוועק אויסוואַרעמען די אייער, וואָס זיי האָבן געלייגט דורכן ווינטער. אויך די ווייסע גאַנדז מיט די עטלעכע גרויע שטרייפן אַרום איר האַלדז איז אין מיטן העלן טאָג אַ שטילע אַהיימגעלאָפן. זי האָט זיך פון איר באַלעבאָסטע געלאָזט באַזעצן אין אַ נעסט, אויסגעבעט אין אַ קויש, און מיט מוטערלעכער געטריישאַפט גענומען וואַרעמען די פערצן אייער, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעלייגט.

די גאַנדז מיט די גרויע שטרייפן אַרום איר האַלדז איז אַ רואיקע געזעסן אויף די אייער און זיך קוים פאַרגונען אַראָפּצוגיין אויף עטלעכע רגעס זיך אָנצוטרינקען און צו כאַפּן עטלעכע קערנער גערשטן.

פונקט צו דער וואָך איז אָבער מיט דער גאַנדז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס: זי האָט אין אַ פּראָסטיקן פאַרנאַכט ווי אומגעריכט געלייגט נאָך אָן איי. די גאַנדז איז דערפון געוואָרן שטאַרק צערודערט. זי האָט מיט איר אויסגעבלייכטן שנאָבל געמישט די אייער, זיי ווי געציילט און געהאַלטן אין איין קוקן הינטער זיך. זי האָט זיך ווי ניט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז איר צוגעקומען נאָך

אָן איי. זי האָט דאָך נאָך מיט אַ וואָך פריער דערפילט, אַז זי האָט שוין אויסגעלייגט אַלע אירע אייער.

דערווייל האָט זי דורך דער האַלב־אָפענער טיר פון קאַמער דערהערט דאָס רופן פון דעם גאַנער, וואָס האָט אַן איינזאַמער און אַ פאַרבענקטער נאָך די גענדז, וואָס האָבן געוואַרעמט זייערע אייער, זיך אַרומגעדרייט איינער אַליין פון הויף צו הויף. דעם גאַנערס קול האָט די גאַנדז נאָך מער צערודערט. זיין רופן האָט, ווייזט אויס, איר דערמאַנט אַן די פריילעכע ווינטער־טעג, וואָס זי האָט מיט אים פאַרבראַכט אויפן וואַסער. אירע פעדערן זיינען דעמאָלט געווען פוכיק און ווייס ווי שניי, און אירע פיס מיט דעם שנאָבל זיינען געווען רויט ווי פייער. דער גאַנער האָט דעמאָלט צו איר געצויגן זיין לאַנגן האַלדז, און זיי האָבן זיך ביידע ניט איינמאָל אָפגעטיילט פון די טשאַטעס גענדז און אַליין אַרויסגעשוואומען העט ווייט.

די גאַנדז האָט אַ שטרעק געטאָן איר האַלדז צו דער האַלב־אָפע־נער טיר און זיך צוגעהערט צו דעם גאַנערס רופן. זי האָט געוואַרט עטלעכע רגעס, דערנאָך, אַ צעטומלטע, אַראָפּ פון דער נעסט און מיט אַ הייזעריקלעך־טרוקן קול אים אָפגעענטפערט. דער גאַנער איז באַלד געקומען צו לויפן אין קאַמער אַריין. ווי נאָר די גאַנדז האָט אים דערזען, האָט זי ווי פאַרגעסן אַן דער נעסט מיט די אייער, וואָס זי האָט אַרומגעלייגט מיט אירע אייגענע פעדערן און מיט איר אייגענעם פוך. זי האָט גיך אויסגעטרייסלט אירע פליגל און אים אַנטקעגנגעלאָפן.

דער גאַנער מיט דער גאַנדז האָבן פון גרויס פרייד, וואָס זיי האָבן זיך ווידער באַגעגנט, געפּאַטשט מיט די פליגל, געטוליעט איינס צו ס׳אַנדערע די שנאָבלען און זיך צעלאָזט אויפן קול. דער־נאָך זיינען זיי ביידע אַרויס פון דער קאַמער און האַלב־לויפנדיק און האַלב־פליענדיק, זיך אַוועקגעלאָזט צום טייך. דער גאַנדזס באַלע־באָסטע איז זיי אָבער באַלד פאַרלאָפן דעם וועג. די באַלעבאָסטע

האָט מיט אַ שטעקן פאַריאָגט דעם גאַנער און אָנגעשריגן אויף דער גאַנדז, אַז זי זאָל צוריקגיין וואַרעמען אירע אייער.

פון יענעם פאַרנאַכט אָן איז די גאַנדז שוין מער ניט אָפּגעטראָטן פון איר נעסט. זי איז כסדר געזעסן אויף די אייער און צו די פיר וואָכן האָבן די אויסגעבריטע גענדזלעך, נאָך אין די אייער־שאָלעכצן, זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן. איינציקווייז האָבן די קליינינקע, געלבלעך־גרינע באַשעפענישן זיך אַרויסגעפּיקט פון דער שאָלעכץ און די באַלעבאָסטע האָט זיי צוגענומען פון אונטער דער גאַנדז. אין איין טאָג זיינען אַלע פערצן גענדזלעך אַרויס פון די אייער־שאָלעכצן, און די גאַנדז איז נאָך איבער־נאַכט געבליבן זיצן אויף דעם פופצנטן איי.

אין דער פרי האָט די באַלעבאָסטע אַ פאַרוואונדערטע באַטראַכט דאָס פופצנטע איי אַנטקעגן דער זון און עס צוזאַמען מיט דער נעסט אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט.

2

אין די צעוואָרעמטע פרילינג־טעג האָבן ביי דער באַלעבאָסטע אויפן הויף עטלעכע הינער מיטאַמאָל אָנגעהויבן קוואָקען און זיך אויפגעהערט לייגן. די גרעסטע צוויי פון די קוואָקעס האָט די באַלעבאָסטע איפגעזעצט אויף הינערישע אייער, און די אַנדערע האָט זי דורך פאַרשידענע מיטלען אָפּגעוויינט פון זייער עקשנות צו וועלן זיין מוטערס.

איין קליינע געלע הון איז אָבער געווען איינגעשפּאַרט מער פון אַלע אַנדערע קוואָקעס. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס מ׳האָט זי כסדר אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער און וואָס מ׳האָט זי אַ פּאָר טעג געהאַלטן אין שטוב צוגעבונדן צו אַ פיסל פון טיש. זי האָט געהאַלטן אין איין קוואָקען, זי איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן איינגעדאַרטער און זי האָט פאַרלוירן פון בויך אַלע פעדערן און ס׳לעצטע ביסל פוך. וואו

זי האָט נאָר דערטאַפּט עפּעס אַ קיילעכדיקע זאַך, האָט עס געמעגט זיין אַ קאַרטאָפל, צי אַ שטיינדל, האָט זי באַלד צונויפגעשלעפּט אַ ביסל שטרוי, עטלעכע פעדערן, כלומרשט געמאַכט אַ נעסט און זיך באַזעצט.

מיטאַמאָל איז די געלע הון פאַרשוואונדן און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זי איז אַהינגעקומען. די באַלעבאָסטע האָט געטראַכט, אַז אָדער אַ רויב-פויגל האָט אויסגעכאַפּט די קליינע קוואָקע, אָדער זי זיצט ערגעץ אין אַ ווינקל און וואַרעמט אַ קיילעכדיק שטיינדל. עס איז אָבער דער באַלעבאָסטע ניט איינגעפאַלן, אַז די קליינע געלע הון האָט אין דעם טאָג, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן דער גאַנדזס נעסט, געפונען דאָס פּופּצנטע איי אין מיסט צווישן גראָז, נאָך איידער ס'איז קאַלט געוואָרן, און זיך געזעצט עס אויסוואַרעמען.

עס איז אַוועק אַ וואָך און די געלע הון האָט זיך פּלוצלינג ווידער באַוויזן, אָבער ניט אַליין. זי איז אַרויסגעקומען פון צווישן די גראָזן און אָנגעבלאָזענע. איר עק איז געווען צעשפּרייט ווי אַ פאָכער און זי האָט מיט געזעצטע טריט געשפּאַנט אַנטקעגן דער זון. הינטער איר איז נאָכגעגאַנגען אַ קליין טונקל באַשעפעניש מיט אַן איינגעקאָרטשעט קרום העלדזל, וואָס האָט געפּישטשעט ווי אַ גענדזל. די הון האָט שטאָלץ געקוואָקעט און גערופן, גלייך ווי אַ גאַנצע מחנה הינדלעך וואָלט איר נאָכגעגאַנגען און זי האָט אַלע מאָל זיך אויסגעדרייט צו דעם באַשעפעניש, וואָס זי האָט אויסגעוואַרעמט.

די געלע הון האָט עטלעכע טעג אַרומגעפירט דאָס גענדזל איבערן הויף. זי האָט עס געפּרואווט לערנען פאַרפּלען מיט די פיס אין מיסט, זי האָט געזוכט פאַר אים קערנדלעך און ווערים און אים געוויזן ווי אָפּצואווישן דעם שנאָבל אין דער ערד. דאָס באַשעפעניש מיטן קרומען העלדזל האָט אָבער ניט געוואָלט קענען די הינערישע וועגן און אפילו קיין איין מאָל ניט נאָכגעמאַכט דער הון. דאָס גענדזל האָט קוים געפּלאָנטערט מיט די דריבנע שוואַכע פיסלעך, געקוקט

אַרום זיך מיט מידע האַלב-פאַרמאַכטע אייגעלעך און מיט אַ טרויעריק קול געפּישטשעט.

נאָך עטלעכע טעג האָט דער געלער הון מיטאַמאָל דערעסן דאָס אַרומפּירן זיך מיט דעם באַשעפעניש, און זי האָט עס גענומען טרייבן פון זיך. זי איז מיטאַמאָל צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּשוטער הון. זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט קוואָקען און זיך ווי געשעמט מיט דעם פאַרזעעניש, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען. ווען זי האָט אָבער געזען, אַז דאָס גענדזל וויל פון איר ניט אָפּטרעטן מיט גוטן, איז זי בייז געוואָרן און מיט איר שפּיציכדיקן שנאָבל גענומען פּיקן זיין קרום העלדזל. דאָס גענדזל איז מיט אַ פּישטשען אַוועקגעלאָפן, אָבער באַלד האָט עס ווי פאַרגעסן אָן דעם ווייטיק. עס איז ווידער צוגעקומען צו דער הון און זי האָט עס ווידער געביסן און געריסן ביז בלוט. ערשט ווען עס האָט פון ווייטיק זיך שוין מער ניט געקענט האַלטן אויף די פיס איז עס געבליבן זיצן ערגעץ אין אַ ווינקל.

3

ווען די פערצן גענדזלעך זיינען אַ פּאָר טעג אַלט געווען, האָט די גאַנדז, די מאַמע זייערע, זיי אַוועקגעפירט צום טייך און צו דעם צעגרינטן טאָל. זיי זיינען אין די זוניקע טעג געוואַקסן פון מינוט צו מינוט און זייער פּוך איז געוואָרן געדיכטער און ווייסער. די אַלטע גאַנדז האָט זיי געהיט און קיינער האָט צו זיי ניט געטאָרט צוטרעטן. קוים איז עמעצער צו-נאָענט צוגעקומען צו די גענדזלעך, האָט זי אויסגעצויגן איר האַלדז נידעריק ביי דער ערד און געוואָרנט: ס-ס-סיק! האָט ווער ניט געפאָלגט און געטשעפּעט די גענדזלעך, האָט זי מיט אירע געדיכטע זעג-ציינדלעך געביסן וואו זי האָט נאָר געטראָפן.

פאַר דעם קליינעם גענדזל האָט זיך קיינער ניט אָנגענומען. די

געלע הון האָט עס צעביסן און עס איבערגעלאָזט אַליין. טעג גאַנצע איז עס אַזוי אַליין אַפּגעזעסן אויפן הויף אין אַ שאָטנדיק ווינקל.

ווען די געלע הון האָט פאַרלאָזט דאָס גענדזל האָט עס געפּרוואווט זיך צושאַרן צו דער גאַנדז מיט די פערצן גענדזלעך. ווען עס האָט צום ערשטן מאָל דערהערט די פריילעכע קולות פון די גענדזלעך, וואָס זיינען אַהיימגעקומען פון טייך און פון דעם גרינעם טאָל, האָט עס ווי אויפגעלעבט. דאָס טונקעלע באַשעפעניש, וואָס זיין צעביסן העלדזל איז נאָך ניט געווען פאַרהיילט, איז אַרויסגעלאָפן צו די פריילעכע גענדזלעך און זיך אויסגעמישט מיט זיי לעבן דער קאָריטע מיט וואַסער. אָבער ווי נאָר די אַלטע גאַנדז האָט עס באַמערקט, האָט זי ווי אַ פאַרוואונדערטע עס באַטראַכט און מיט עטלעכע לייכטע בים עס אַוועקגעיאָגט.

די פריילעכע קולות פון אַרום דער קאָריטע האָבן אָבער ווי אַ מאַגנעט געצויגן צו זיך דאָס איינזאַמע גענדזל און עס איז באַלד ווידער אונטערגעקומען. לעבן דער קאָריטע האָט עס געכאַפּט אַ שטיקל בוריק און עס גענומען גריזשען. די אַלטע גאַנדז, צוזאַמען מיט די יונגע גענדזלעך, זיינען אָבער באַלד באַפאַלן דאָס באַשעפעניש און ביי אים פון מויל אַרויסגעריסן דאָס שטיקל בוריק. זיי האָבן דאָס גענדזל שטאַרק צעביסן און עס פאַרטריבן.

עס האָט דעם גענדזל גענומען עטלעכע טעג צוצוגעוואוינען זיך ניט אַרויסצולויפן צו די גענדז ווען זיי קומען אַהיים און לאָזן הערן זייערע פריילעכע קולות. אין די עטלעכע טעג איז עס אינ־גאַנצן צעביסן געוואָרן און אויסגעזען ווי איין בלוטיקע וואונד. פון אַ באַהאַלטענעם ווינקל, וואו עס איז טעג גאַנצע אַפּגעזעסן אַליין, האָט עס יעדן פאַרנאַכט געזען די אויסגעבאָדענע און אָנגעפּאַשעטע גענדזלעך אָנקומען פון טייך און פון טאָל. פון דער ווייטנס האָט זיך עס צוגעהערט צו זייערע פריילעכע קולות און מורא געהאַט צו זיי צוצוגיין. עס איז זיך געזעסן אַפּגעזונדערט און ערשט ווען

עס איז פינצטער געוואָרן, האָט זיך עס שטילערהייט אַריינגעשאַרט אין הינער־שטאַל און פון בייסעניש, מיטן שנאָבל, אַליין זיך אויס־געפּליקט ס׳לעצטע ביסל פוך.

4

די פערצן גענדזלעך זיינען אין עטלעכע מאָנאַטן גרויס געוואָרן, אָבער דאָס גענדזל מיטן קרומען העלדזל איז כמעט ווי ניט געוואַקסן. ווען די פערצן גענדזלעך האָבן אויף זיך שוין געהאַט פעדערן, האָבן אויף זיינע מאָגערע קליינע פליגל ערשט אָנגעהויבן אַרויסוואַקסן פּענקעס.

מיט אַן איינגעדאַרטן שנאָבל איז דאָס גענדזל אָפּגעזעסן די זומער־טעג אויפן הויף. עס האָט זיך געשאַרט לעבן דער קאָריטע, וואָס איז בייטאָג, ווען די גענדז זיינען ניט געווען אין דער היים, אָפטמאָל געווען טרוקן, און עס האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געוואַרט אויף וואַסער. ווען עס איז געפאַלן אַ רעגן האָט דאָס גענדזל אויפ־געלעבט. עס האָט זיך געהאַלטן אין איין באָדן און אַפילו געפּרואווט שווימען אין די אָנגעגאָסענע בלאָטיקע גריבלעך.

איינמאָל איז דאָס גענדזל אין אַ רעגן נאָכגעלאָפן אַ ריטשקעלע ביז אויפן וועג אַרויס און דאָרטן האָט עס פון דער וויטנס צום ערשטן מאָל דערזען דעם גרינעם טאָל און דעם טייך. דאָס גענדזל האָט צעשפּרייט זיינע נאַקעטע קליינע פליגל און אַוועק צום וואַסער. ביים ברעג טייך איז עס געבליבן שטיין, באַטראַכט די טשאַטעס גענדז, וואָס זיינען דאָרט אַרומגעשוואומען און דערנאָך אויך אַריין אין וואַסער.

אַזאַ פריילעכן טאָג האָט דאָס גענדזל נאָך קיינמאָל ניט געהאַט. עס איז געווען צו פאַרנומען צו באַמערקן ווי אַלע גענדז האָבן זיך פון אים אָפּגערוקט, ווי זיי האָבן פון דער זייט געקוקט אויף זיין

איינגעדאַרט לייב און אויף זיין געקאָרטשעט קרום העלדזל וואָס האָט דען דאָס געגדזל יענעם טאָג ניט פאַרפירט אויף דעם גרויסן טייך? עס האָט געטרונקען און געטרונקען, זיך געוואַשן און גע־וואַשן; עס האָט אַרומגעפּאַטשט מיט די קליינע נאַקעטע פליגל און געהאַלטן אין איין נורטעווען.

דער טאָג איז אַוועק און דאָס געגדזל האָט אפילו ניט באַמערקט ווען עס האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן. ערשט ווען עס איז שוין געווען גוט פינצטער איז עס אַרויס אויפן גראָז, זיך גוט אָנגעפּאַשעט און שוין געבליבן איבער נאַכט אין טאָל. דער באַלעבאָסטע האָט דאָס געגדזל ניט אויסגעפעלט און ווען עס איז ניט אַהיימגעקומען איז עס קיינער ניט נעגאַנגען זוכן.

5

דאָס געגדזל האָט אַזוי אין איינזאַמקייט אָפּגעלעבט דעם גאַנצן זומער. עס האָט זיך אַליין אַרומגעשפּילט אויפן וואַסער, זיך גע־פּאַשעט אין גראָז, אָדער אַזוי זיך געזעסן אין טאָל מיט פאַרמאַכטע אויגן אַנטקעגן דער זון און אין דער שטיל ווי גערעדט צו זיך אַליין.

מיטן וואַקסן האָט דאָס געגדזל שוין קיינמאָל ניט אָנגעיאָגט די אַנדערע געגדז. פון שטענדיק זיין אויפן וואַסער האָט עס אָבער אין עטלעכע וואָכן זיך אָנגעטאָן אין אַש־גרויע פעדערן. באַוואַקסן מיט פעדערן, האָט דאָס קליינע באַשעפעניש דערמאָנט אָן אַ קינד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט אין די קליידער פון אַ דערוואַקסענעם. די אויסגעוואַקסענע געגדז האָבן עס איצט אויסגעמיטן נאָך מער ווי פריער.

עס איז אונטערגעקומען דער האַרבסט. ביי די יונגע אויסגע־וואַקסענע געגדז האָט זיך געביטן דאָס קול און די גאַנערס האָבן צו זיי געגומען שטרעקן די העלדזער. אין האַרבסט האָט דאָס געגדזל,

ווייזט אויס, שטאַרק דערפילט זיין איינזאַמקייט און עס האָט אים ווידער געמומען ציען צו די אַנדערע גענדז. עס האָט פון דער ווייטנס צו זיי אַריבערגעקוקט ווי זיי פּאַטשן פריילעכע אַרום אויפן וואַסער און מיט זיין הייזעריקלעכן קול צו זיי אַלע מאָל אַריבערגערופן. די גענדז האָבן אים אָבער ניט אָפּגעענטפערט.

איינמאָל האָט דאָס גענדזל דערזען אין דער הויך אַ מחנה ווילדע גענדז, וואָס זיינען געפלויגן נידעריק איבערן טאָל. עס האָט צע־שפּרייט די פליגל ווי צום פליען און צו זיי אַרויפגערופן. די פרעמדע גענדז האָבן אויפגעכאַפּט דאָס פאַרבענקטע רופן און פון דער הויך אָפּגעענטפערט.

דער ענטפער פון די ווילדע גענדז אין דער הויך האָט דאָס עלנטע גענדזל אויפגעמונטערט. עס האָט געשטרעקט זיין קרום העלדזל און מיט צעשפּרייטע פליגל, האַלב־פליענדיק, מונטער זיך אַוועקגע־לאָזט צו די גענדז אויפן וואַסער. עס האָט זיך פריילעך צעלאָזט אויפן קול און אַריין אין סאַמע מיט פון אַ טשאַטע ווייסע גענדז.

די גאַנערס האָבן מיט נייגעריקייט באַטראַכט דאָס גענדזל, עפּעס ווי דאָס וואָלט געווען אַ באַשעפעניש ניט פון זייער מין און די גענדז האָבן באַלד מיט רציחה געשטרעקט צו אים זייערע רויטע שנאָבלען. דאָס גענדזל האָט, ווייזט אויס, דערשפּירט די געפאַר און עס האָט ביסלעכווייז גענומען אָפּשווימען אין אַ זייט. עס איז שוין אָבער געווען צו־שפּעט.

די גענדז, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע אָפּגערעדט, האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צו דעם גענדזל און עס גענומען בייסן און פליקן אָן רחמנות. דאָס שוואַכע באַשעפעניש האָט זיך מיט זיין הייזעריקלעך קול ווי גענומען בעטן ביי די גענדז, אַז זיי זאָלן אָפּטרעטן. די ווילד גע־וואָרענע טשאַטע גענדז האָט אָבער דאָס בעטן זיך ווי פאַרטויבט מיט ווילדע געשרייען. די אַש־גרויע פעדערן און דער פוך פון דעם

קליינעם גענדזל זיינען געפֿלויגן אין דער לופֿטן און די רויטע שנאָבלען פֿון די ווייסע גענדז זיינען פֿון רציחה נאָך רויטער געוואָרן.

איין גאַנער האָט פֿון דער העלער הויט גענומען צעטרייבן די צעווילדעוועטע געגנדז און זיי זיינען פֿריילעכע אַוועקגעשוואומען, ווער פֿון זיי מיט אַ רויטן פֿלעק פֿון בלוט אויף די ווייסע פֿעדערן און ווער מיט אַ פֿיצל גרויען פּוך אַרום שנאָבל. דאָס געגדזל מיט אַראָפּ־געלאָזטע פֿליגל און מיט אַ צעבלוטיקט לייב איז אַרויס פֿון וואַסער און זיך צוגעזעצט ביים ברעג. עס האָט אין דער שטיל עפּעס ווי צו זיך אַליין גערעדט און אַריבערגעקוקט צו די ווייסע געגדז, וואָס האָבן אַרומגעפּאַטשט אויפֿן וואַסער.

דאָס איינזאַמע געגדזל האָט צו זיי מער ניט אַריבערגערופֿן, נאָר געקוקט אויף זיי ביז עס האָט ווי פֿון מידקייט פֿאַרמאַכט די אויגן.

קעגן נאַכט־צו האָט דער ערשטער שניי גענומען פֿאַלן. אַלע געגדז זיינען אַוועק אַהיים און דאָס קליינע אַש־גרויע געגדזל האָט מיט האַלב־פֿאַרצויגענע אויגן זיי נאָכגעקוקט. עס האָט זיך אָבער ניט גערירט פֿון אָרט, נאָר געבליבן זיצן ביים ברעג ביז עס איז פֿאַרשטאַרצט געוואָרן.

שפּעט ביינאַכט איז מיטן טייך פֿון ערגעץ אָנגעקומען אַ שטאַרקער שטראָם, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויפֿן ברעג. דער שטראָם האָט דאָס פֿאַרשטאַרצטע געגדזל איבערגעקערט מיט די פֿיס אַרויף און אין דער שטילער נאַכט עס אַוועקגעטראָגן צו די טיפֿע וואַסערן.

דער באַלעבאָסטע האָט דאָס געגדזל ניט אויסגעפֿעלט און ווען עס איז ניט אַהיימגעקומען איז עס קיינער ניט געגאַנגען זוכן.

צוריק צום וואַלד

1

עפּעם איז געשען מיט דעם הונט, וואָס איז אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט אָנגעקומען פון די דאָרפישע גערטנער און מיט דער פעלד־סטעזשקע געלאָפן צום וואַלד־צו. דער גרויסער ברוינלעך־שוואַרצער הונט האָט אויפן האַלדז געטראָגן אַן אָפּגעריבן לעדערן קעלנערל פון וועלכן עס האָט זיך נאָכגעבאָמבלט אַן אָפּגעריסענער, אָדער אַן איבערגעביסענער, קורצער שטריק. זיין לייב איז געווען שטאַרק צעפּאַסעוועט און עטלעכע ערטער זיינען די האָר פון זיין פעל געווען איינגעקלעפּט אין פאַרטריקנט בלוט.

דער הונט האָט אויסגעזען צו זיין מיד און צעשראָקן. ער האָט געהאַלטן אָפן דאָס מויל, די צונג איז אים אַרויסגעהאַנגען און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן צי יאָגט אים עמעצער ניט נאָך. זיין בויך איז אים אַראָפּגעהאַנגען און זיך געוואַקלט, און עס איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ צויג, וואָס איז היינט־מאָרגן אויף דער צייט.

עפּעם האָט געמוזט געשען מיט דער טראָגעדיקער צויג, ווייל עס טרעפט ניט צו אָפט, אַז אַ היימישער הונט זאָל קענען נאַכט־צו איינער אַליין אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. פון די וואונדן אויף דער צויגס לייב און פון דעם נאָכגעהאַנגענעם שטיקל שטריק, איז געווען

קלאָר, אַז זי האָט זיך אַוועקגעריסן פון עמעצן, וואָס האָט זי מער־דערלעך געשלאָגן.

עס קען זיין, אַז דאָס האָט איר אייגענער באַלעבאָס זי אַזוי צעקאַטעוועט פאַר עפּעס אַ זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען. און אפשר האָט דער באַלעבאָס זי געהאַלטן אין איין שלאָגן דערפאַר, ווייל זי האָט זיך זניוכעט מיט די הינט און טראַגעדיק געוואָרן, און זי האָט אַזוי לאַנג געליטן ביז זי האָט זיך אָפּגעריסן פון שטריק און איז אַנטלאָפן. עס קען אויך זיין, אַז שוין נאָכדעם ווי זי איז אַוועק פון דאָרף, איז זי ערשט געכאַפּט געוואָרן פון צעלאָזטע יינגלעך, וואָס האָבן זי אויפסנייע געפּייניקט. מעגלעך, אַז די צויג איז אַוועק פון מענטשן, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן מיט זייער רשעות אומברענגען אירע הינטעלעך, וואָס זי דאַרף געבוירן.

זי איז אַנטלאָפן גלייך אין וואַלד אַריין. ווען זי איז צוגעקומען צו דער אָזערע, וואָס האָט זיך געשפּרייט צופוסנס פון דעם באַרגיקן וואַלד, האָט זי דאָרט זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. מען האָט דאָרט ניט געזען קיין לעבעדיק נפש און זי איז אַראָפּגעגאַנגען צום וואַסער זיך אָנצוטרינקען. זי האָט געלעקט דאָס וואַסער און מיט זשמורענדיקע אויגן אַריבערגעקוקט צום וואַלד, וואו דאָס גאַלד פון דער פאַרגייענדיקער זון איז ווי אין פאַסן געלעגן צווישן דיביימער. ביים ברעג פון דער אָזערע האָט זי אויך געפונען אַ פישל, וואָס איז געוועזן האַלב־טויט און זי האָט עס באַלד אויפגעגעסן. דער־נאָך האָט זי אויף עטלעכע מינוט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז אין כיט אַ שטיל וויינען און קרעכצן זיך אויסגעלעקט די וואונדן.

עס האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן ווען די צויג איז מיט לאַנגזאַמע טריט אַריין אין וואַלד. זי האָט באַלד ביי די ערשטע ביימער אַראָפּגעבויגן איר וואָלפישע מאָרדע און געשמעקט צו דער ערד, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט פאַרוויאַנעטע און צוגעפוילטע בלע־טער. דער קילער וואַלד־ריח האָט זי אויפגערודערט. אירע נאָז־

לעכער האָבן זיך ברייטער צעשפּאַרעט, די פעל האָט אויף איר געגומען ציטערן און די האָר אַרום איר קאַרק האָבן זיך ווי גע־שפּיזלט. זי האָט זיך געדרייט אין אַ קרייז, גלייך ווי זי וואָלט גע־זוכט עפּעס, וואָס זי האָט פאַרלוירן. זי האָט אַרומגעשנאַפּט צווישן די ביימער און גראָזן, דאָרט געפונען אַ פּאָר ביינער, וואָס זיינען איבערגעבליבן פון עפּעס אַ פאַרצוקטער חיה, און זי האָט געגעסן איר ערשטן מאָלצייט אין וואַלד.

ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט די ביינער, האָט זי אַ מידע אויסגעשטרעקט פאַר זיך אירע פאָדערשטע לאַפּעס, אוועקגעלייגט צווישן זיי איר קאָפּ און אַ וואָכזאַמע זיך צוגעהערט צום שטילן רויש פון וואַלד.

די פינצטערניש איז דערנאָך ווי מיטאַמאָל צוגעפאַלן. דאָס גע־זאַנג פון די פייגל איז ווי איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן און עס איז געוואָרן שטיל. די צויג איז געווען שטאַרק מיד, אָבער זי האָט ניט געקענט איינדרימלען. זי האָט געקוקט פאַר זיך עפּעס ווי עס וואָלט איר פאַרגעקומען, אַז זי איז אַמאָל, לאַנג לאַנג צוריק, שוין געווען אין וואַלד.

די שטילקייט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ווען עס איז געוואָרן גאַנץ פינצטער, האָבן אויפגעוואַכט די חיות, וואָס זיינען אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין זייערע נאָרעס. זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף זייער נאַכטיקן געיעג און די אומהיימלעכע קולות פון די באַשעפענישן, אויף וועלכע זיי זיינען אָנגעפאַלן, האָבן ווי אויפגעריסן די שטילקייט.

דאָס געיאָמער פון די באַפאַלענע חיות האָט אויפגעטריבן די צויג. זי האָט זיך, ווייזט אויס, דערמאָנט, אַז זי דאַרף זיך אויסהיטן פון די ווילדע וואַלד־באַשעפענישן, וואָס זיינען שטאַרקער פון איר, און זי איז זיך פאַרגאַנגען צווישן געדיכטע קוסטעס. זי האָט דאָרט אונטער אַן אויסגעהוילטן שטאַם פון אַן אָפּגעזעגטן בוים געפונען

אַ נאַרע, וואָס איז געווען געשיצט קעגן רעגן, און זי איז שוין דאָרט געבליבן.

2

שוין אין דער ערשטער נאַכט האָט די צויג דערשמעקט דאָס וואַרעמע בלוט פון אַ פאַרצוקטער חיה, און עס האָט זיך ביי איר גענומען וועקן דער פאַרלאַנג אויך אַרויסצוגיין אויף געיעג. זי האָט געשפיצט די אויערן, אַן אומרואיקע זיך געדרייט אויף איר געלעגער, אָבער זי איז פאָרט געווען ניט מער ווי אַ היימיש הויז־באַשעפעניש און זי האָט ניט געקענט אַזוי לייכט בייקומען אין זיך די מורא פאַר די ווילדע וואַלד־חיות. דערצו איז זי שוין געווען אין די לעצטע טעג פון איר טראָגן און חוץ דעם, וואָס זי האָט מסתם געציטערט איבער אירע נאָך ניט געבוירענע הינטלעך, האָט איר געפעלט די רירעוודיקייט פון איר לייב און די פלינקייט פון אירע פיס.

די צויג האָט אין די נעכט זיך ניט אַרויסגערירט פון איר באַהאַלטן ווינקל. זי איז אויך טעג גאַנצע געבליבן ליגן אין דער נאָרע ווי אַ פאַרשיכורטע פון דעם וואַלד־ריח, און נאָר אין די פאַרטאָגן אַרוים זוכן עפּעס עסן. אַמאָל איז פאַר איר געגוג געווען דאָס איבערבלייבעכץ פון עפּעס אַ פאַרצוקטער חיה; אַמאָל האָט זי געכאַפּט אַ קראַנקן פויגל, וואָס האָט ניט געקענט פליען, און אַמאָל איז זי פאַרגאַנגען ביז צום וואַסער זוכן שפּייז. זי האָט דאָרט ביים ברעג זיך אָנגעטרונקען, געכאַפּט עפּעס, וואָס דאָס וואַסער האָט אַרויסגעשווענקט און פון דאָרט אַריבערגעקוקט צו עטלעכע שטיינער, וועלכע זיינען געשטאַנען אין מיטן פעלד.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די צויג, אונטער דעם אויסגעהוילטן שטאָם, וואו זי האָט געהאַט איר געלעגער, געבוירן זעקס שוואַרץ־ברוינע הינטלעך און זי האָט מיט מוטערלעכער געטריישאַפט איבער זיי געוואַכט. זי האָט זיי געזויגן, זיי געוואַרעמט מיט איר לייב און

איז די ערשטע פּאָר טעג פון זיי ניט אָפּגעטראָטן. עס איז פאַר איר שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון די הינטלעך און זי איז אַרוים פון דער נאָרע נאָר דאַן, ווען זי איז שוין געווען שטאַרק אויסגע־הונגערט.

אַ פּאָר טעג נאָכן האָבן די הינטלעך האָט זיך ביי איר צע־שפּילט דער אַפּעטיט און זי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ הונגע־ריקע און אַ צערייצטע. זי האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו באַפאַלן יונגע האָזן און אַנדערע קליינע חיהלעך, עס איז איר אָבער ניט צו־גרינג אָנגעקומען זיי בייצוקומען און זיי צו פאַרצוקן. די וואַלד־באַשעפע־נישן, וועלכע זי איז באַפאַלן, זיינען טאַקע געווען קלענער און שוואַ־כער פון איר, אָבער זי האָט ניט געהאַט זייער געשיקטקייט, און ניט איין חיהלע האָט שוין כמעט ווי פון צווישן אירע ציין זיך אויסגע־ריסן און אַנטלאָפן.

די הינטלעך זיינען גיך געוואַקסן און זיי האָבן מיט יעדן טאָג געדאַרפט האָבן מער עסן. די צויג האָט אָבער ניט געקענט געפינען גענוג שפּייז און זי איז געוואָרן אַלץ מער אָפּגעמאָגערט.

איינמאָל האָט דער הונגער אין מיטן נאַכט זי אַרויסגעטריבן פון דער נאָרע. זי איז דעמאָלט אַרויסגעלאָפן ביז צום וואַסער און פון דאָרט אַריבערגעקוקט צו די עטלעכע שטיבער, וואָס זיינען גע־שטאַנען אין מיטן פעלד. עס קען זיין, אַז זי האָט דעמאָלט אין איר הונגער געבענקט צוריק צום דאָרף. מעגלעך, אַז זי האָט אין יענער קילער הארבסט־נאַכט זיך דערמאָנט אָן דער צייט ווען איר באַלע־באָס איז צו איר גוט געווען, ווען ער האָט איר געגעבן עסן צו דער זאַט און קיינער האָט איר קיין שלעכטס ניט געטאָן.

דער הונגער האָט זי לאַנג ניט געלאָזט איינשטיין אויף איין אָרט און זי האָט זיך געלאָזט לויפן צו די עטלעכע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען איינע לעבן דער אַנדערער. כאָטש די צויג איז לעבן די שטיבער קיינמאָל פריער ניט געווען, האָט זי דאָרט בייַנאַכט זיך

געפילט הימלעכער ווי אין וואַלד. זי האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט לעבן די באַלעבאַטישקייטן, אַרומגעשנאַפּט צווישן די געביידעס, אין דער שטיל זיך געררוקט אויפן בויך און אויף איינעם פון די הויפן געכאַפּט אַ קאַטשקע ביים גאָרגל, זי באַלד דערשטיקט און מיט דעם רויב אין מויל אַוועק צוריק אין וואַלד אַריין צו אירע הינטלעך.

זי איז שוין דערנאָך איין נאַכט נאָך דער אַנדערער צוריקגעקומען צו די באַלעבאַטישקייטן אין פעלד. זי האָט יעדעס מאָל פון דאָרטן אַוועקגעטראָגן אַ קאַטשקע צי אַ הון ביז מען האָט זי דערווישט. די צוויג איז יענע נאַכט זיך פאַרגאַנגען אויף איינעם פון די הויפן און דאָרט געכאַפּט אַ גרויסן האָן. זי האָט אָבער ניט באַוויזן באַלד צו דערשטיקן דעם האָן, און עס איז געוואָרן אַ שטאַרקע סומאַטאָכע צווישן די הינער.

דער באַלעבאָס האָט ביזן הויז אַריין דערהערט די קולות פון די הינער און ער איז באַלד אַרויס אין דרויסן מיט דער ביקס אין האַנט. עס האָט זיך שוין פריער געהאַט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די עטלעכע שכנים, אַז מען האָט געזען אַ וואָלף אַרום זייערע הויפן, און ער האָט געמיינט, אַז די חיה, וואָס ער האָט אין דער טונקל געזען זיך יאָגן צום וואַלד־צו, איז טאַקע דער וואָלף. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן אַוועקצולייגן דעם וואָלף, און ער האָט אָפּגעפייערט צוויי שאָס. ער האָט געוואוסט, אַז די צווייטע קויל האָט געטראָפן אין ציל, ווייל ער האָט דערהערט ווי די חיה האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטיל געיאָמער. זי איז אָבער אַ פאַרוואונדעטע ווייטער געלאָפן און איז פאַרשוואונדן צווישן די הויכע גראָזן.

3

ווען עס איז ליכטיק געוואָרן אין דרויסן איז דער באַלעבאָס פון דעם הויף, וואָס האָט געשאָסן אויף דער צוויג, מיט זיינעם אַ שכן אַרויס זוכן די חיה, וועלכע האָט זיך פאַרלייגט אויף זייערע קאַטש־

קעם און הינער. ער האָט אויך מיטגענומען די ביקס. די ערשטע שפּורן, וואָס זיי האָבן באַמערקט, זיינען געווען עטלעכע הינערשע פּעדערן. דערנאָך האָבן זיי אויך געפונען דעם טוּיטן האָן, וואָס די צויג האָט אים געמוזט אַרויסלאָזן פון מויל נאָכדעם ווי זי איז פאַר־וואונדעט געוואָרן. זיי האָבן אויך באַמערקט בלוט אויפן גראָז, און זיי זיינען נאָכגעגאַנגען די טראָפּן בלוט און די סלידעס ביז צום וואַלד.

צווישן דיביימער האָבן זיי אָבער פאַרלוירן אַלע שפּורן און זיי האָבן זיך לאַנג אַרומגעדרייט אין וואַלד. ענדלעך האָבן זיי דער־הערט דאָס קרעכצן פון דער פאַרוואונדעטער חיה און זיי האָבן זי געפונען ליגן אַ צונויפגעדרייטע לעבן אַ בוים. צו זייער איבער־ראַשונג האָבן זיי געזען, אַז דאָס איז ניט קיין וואָלף, נאָר אַ הונט, און דערצו נאָך אַ צויג, וואָס האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט הינטלעך.

די צוויי מענטשן האָבן דערפילט אַ שטאַרק רחמנות צו דער צויג וואָס האָט שוין ניט געקענט דערגיין צו אירע הינטלעך, וועלכע האָבן מסתם געוואַרט, אַז זי זאָל קומען זיי אָנזייגן. זיי האָבן ווי פאַרגעסן אָן דער ביקס, וואָס זיי האָבן מיטגענומען, און זיינען געווען גרייט צו העלפן דער פאַרוואונדעטער צויג. איינער פון זיי איז אַוועק זוכן די הינטלעך, און דער צווייטער, דער וואָס האָט אויף איר גע־שאָסן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו איר אויף דער ערד, באַטראַכטן איר וואונד. ער האָט גענומען גלעטן די צויג און מיט אָפּגעריסענע רייד פאַר איר זיך פאַרענטפערט ווי פאַר אַ מענטשן.

די צויג האָט שווער געאָטעמט און זיך ניט געקענט רירן. זי האָט קוים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן באַטראַכט דעם מענטשן, וואָס האָט זי געגלעט און צו איר גערעדט. זי איז פון אָנהויב ווי ניט געווען זיכער, צי קען זי צו אים האָבן צוטרוי, צי ניט. זי האָט זיך געוואָלט אָפּרוקן און ניט געקענט. דערנאָך האָט זי זיך צעיאָמערט אויפן קול, עפּעס ווי זי וואָלט דער־פילט, אַז זי קען פאַר דעם מענטשן אויסריידן איר ביטער האַרץ.

זי האָט מיט איר געווײן מסתם געוואָלט דערציילן וועגן די ביטערע אַנטוישונגען, וואָס האָבן זי פאַרטריבן אין וואַלד אַריין. וואָס מער ער האָט זי געגלעט אַלץ העכער האָט זי גענומען וואָיען און קלאָגן און ווי דערציילט, אַז דער מענטש איז צו איר געווען אַזוי שלעכט, אַז זי האָט פון אים געמוזט אַנטלויפן און אַז זי האָט בעסער געוואָלט האָבן אירע קינדער אין דער ווילדערניש. זי האָט געקוקט אויף דעם מענטשן מיט אירע אויגן, וואָס זיינען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט און מיט אירע בליקן אים געוואָלט דערציילן ווי שווער עס איז איר אָנגעקומען אין וואַלד צו שפּייזן אירע קינדער און ווי זי האָט געמוזט צוריקגיין צום מענטש נאָך עסן.

די צוויי מענטשן האָבן אַלץ געטאָן צו ראַטעווען די צויג. איינער פון זיי האָט נאָך לאַנגן זוכן געפונען די אויסגעהונגערטע זעקס הינטלעך, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון זייער פאַרבאָרגן ווינקל. ער האָט זיי געבראַכט צו טראָגן צו דער צויג און זי האָט אויפגעלעבט ווען זי האָט זיי דערזען.

דער באַלעבאָס פון דעם הויף, דער, וואָס האָט געצילט מיט זיין ביקס אויף דער צויג, האָט זי צוזאַמען מיט די הינטלעך אַהיימגענומען צו זיך. ער האָט מיט אַ זאַלב געהיילט דער צויגס וואונד, זי צוגעזען מיט גוטע עסנס און זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אירע הינטלעך.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און די צויג איז צו זיך געקומען. זי האָט אָבער שוין ניט געוואָלט אַוועקגיין פון דעם הויף. זי האָט גיך דערפילט דאָס גוטסקייט פון איר נייעם באַלעבאָס, וואָס האָט זי געהיילט און געהאָדעוועט, און זי האָט זיך מיט אים באַלד איינגעלעבט.

דער באַלעבאָס האָט מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער פינף פון די הינטלעך פאַרטיילט צווישן די שכנים און דאָס זעקסטע מיט דער צויג זיינען פאַרבליבן ביי אים.

די זאַטע

1

צוויי געלבלעך-ברוינע היהלעך פון דעם מין, וואָס מען האָט גערופן כאָמיקלעך, זיינען אין אַ זומער-טאָג געקומען זיך באַזעצן אויף אַ תבואה-פעלד אַרום דעם טאָל. די היהלעך, וואָס האָבן גע-גראָבן זייערע נאָרעס טיף אונטער דער ערד, האָבן געוויינלעך אוים-געמיטן דעם טאָל און מען האָט זיי דערפאַר זעלטן ווען דאָרט געזען. עס איז אָבער יענעם זומער ניט געווען קיין סך רעגן און די ערד אַרום דעם תבואה-פעלד איז געווען גאַנץ טרוקן.

די צוויי קליינע דיקע היהלעך מיט זייערע קורצע האָריקע עק-לעך זיינען אַראָפּגעקומען פון די באַרגיקע פעלדער. עס האָט אוים-געזען ווי זיי וואָלטן געלאָפן פון אַ געשלעג, ווייל מען האָט ביי דעם „ער" כאָמיק געקענט זען אַ בלוטיקע וואונד צווישן זיינע אייגלעך און ער האָט אויך אַ ביסל אונטערגעהונקען. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ מלחמה איבער דער „זי", וואָס האָט אַ צעשראָקענע זיך געשאַרט לעבן אים מיט אירע ווייסלעכע קורצע פיסלעך. מעגלעך, אַז דאָס האָט דער „ער" אַליין פאַרפירט דאָס געשלעג און אָפּגעשלאָגן די זי פון אַן אַנדערן כאָמיק. ער האָט אין גאַנג געהיט די „זי" און עטלעכע מאָל זיך אויסגעדרייט אויף צוריק. ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע הינטערשטע פיסלעך און ווי אַ פאַרשולדיקטער זיך אַרומ-געקוקט צי לויפט מען אים ניט נאָך.

דאָס פּאָרל האָט באַלד זיך אָפּגעזוכט אַ טרוקן פּלאַץ ערגעץ אין אַ ווינקל ניט ווייט פון אַ פּויערשן הויף און זיך דאָרט גענומען איינגראָבן. זיי האָבן געאַרבעט מיט אַ פּלאַן און מיט זייערע פאָדערשטע שטאַרקע לאַפּקעס, ווי מיט לאָפּעטקעס פלינק און געשיקט געגראָבן און געשאַרט די ערד. אין מיטן דער אַרבעט האָבן זיי מיט זייערע קליינע אייגלעך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן צי גייט ניט עמיצער אויף זיי. זיי האָבן געגראָבן אין דער טיף און אין דער לענג לויט זייער פּלאַן און זיי זיינען באַלד געווען אונטער דער ערד.

די צוויי היהלעך, וואָס זיינען אויף דעם פעלד אַרום דעם טאָל אפשר געווען דאָס איינציקע פּאָרל פון דעם מין, האָבן נאָך פּאָר שניט שוין געהאַט דאָרט אַ רחבותדיקע היים. אין פאַרגלייך מיט די נאָרעס פון אַנדערע היהלעך, וואָס האָבן געלעבט אונטער דער ערד, איז זייער היים געווען אַ פּאַלאַץ. זיי האָבן געהאַט אויבער-שטיבלעך און אונטערשטיבלעך צו וועלכע עס האָבן געפירט טונעלן און פאַרבאָרגענע אַריינגאַנגען און אַרויסגאַנגען. זיי האָבן דאָרט פאַר זיך צוגעגרייט אַ גרויסן שפּייכלער, וואָס איז געווען איינגעטיילט אין קעמערלעך, אַזוי אַז זיי זאָלן דאָרט קענען אָפּלייגן יעדן מין תבואה באַזונדער. אויך האָבן זיי געהאַט גרייט גענוג קליינינקע נאָרעס פאַר זייערע יונגע, וואָס די „זי" האָט געבוירן צוויי מאָל אין יאָר — אין פרילינג און אין האַרבסט. געוויינלעך האָט די „זי" געהאַט אַ זעקס-זיבן יונגע, אָבער עס האָט אויך געטראָפן אַז זי זאָל אַמאָל האָבן גאַנצע צוועלף.

די כאָמיקלעך האָבן זיך באַזעצט אויף דעם פעלד און זיי האָבן דאָרט יענעם זומער ניט געוואוסט פון קיין שלעכטן טאָג צו זאָגן. זיי האָבן געהיט די זאַנגען און געוואַרט, אַז זייערע קערנער זאָלן ווערן רייף און האַרט. די פול-געפּאַקטע צוויי באַשעפעניש, וואָס זיינען געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין פּרעס, האָבן ניט געוואָלט דערוויל זיך צופרידן שטעלן מיט צוגעוויאַנעטן גרינעם אויבסט, וואָס

איז געלעגן אויף דער ערד, אָדער מיט וואָרצלען און ווערים, ווי אַנדערע פעלד־היהלעך. זיי האָבן וואַרטנדיק אויף דער צייט פון שניט, דערווייל זיך פאַרלייגט אויף יונגע פייגעלעך, וואָס האָבן זיך געלערנט פליען און אויף יאַשטשערקעס, וועלכע זיי האָבן געפונען אין טאָל.

ווען עס איז אונטערגעקומען די שניט־צייט האָבן זיי ביידע אויפגעלעבט און גענומען צוגרייטן זייערווינטער־זאַפּאַס. זיי האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטאָן צו די פעלדער, וואו מען האָט געקאָסעט גערשטן און הרעטשקע און וואו מען האָט געשניטן ווייץ און קאָרן.

די כאָמיקלעך האָבן מיט געניטקייט אַרויסגענומען די קערנער פון די זאַנגען, זיי האָבן געגעסן צו דער זאַט און אָנגעפּאַקט די קעשענעס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע מיילער אונטער די באַקן. זיי האָבן אין די באַקן־קעשענעס אין עטלעכע וואָכן איבערגעטראָגן צו זיך אין שפּייכלער אַריין אפשר אַ האַלבן זאַק תבואה. זיי האָבן אָנגעגרייט עסן פאַר דער צייט ווען זיי וועלן אָפּגעמאָגערטע און אויסגעהונגערטע זיך אויפכאַפּן פון זייער לאַנגן ווינטער־שלאָף און עס וועט נאָך זיין צו קאַלט זיך אַרויסצורירן אין דרויסן.

2

די צוויי זאַטע און פעטע היהלעך האָבן זיך געהאַלטן פון דער־ווייטנס פון די פאַרשידענערליי פעלד־באַשעפענישן. די וואָס זיינען געווען גרעסער פון זיי, האָבן די כאָמיקלעך אויסגעמיטן און זיך געהיט ניט צו זיין צו נאָענט לעבן זיי, און די קלענערע האָט דער „ער” געטריבן פון זיך מיט רציחה.

זיי זיינען אויך ניט געווען צו־גוט צו זייערע אייגענע קינדער. אין האַרבסט, ווען די „זי” האָט געבוירן זיבן בלינדע און אומבאַהאָל־פענע באַשעפענישן, האָט יעדעס פון זיי טאַקע געהאַט זיין באַזונדער

שטיבל און די מאַמע האָט די ערשטע צייט זיך מיט זיי גענוג אָפּ־געגעבן. ווען זיי זיינען אָבער געוואָרן זעענדיק און זיך אָנגעהויבן פריי באַוועגן, זיינען זיי דעם „ער" שוין געווען גרויס אין די אויגן און ער האָט וואָס פריער געוואָלט פון זיי פּטור ווערן. ער האָט זיי געהיט, אַז זיי זאָלן אַליין ניט קריכן צום שפּייכלער, וואו עס איז שוין געווען אָנגעזאַמלט אַ היפּש ביסל תבואה אויפן ווינטער און ווען זיי זיינען אַלט געוואָרן דריי וואָכן, האָט סיי דער „ער" און סיי די „זי" זיך שוין מיט זיי מער ניט געוואָלט אָנקערן.

שוין אויף דער פערטער וואָך האָבן די יונגע געמוזט פאַרלאָזן זייער היים און זיי זיינען אַוועק לעבן פאַר זיך. זיי האָבן זיך אויס־געשפּרייט איבער די פעלדער, גענומען גראָבן נאָרעס פאַר זיך און אין איילעניש צוגעגרייט אַביסל שפּייז אויף ווינטער.

שפּעט אין האַרבסט, ווען די פעלדער זיינען געבליבן נאַקעטע און ווען די קעלטן האָבן אָנגעזאָגט שניי, האָט דאָס זאַטע פאַרל באַמיקלעך דערפילט אַ מידקייט אין זייערע גלידער און עס האָט זיי גענומען שלעפערן. עס האָט זיי מער ניט געלאָקט דער דרויסן און זיי האָבן זיך מער ניט געוואָלט אַרויסרירן פון זייער וואַרעמער היים. זיי האָבן פאַרשטאָפּט און באַוואָרנט אַלע אַריינגאַנגען, זיי האָבן פוילע זיך געטוליעט איינס צו ס'אַנדערע, זיך איבערגעקוקט און ביסלעכוויז אַריינגעפאַלן אין אַ לאַנג־לאַנגן שלאָף.

זיי זיינען אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן ווינטער. זיי האָבן אין זייער וואַרעמער נאָרע ניט געפילט די פרעסט, ניט געזען די פאַר־שנייטע ווייסע וועלט און ניט געהערט דאָס וואָיען פון די בייזע ווינטן. ערשט ווען די וואָרצלען אין דער ערד האָבן דערפילט דעם פרילינג און ווען עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן די ערשטע שניי־גלעקלעך, האָבן זיי אויפגעוואַכט. זיי זיינען געווען שטאַרק אויס־געהונגערט און זיי האָבן זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו זייער זאַפּאַס אין שפּייכלער.

אין דרויסן איז נאָך געווען גוט קאַלט און זיי האָבן זיך ניט געאײַלט אַרויסצוקריכן פון זייער אונטערערדישער היים. זיי האָבן זיך אָנגעגעסן צו זאַט, געקומען צוריק צו זייערע כּוחות און ערשט ווען די ערד האָט גענומען פאַרען און שמעקן מיט גרינס, זײַנען זיי אַרויס פון דער פינצטערניש.

די צוויי כאָמיקלעך האָבן זיך שוין געפילט היימיש אויף דעם פעלד. עס האָט זיך אָבער פאַר זיי, פונקט ווי פאַר אַלע פעלד־באַשעפענישן געשטעלט אַ שווערער זומער. עס איז וואָכן־לאַנג ניט געווען קיין רעגן און די זון האָט באַלד אין אָנהויב זומער גענומען ברענען טאָג נאָך טאָג. די גראָזן זײַנען אין די היצן געוואָרן פאַר־וויאַנעט און די זאַנגען אויף די פעלדער האָבן, מאָגערע און שיטערע, נאָך איידער זיי זײַנען אויסגעוואַקסן, זיך אויסגעבלייכט פון זייער גרינקייט.

אַ סך תּבֿואה־פעלדער זײַנען געווען פול מיט קאָרן־בלימעלעך און מיט רויטע מאָן־בלומען. די דאָרפסלײַט האָבן צווישן זיך גע־רעדט, אַז דאָס האָבן רוחות פאַרזייט די ווילדע בלומען אויף זייערע פעלדער און זיי האָבן פאַראויסגעזען, אַז עס גייט אויף זיי אַ הונ־גער־יאָר. אויך די באַשעפענישן, וואָס האָבן געהאַט זייערע נאָרעס אין דער אויסגעטריקנטער ערד, האָבן באַצייטנס ווי דערשפּירט, אַז עס וועט זײַן אַ מאַנגל אין תּבֿואה־קערנער.

און ווײַל דער זומער איז געווען אַזאַ טרוקענער, האָבן אַלערליי חיהלעך און פעלד־מײַז זיך געהאַלטן אין איין מערן. מען האָט אויף די פעלדער און אויף די הויפן, אַרום סטאָדאָלעס און שפּײַכלערס, געזען ווי עס הויבן זיך אַלץ נײַע בערגלעך ערד און מען האָט געוואוסט, אַז דאָס גראָבן זיך דאָרט אין דער טיפעניש פריש־צוגעקומענע באַשעפענישן.

די פאַרזאָרגטע פּויערים, וואָס האָבן יענעם זומער געציטערט איבער זייער קאַרג ביסל תּבֿואה, האָבן אויסגעלאָזט זייערע ביטערע

הערצער צו די אונטערערדישע חיהלעך, וועלכע האָבן זיך אָנגע־זעצט אויפצועסן דאָס מאָגערע גערעטעניש. זיי האָבן אויף זיי אָנגערייצט די הינט, זיי נאָכגעלאָפן מיט שטעקנס, מיט גראָב־אייזנס און זיי געזוכט אונטער די פריש־אַרויסגעוואָרפענע בערגלעך ערד. מען האָט זיי אויך אונטערגעלייגט סם און מען האָט געגאָסן זידנדיק וואַסער אין זייערע נאָרעס, אָבער מען האָט זיי ניט געקאָנט אויסראָטן.

יענעם זומער איז דאָס פּאָרל כאָמיקלעך שוין ניט געווען אַליין אין זייער ווינקל אויף דעם פעלד אַרום טאָל. זיי אַליין האָבן זיך דאָך געפּלאָדיעט און געמערט און דערצו זיינען פון די פּאַרקוואַרטע באַרגיקע פעלדער אַראָפּגעקומען פרעמדע כאָמיקלעך. זיי האָבן דאָרט ניט געהאַט וואָס צו עסן און זיי האָבן, געטריבענע פון נויט, אַוועקגעוואַנדערט צו דער מער פרוכטבאַרער ערד אַרום טאָל.

אין יענעם מאָגערן און הייסן זומער זיינען די צוויי אַלט־גע־זעסענע כאָמיקלעך געווען מער בייז ווי ווען עס איז פריער. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרליידן, וואָס אַנדערע פעלד־באַשעפענישן ווייזן זיך אין זייער ווינקל און האָבן מיט ווילדער רציחה זיי געטריבן פון זיך. זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין שכנים און עס איז ביי זיי ניט געווען קיין חילוק צי זיינען דאָס געווען פרעמדע חיהלעך, צי זיינען דאָס געווען זייערע אייגענע יונגע, וואָס זיינען אַלט געווען ניט מער ווי עטלעכע וואָכן. כאָטש זיי אַליין זיינען אין דער צייט פון נאָך שניט קיינמאָל ניט געווען הונגעריק, און כאָטש זיי האָבן אויך אין זייער שפּייכלער געהאַט גענוג תבואה־קערנער, האָבן זיי אָבער מער ווי ווען עס איז פריער געוואָלט זיין אַליין אויף דעם פעלד. זיי האָבן געוואָלט אַלץ פאַר זיך און קיינעם ניט פאַר־גונען קיין איין קערנדל תבואה.

3

אַרום שניט־צייט זיינען עטלעכע אויסגעמאַגערטע כאַמיקלעך פון די באַרגיקע פעלדער זיך פאַרגאַנגען אין דעם ווינקל, וואו דאָס זאַטע פּאָרל האָט געהאַט זייער נאָרע. ווי נאָר דער „ער" האָט זיי דערזען, האָבן זיינע אייגלעך זיך ווי אָנגעצונדן. ער האָט ווי באַרי־מעריש אַ קוק געטאָן אויף דער „זי", זיך אַ שטעל געטאָן אויף זיינע הינטערשטע פיסלעך און מיט זיינע פאָדערשטע לאַפּקעס גענומען דערלאַנגען קלעפּ דעם גרעסטן פון די חיהלעך. עס איז געווען אַ מלחמה אויף לעבן און טויט און די פרעמדע כאַמיקלעך האָבן געמוזט אַפּטרעטן. זיי האָבן, ווייזט אויס, זיך ניט געריכט אויף אַזאַ ברוך הבא און זיי זיינען אַוועק וואו די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

דער „ער" האָט יענעם זומער פאַרפירט ניט איין מלחמה מיט זיינס גלייכן און ער האָט אויך די „זי" אָנגעשטעקט מיט בייזקייט. זיי האָבן צערייצטע זיך אַרומגעיאָגט איבער די פעלדער און אויך איבער הויפן און ווייל עס איז געווען אַ הונגער־יאָר האָבן זיי געהאַט גרויסע אויגן און נאָך אַ גרעסערן אַפּעטיט. די פּויערים האָבן טאַקע שטאַרק געהיט דאָס אָרעמע געווירעטעניש פון זייערע פעלדער, אָבער דאָס פּאָרל האָט מען ניט געקאָנט דערהיטן. זיי האָבן דורך פאַרבאַרגענע טונעלן און וועגן זיך דערשלאָגן צו די סטאָדאָלעס, זיי האָבן אויך אָנגעשפּאַרט ביי די סטויגן ווייץ און קאָרן און זיי האָבן אויך באַוויזן זיך אַריינצוגנבענען אין קאַמערן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין עסן און זיי האָבן אין זייערע באַקן־קעשענעס געהאַלטן אין איין טראָגן תבואה צו זייער שפּייכלער.

אין האַרבסט, ווען זיי האָבן שוין אָנגעהויבן צו פילן דעם שלאָף אין זייערע פעטע לייבער און ווען זיי האָבן אין זייער שפּייכלער שוין געהאַט אָנגעזאַמלט גענוג עסן אויפן ווינטער, האָבן זיי זיך

דערשלאָגן צו דער קאַמער פון אַן אָרימען פויער, וואָס האָט דאָרט געהאַט אַ האַלב זעקל הרעטשקע. די צוויי חיהלעך זיינען טאַקע געווען זייער פּאַרזיכטיק ביים אַרויסטראָגן דאָס ערשטע ביסל הרעטש־קע אין זייערע באַקן־קעשענעס, אָבער דער פויער האָט באַלד דער־קענט, אַז עמעצער איז געווען אין קאַמער ביי זיין ביסל תבואה. ער האָט אויך דערקענט, אַז דאָס זיינען געווען חיהלער, וואָס זיינען אַ סך גרעסער פון מייז און אַז זיי האָבן מיט זיך אַוועקגעטראָגן אַ היפּש ביסל הרעטשקע.

אַנשטאָט אויפצושטעלן אַ כאַפּ־שטייגל, אָדער אונטערלייגן סם, האָט דער פויער אַליין גענומען טשאַטעווען אויף די באַשעפענישן. ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן ווידער קומען און ער האָט אַ באַ־האַלטענער אין אַ ווינקל געדולדיק געטשאַטעוועט אויף די גנבים ביז זיי האָבן זיך באַוויזן. די צוויי חיהלעך זיינען שטיל אַריין אין קאַמער, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, גיך אָנגעפּילט די באַקן־קעשענעס מיט הרעטשקע און אויסגעווען די צייט. איין מאָל און אַ צווייט מאָל האָט דער פויער זיי נאָכגעקוקט און נאָכגעשפּיאָנירט ביז ער האָט געפונען דעם אַריינגאַנג צו זייער נאָרע.

דער פויער האָט באַלד גענומען גראָבן די ערד דאָרט וואו די צוויי חיהלעך זיינען פאַרשוואונדן. ער האָט אַזוי לאַנג געגראָבן ביז ביידע זיינען אַרויס פון זייער היים דורך אַן אַנדערן אַרויס־גאַנג. די „זי" האָט זיך באַלד ערגעץ באַהאַלטן, אָבער דער „ער" האָט ניט געוואָלט פרייוויליק אויפגעבן זיין היים און זיין אָנגע־רויבטן זאַפּאַס. ווייזט אויס, אַז ער האָט פון אָנהויב געמיינט, אַז ער וועט קאָנען בייקומען דעם מענטש, וואָס האָט זיך דערגראָבן צו זיין שפּייכלער און ער האָט אַ צערייצטער זיך געוואָלט איינ־בייסן אין אים מיט זיינע שאַרפע ציינדעלעך. ווען דער מענטש האָט אָבער צו אים אויפגעהויבן זיין גראָב־אייזן מיט דער גלאַנ־

ציקער שאַרף, האָט ער דערשפּירט די מורא פאַרן טויט און ער איז אַנטלאָפן.

דער פויער האָט אין אונטערערדישן שפּייכלער ניט נאָר גע־פונען זיין ביסל הרעטשקע, נאָר אויך אפשר מער ווי אַ גילעטקע ווייץ און קאָרן און אַנדערע קערנער און ער האָט די תבואה אַוועק־געטראָגן אַהיים.

דער „ער" כאָמיק האָט מסתם פון אַ באַהעלטעניש דאָס אַלץ צוגעזען. ווען דער פויער איז אַוועק מיט דער תבואה, איז ער צוריקגעקומען מיט דער „זי" אַ קוק טאָן אויף דעם חורבן. זיי האָבן אָבער דאָרט זיך ניט לאַנג פאַרהאַלטן, נאָר באַלד אין איילעניש אַוועק זוכן אַ ניי אָרט וואו זיך צו באַזעצן.

דער העלדישער האָן

אויף דעם דאָרפישן הויף, אַרום דער קופּע מיסט, וואָס איז געלעגן פאַר דער שטאַל, האָבן אין די זומערדיקע פרימאָרגנס זיך אַרומגעדרייט אַ סך הינער און איין גרויסער האָן. דער איין־און־איינציקער גאַלאַנטסקע האָן האָט אַרומגעשפּאַנט צווישן זיי אַ שטאָלצער מיט אַ געשטרעקטן טראָט, גאָר ווי אַ גענעראַל און זיך ווי געגרויסט פאַר זיי מיט זיין פייער־רויטן געקאַרבטן קאַם אויפן קאָפּ, מיט זיינע פיל־פאַרביקע שיינע פעדערן, וואָס האָבן געגלאַנצט אַנטקעגן דער זון און מיט זיינע געלבלעכע שפּיציכדיקע שפּאָרן אויף די פיס.

די שטילע הכנעהדיקע הינער פון הויף האָבן דעם שיינעם האָן געהאַט אויפן אויג יעדע מינוט. אפילו ווען זיי זיינען געווען פאַר־נומען מיט גראַבלען זיך אין דעם צעפּאַרעטן מיסט, האָבן זיי פון דער זייט צו אים אַריבערגעקוקט און ווען זיי האָבן מיט אַ קאָדאַקעז געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן זיך נאָר וואָס געלייגט, האָבן זיי גע־וואָלט, אַז ער זאָל דאָס הערן. זיי זיינען אים געווען אונטערטעניק און יעדעס מאָל ווען ער האָט אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ צו דער ערד און זיי גערופן, זיינען זיי באַלד געווען אַרום אים. זיי האָבן מיט אויסגעשפּרייטע פליגל האַלב־פליענדיק, און האַלב־לויפנדיק צו אים אַוועקגעאײַלט און אים אַרומגעשטעלט. דער האָן האָט מיט זיין רופן זיי כלומרשט געלאָזט וויסן, אַז ער האָט אויסגעפּאַרפּעלט עפּעס אַ קערנדל, אָדער אַ ווערימל און ער האָט זיי כלומרשט פאַרבעטן זיי

זאָלן זיך קומען טיילן מיט זיין ביסן. עס האָט אָבער די הינער ווייניק וואָס געאַרט, ווען ער האָט פאַר זיי אין די אויגן אַליין איינגעשלונגען דעם געפונענעם ביסן.

די הינער זיינען געווען ווי איבערגליקלעך, ווען ער האָט מיט אַ דריי פון זיין קאָפּ און מיט אַן אונטערטענצל פאַר זיי געמאַכט אַ חנדל. זיי זיינען אים אויך געווען געהאָרכזאַם, ווען ער איז ווי אַ ווילדער זיי באַפאַלן מיט זיינע ליבעס־לאַסקעס און זיי זיינען דערנאָך גיך אָפּגעטראָטן פון אים ווען ער האָט מיט אַ געבייזער זיי אָפּגעטריבן פון זיך.

דער האָן האָט זיך געהאַלטן אין איין גוידערן און אין איין שטרעקן און ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אַלעמאָל זען און הערן. דורכן טאָג איז ער ניט איין מאָל אַרויף אויף אַ פּלויט דאָרט געפּאַטשט מיט זיינע קאָלירפולע גרויסע פליגל און געקרייעט אויפן קול. די באַלעבאַסטע פון הויף האָט דאָס קרייען פון איר האָן אויסגעטייטשט, אַז געסט קלייבן זיך קומען צו איר, אָדער, אַז עמעצער וועט איר אָנזאָגן עפּעס אַ גוטע בשורה. פאַר די הינער איז אָבער דעם האָנס קרייען געווען דאָס שענסטע געזאַנג, וואָס איז זיי אַלעמאָל געווען ליב צו הערן. דער אויסגעצויגענער קוקוריקו איז פאַר זיי אויך געווען ווי אַ דערמאָנונג, אַז דער האָן איז מוטיק און שטאַרק, אַז ער איז זייער באַשיצער און זיי האָבן ווי מיט פאַרערונג צו אים אַרויפגעקוקט.

פון צייט צו צייט האָט דער האָן אויך געהאַט די געלעגנהייט צו ווייזן די הינער ווי מוטיק און אומדערשראָקן ער איז. דאָס איז געווען ווען איינער פון די הענער פון די שכנישע הויפן, וואָס זיינען אַלע געווען קלענער פון אים, פלעגט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען צו דער קופּע מיסט. ווי נאָר ער האָט דערזען אַ פרעמדן האָן אויפן הויף, האָט ער באַלד אים גענומען טרייבן מיט אַ געבייזער און אים געלאָזט וויסן, אַז ער וויל אים ניט זען אַרום זיינע הינער. און נאָך איידער

דער פרעמדער האָן האָט באַוויזן זיך אַפּצוטראָגן פון הויף, איז ער אים באַפאַלן און פאַרפירט מיט אים אַ מלחמה. די הינער זיינען שטילע געשטאַנען אין דער זייט און האָבן צוגעקוקט ווי דער האָן צעבלוטיקט ביי דעם פרעמדן דעם קאַם. און ווען זייער באַשיצער איז נאָכדעם ווי ער האָט פאַריאָגט דאָס פרעמדע הענדל אַרויף אויפן פלויט אויסצוקרייען זיין זיג, איז זיי זיכער פאַרגעקומען, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין גרעסערער העלד פון אים.

איינמאָל איז אָבער עפּעס געשען צווישן די הינער. עס איז געווען אין אַ בייטאָג, ווען די זון האָט געברענט ווי פייער. אַ סך פון די הינער זיינען דעמאָלט געלעגן אין גאָרטן באַהאַלטענע אין שאָטן. אויפן הויף האָט זיך אַרומגעדרייט דער האָן בלויז מיט עטלעכע הינער און ניט ווייט פון דעם בערגל מיסט זיינען הינטער אַביימל געלעגן איינגעגראָבענע אין דער קילער ערד עטלעכע האַלב-אויס-געוואַקסענע הינדלעך מיט זייער קוואָטשקע און געדרימלט.

פּלוצלינג האָט ערגעץ פון דער הויך זיך אַראָפּגעלאָזט אַ גרויסער רויב-פויגל. דער האָן איז געווען דער ערשטער אים צו באַמערקן. ער האָט באַלד דערשפּירט די גרויסע געפאַר און ער האָט ווי ניט מיט זיין קול, אַ צעשראָקענער געגומען וואָרענען די הינער, אַז אַ מערדער גייט אויף זיי. ער האָט אָבער ניט געוואַרט ביז די הינער וועלן זיך צעלויפן, נאָר ער איז אַ צעטומלטער דער ערשטער אַוועק זיך באַהאַלטן. די הינער האָבן נאָך אַלע באַוויזן זיך אַפּצוטראָגן פון הויף. עס זיינען דאָרט געבליבן נאָר די יונגע הינדלעך מיט זייער קוואָטשקע, וואָס איז געווען אַ קליינינקע און אַן אָפּגעמאָגערטע.

די קליינע קוואָטשקע איז געווען די לעצטע צו באַמערקן דעם רויב-פויגל און נאָך איידער זי האָט זיך רעכט אויסגעטשוכעט האָט ער שוין געשוועבט איבער איר און איבער די הינדלעך מיט זיינע אויסגעשפּרייטע גרויסע פליגל. זי אַליין האָט נאָך אפשר געווען געקענט באַוויזן צו אַנטלויפן, אָבער זי האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן

אויף הפקר אירע יונגע הינדלעך, כאָטש זיי זײַנען אין די לעצטע טעג שוין געווען האַלב פּאַר זיך.

די יונגע הינדלעך, וואָס זײַנען זיך געלעגן אין שאָטן ניט ווײַט פון דער קוואָטשקע, האָבן רואיקע געדרימלט און ניט באַנומען די גרויסע געפאַר. די קוואָטשקע איז אָבער מיט מאַמעשער געטרײַשאַפט צו זיי באַלד צוגעלאָפן, גרייט זיי צו באַשיצן.

די קליינע און שוואַכע הון איז מיטאַמאָל ווי איבערגעביטן געוואָרן. זי האָט צעפּעכערט אירע פליגל, זי איז געוואָרן פלינק און רירעוודיק און זי האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַזעלכע פרעמדע קולות, ווי עפּעס פון אַ ווילדן פויגל.

עס איז אָבער קיינער ניט געווען אויפן הויף איר צו קומען צו הילף און דעם רויבערישן פויגל מיט זײַן אויסגעבויגענעם שאַרפן שנאָבל האָבן די קולות ניט אָפּגעשראָקן.

דער פויגל האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די הינדלעך און די קוואָטשקע, וואָס איז מיטאַמאָל ווי גרעסער געוואָרן, איז מיט צע־שפּרייטע פליגל אים אַנטקעגן־געשפּרונגען, גרייט אים אויסצופּיקן זײַנע אויגן. דער רויב־פויגל האָט געוואָלט אַ כאַפּ טאָן איינס פון די הינדלעך, אָבער דאָס קוואָקעלע האָט מיט אים פאַרפירט אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. זי האָט מיט איר שנאָבל דעם פויגל צוערשט געגעבן אַ האַק איבערן קאָפּ און דערנאָך אים אַ פּיק געטאָן אין אַן אויג. זי האָט דערבײַ ניט אויפגעהערט צו רופן נאָך הילף.

דער גרויסער האָן, דער באַשיצער פון די הינער, האָט זיכער געהערט דער קוואָטשקעס קולות ביז אין זײַן באַהעלטעניש. ער איז זיך אָבער דאָרטן געזעסן אַ רואיקער און אַפילו זײַן קאָפּ ניט אַרויס־געשטעקט.

דער רויב־פויגל האָט ניט אָפּגעטראָטן, נאָר אַ צערייצטער גע־נומען קעמפן מיט דער קליינער הון ווי מיט זײַנס־גלײַכן.

די באַלעבאָסטע איז גראָד דעמאָלט אָנגעקומען פון גאָרטן. זי

האָט פון דער ווייטנס דערהערט דאָס פאַרצווייפלטע רופן פון דער קוואָטשקע און זי האָט באַלד דערזען דעם רויב־פויגל. זי האָט אויך אַנגעמאַכט אַ געוואַלד און זי איז מיט דער סאַפּע, וואָס זי האָט געטראָגן מיט זיך, אַוועק ראַטעווען די קוואָטשקע מיט די הינדלעך. דער פויגל האָט זיך דערשראָקן פאַר דער באַלעבאָסטע און נאָך איידער זי האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער אויסגעשפּרייט זיינע פליגל, זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און איז אַוועקגעפלויגן מיט ליידיקן.

שכנים פון אַרום זיינען זיך באַלד צונויפגעלאָפן אויף דער באַלעבאָסטעס געשרייען. דער רויב־פויגל איז שוין דעמאָלט געווען הויך אונטערן הימל. די באַלעבאָסטע האָט די שכנים אָנגעוויזן אויף דער קליינער קוואָטשקע און זיי דערציילט ווי זי האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם גרויסן רויב־פויגל און ווי זי האָט באַשיצט אירע הינדלעך. אַלע האָבן אַרומגעשטעלט די קליינע קוואָטשקע און זי באַוואונדערט פאַר איר העלדישקייט און פאַר דעם, וואָס זי מיט די הינדלעך זיינען אַרויס פון דעם מערדערישן פויגל כמעט אומבאַשעדיקט. ביי איר איז בלויז דאָס קעמל געווען צעבלוטיקט און ביי איינעם פון די יונגע הינדלעך איז אַ פּיסל געווען צעריסן.

ווען די באַלעבאָסטע מיט די שכנים זיינען זיך צעגאַנגען און די קוואָטשקע מיט די הינדלעך זיינען אַוועק זיך באַזעצן אין שאָטן פון אַן אַנדערן בוים, האָבן די הינער איינציקווייז ווידער אָנגעהויבן אַרויסקומען אויפן הויף. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און דערנאָך ווידער אַוועק זיך גראַבלען אין דעם בערגל מיסט.

דער גרויסער גאַלאַגאַנסקע האָן איז געווען דער לעצטער אַרויסצוקומען פון זיין באַהעלטעניש. ער האָט געשטרעקט דעם קאָפּ פאַרויס, אויסגעקוקט אַלע ווינקעלעך פון דעם הויף און דערנאָך גלייך ווי עס איז גאָרניט געשען, ווי פריער זיך גענומען אַרומשפּאַנען צווישן די הינער אַ שטאָלצער און אַ געשטרעקטער. אַזוי ווי ער האָט געוואָלט,

אַז מען זאָל אים ווידער זען און הערן איז ער באַלד אַרויף אויפֿן פּלויט און זיך צעקרייעט אויפֿן קול.

פֿאַר די שטילע, אונטערטעניקע הינער איז זײַן קרייען ווי אַלע מאָל ניט נאָר געווען דאָס שענסטע געזאַנג, נאָר אויך ווי אַ דערמאָנונג, אַז ער איז זייער באַשיצער און זיי האָבן ווי מיט גרויס פֿאַרערונג צו אים אַרויפֿגעקוקט.

אין דער גרויסער שטאָט

1

ניט מיט איר אייגענעם ווילן איז די זילבער־בלוילעכע טויב געקומען פון דאָרף אין דער רוישיקער גרויסער שטאָט. מען האָט זי אַוועקגענומען פון איר היים ווען זי איז געווען נאָך זייער יונג. די פעדערלעך פון אירע פליגל זיינען דעמאָלט נאָך געווען קליין און אַזוי ווי זי איז געווען פעט און פויל איז איר נאָך אַפילו ניט איינגעפאַלן צו פּרואוון צי זי קען פליען.

אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן האָט מען זי, צוזאַמען מיט נאָך אַ יונג טייבל, אַרויסגענומען פון טויבן־שלאַק, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הויף צווישן וואַלד און פעלד. מען האָט זיי ביידע דעמאָלט אַוועקגעפירט צו אַ פרוי, וואָס האָט אַמאָל געהאַט איר היים אויף דעמזעלבן הויף און וואָס האָט מיט יאָרן צוריק זיך באַזעצט אין שטאָט. מען האָט איר די טייבעלעך געשיקט אויף צום קוילען. זיי זיינען אָבער ביידע אויפן וועג, אין דעם קילן פרימאָרגן, פאַרשלאָפט געוואָרן און ווען מען האָט זיי אַריינגעבראַכט צו דער פרוי, וואָס האָט געוואוינט ערגעץ אויפן פערטן שטאָק, איז איינס פון זיי אויסגעגאַנגען. דאָס צווייטע טייבל איז אויך געווען פאַרביי, אָבער די פרוי האָט עס דערראַטעוועט און זי האָט גאָרניט געטראַכט עס צו קוילן.

די פרוי האָט געוואוינט איינע אַליין אין איר וואוינונג און מיט

דער יונגער טויב איז איר געוואָרן היימלעכער. די טויב האָט אין איר אויפגעוועקט דערמאָנונגען פון איר יוגנט און פון איר אַמאָליקער דאָרפישער היים. זי האָט מיט ליבשאַפט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם היימישן טייבל, עס געהאָדעוועט מיט גרייפּלעך, מיט קרישקעס ברויט און פאַר אים אויסגעבעט אַ נעסט אין אַ קעסטל, וואָס זי האָט געהאַלטן אויפן געזימס פון פענצטער.

דאָס יונגע טייבל האָט אָבער די ערשטע צייט זיך ניט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער פרעמדער וועלט. עס האָט מסתם גע־בענקט נאָך די טויבן מיט וועלכע עס האָט זיך געהאָדעוועט און אפשר אויך נאָך דעם פעלד און וואַלד פון אַרום, וואָס מען האָט געקענט זען פון טויבן־שלאַק. דאָס טייבל האָט געהאַלטן אין איין פּישטשען ווי אַ הינדעלע, וואָס מען האָט עס פאַר פרי צוגענומען פון דער קוואָקע. עס האָט ווייניק געגעסן און איז געוואָרן שטאַרק אָפּגעמאָגערט.

די פרוי האָט געגלעט דאָס טייבל, עס אַרומגעטראָגן אויפן אַקסל. אים געגעבן קרישקעס ברויט פון איר דלאָניע און אין אים אַריינ־גערעדט, אַז עס זאָל אויפהערן וויינען.

ווען עס זיינען אָבער פאַרגאַנגען אַ פּאָר וואָכן האָט די יונגע טויב ביסלעכווייז זיך באַרואיקט און זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו דעם נייעם לעבן אין דער שטאָטישער וואוינונג. זי האָט זיך גענומען צום עסן און זי האָט אָנגעהויבן וואַקסן. אירע פליגל זיינען געוואָרן גרעסער און זי האָט ביסלעכווייז גענומען אַרומפליען איבער דער שטוב.

די טויב, וואָס איז געווען אַ „זי" איז אויסגעוואַקסן זייער אַ שיינע. זי האָט געהאַט געטאָקטע, בלאַס־רויטע פיסלעך, אַ חנעוודיק קליין קעפל און די פעדערן אויף איר ברוסט און אַרום איר האַלדז האָבן געגלאַנצט ווי דער טוי אין אַ זומערדיקן בלויען פאַרטאָג. זי איז געוואָרן שטאַרק צוגעלאָזט צו דער פרוי, וואָס האָט זיך מיט איר

אָפּגעגעבן. זי איז צו איר אַרויפגעפלויגן אויפן אַקסל, זי האָט געפּיקט קערנער פון איר האַנט. זי איז אָבער זעלטן געווען אויפגעלייגט צו שפּיפּן און זי האָט שטענדיק אַ שטילע און אַ פאַראייניזאַמטע זיך אַרומגעדרייט לעבן איר קעסטל.

וואָס עלטער די טויב איז געוואָרן אַלץ אײנזאַמער איז זי געווען אין דער וואוינונג אויפן פערטן שטאָק. נאָר פון צייט צו צייט, ווען די זון האָט אַ שיין געטאָן אין די פענצטער איז די טויב געוואָרן אַביסל אויפגעמונטערט.

זי פלעגט דאַן אַרויפפליען אויפן פענצטער־ברעטל, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ פּאָר גרינע וואַזאָנעס. זי האָט דאָרט זיך צעוואָרקעט אויפן קול און זיך גענומען גוידערן גלייך ווי אַן „ער" וואָלט זיך געדרייט אַרום איר.

2

די פרוי, וואָס איז שטענדיק געווען אַליין אין איר וואוינונג, האָט דערפילט די איינזאַמקייט פון דער טויב און זי האָט איינגעזען, אַז מען דאַרף זי ניט האַלטן פאַרשפּאַרט אין שטוב. און ווען עס זיינען אונטערגעקומען ליכטיקע און זוניקע טעג האָט זי געעפנט דאָס פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו די פייער־טרעפּ. זי האָט אויסגעלייגט קערנער אויפן דרויסנדיקן געזימס פון פענצטער און געגעבן דער טויב די ברירה אָדער זי זאָל ערגעץ זיך צולאָנטשען צו אַ טשאַטע שטאָטישע טויבן, אָדער זי זאָל זיך ערגעץ־וואו אָפּזוכן אַן „ער" און צוריקקומען מיט אים.

דאָס אָפענע פענצטער צום ליכטיקן און וואַרעמען דרויסן האָט געלאָקט די טויב. זי איז באַלד אַרויף אויפן געזימס, דאָרט מיט ערנסטקייט געשטרעקט פאַראויס איר שיין קעפּל, פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און דערנאָך אַרויסגעפלויגן צו די פייער־

טרעפּ. די פרוי האָט מיט אַנגסט איר נאָכגעקוקט. זי אַליין האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר דער גרויסער שטאָט, וואו עס האָבן געלויערט אַ סך געפאַרן אויף יעדן באַשעפעניש און זי האָט זיך געשראָקן, אַז עס זאָל עפּעס ניט געשען מיט איר טויב אין דעם רוישיקן דרויסן. זי האָט געלאָזט פריי די טויב, אָבער עס איז איר שווער געווען צו בלייבן אָן איר און זי האָט שטיל אין הארצן גע־האָפט, אַז זי וועט פון איר ניט אַוועק.

די טויב האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן פאַרענטש פון די פייער־טרעפּ. זי האָט זיך דאָרט געוואָרעמט אויף דער זון און עפּעס ווי מיט פאַרוואונדערונג באַטראַכט דעם דרויסן, וואָס איז געווען פאַר־בויט מיט הויכע געביידעס און וואו מ'האָט ניט געזען קיין ביימל און קיין גרעזל. עס קען זיין, אַז זי האָט נאָך געדענקט די גרינע פעלדער און די ביימער, וואָס זי האָט קליינערהייט געזען פון איר טויבן־שלאַק און זי האָט זיי איצט ווי אַרומגעזוכט צווישן די הויכע מויערן. די טויב האָט אַרומגעפלאַטערט אויפן דאַך, זי האָט דאָרט אַרומגעשפּאַצירט, נאָכגעקוקט פייגל, וואָס זיינען געפלויגן אין דער הויך, און ערשט ווען עס איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן אַ היימלאָזע קאַץ איז זי אַן איבערגעשראָקענע צוריקגעפלויגן צום פענצטער און אריין אין הויז.

די טויב איז דערנאָך אַזוי, טאָג־איין, טאָג־אויס, אַרויס אין דרויסן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שטילע און אַן איינזאַמע, זיך געוואָרעמט אויף דער זון און דערנאָך זיך צוריק אומגעקערט צו איר קעסטל אין הויז. די פרעמדע רוישיקע וועלט האָט זי געשראָקן און זי איז ווייטער פון דאַך ניט געפלויגן.

3

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָט די פרוי אַהיימגעבראַכט אַ צוויי־טע טויב. זי איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען אַ שוי־פענצטער וואו זי

האָט געזען אין אַ שטייגל עטלעכע טויבן פון זילבער־בלויליכן קאָליר, זי האָט לאַנג ניט געקלערט און האָט איינגעהאַנדלט די גרעסטע פון זיי, וואָס איז געווען אַן „ער״. דער „ער״ איז געווען ענלעך צו איר טויב, אָבער ער איז געווען אַ סך גרעסער און אויך עלטער פון איר און געהאַט אַ גרויליכן קאָפּ.

די טויב איז שטאַרק צעטומלט געוואָרן ווען זי האָט דערזען דעם „ער״, וואָס די פרוי האָט געבראַכט און זי האָט אַ שטילע זיך גיך פאַררוקט אין אַ ווינקל. די פרוי האָט דעם פרעמדן „ער״, פאַר די ערשטע עטלעכע טעג, אונטערגעבונדן די פליגל מיט אַ דין שטריקל, אַז ער זאָל ניט קענען אַרומפליען. זי האָט אים אָפּ־געלאָזט לעבן קעסטל, פאַר אים אָוועקגעשטעלט וואַסער אין אַ בלעכל און אַ טעצל פול מיט קערנער.

דער „ער״ איז ניט געווען פון די איבערגעשראָקענע און אויך ניט פון די שעמעוודיקע און ער האָט זיך באַלד גענומען צום עסן און צום טרינקען. ער איז, ווייזט אויס, געווען גוט אויסגעהונגערט און ער האָט מיט גרויס אַפּעטיט געפּיקט און געפּיקט די קערנער. ווען ער איז שוין מער־ווייניקער געווען זאַט, האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן וואו ער איז אין דער וועלט. ער האָט דערזען די „זי״ אין ווינקל און ער האָט ווי אַ פּאַפּוגיי אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ. פון אָנהייב האָט ער זיך געמאַכט גלייך ווי זי גייט אים ניט אָן און ער האָט ווידער גענומען שלינגען די קערנער. ער האָט דערביי אָנגעהויבן גוגערן אויפן קול, זיך געבלאָזן און זיינע פעדערן אַרום האַלדז זיינען געוואָרן אויפגעשויבערט.

עטלעכע מינוט שפּעטער האָט דער „ער״ זיך שוין היימיש אַרומגעשפּאַצירט איבערן הויז און זיך אויך צוגעלאָזט צו דער „זי״, וואָס האָט זיך געהאַט אַרויסגעשאַרט פון ווינקל. זי האָט שעמעוודיק געשאָקלט מיט איר קעפּל און ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט לעבן איר און אַן אָנגעבלאָזענער אויפסניי זיך צעגוגערט, האָט זי

אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל און אַרויפגעפלויגן צו דער פרוי אויפן אַקסל.

די פרוי האָט דאָס אַלץ צוגעקוקט און זי האָט באַלד געוואָרפן אַן אומחן אויף דעם „ער". זי האָט ניט געקענט פאַרליידן זיין דרייסט־קייט, זיין פרעסן אָן אַ מאָס און עס האָט איר שוין באַנג געטאָן אויפן גאַנצן עסק. זיין שטעל און זיין ווערן באַלד היימיש אין הויז האָט זי דערמאָנט אָן אַ מאַן, וואָס האָט זי אַמאָל ביטער אַנטוישט און זי איז געוואָרן אויפגערודערט. זי איז געווען גרייט אַפילו שוין אַרויסצולאָזן דעם „ער" דורכן פענצטער און זי האָט גענומען גלעטן איר טויב איבער די סאַמעט־גלאַטע פליגל. דער „זי" זיינען אָבער איצט ניט איינגעגאַנגען אירע לאַסקעס. דער „ער" האָט זי אינגאַנצן צעטומלט. זי האָט אַן אומרואיקע גענומען פליען פון איין פענצטער צום צווייטן און דערנאָך איז זי אַריין אין קעסטל. באַלד האָט דער „ער" זיך ווידער צוגעלאָזט צו די קערנער, וואָס זיינען געלעגן לעבן קעסטל, אויפגעכאַפּט עטלעכע פון זיי און דערנאָך גלייך אַריינגע־טענצלט אינעווייניק. אין קעסטל האָט ער זיך ערשט רעכט צע־גוגערט. און עטלעכע מינוט שפּעטער האָט מען שוין אויך געהערט דאָס וואָרקען פון דער שטילער „זי".

4

עס האָט ניט גענומען לאַנג און די „זי" איז געוואָרן דעם „ער" שטאַרק אונטערטעניק. זי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן לעבן אים און אַפילו ווען ער איז געשטאַנען און געפּאַקט אין זיך די קערנער און די קרישקעס ברויט, איז זי פון אים ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט לעבן אים אויפגעלעבט און ווי ער אַ מונטערע זיך געלאָזט הערן.

די פרוי האָט נאָכגעקוקט דעם פּאָרל און כאָטש דער „ער" איז איר גלייך דעם ערשטן טאָג ניט געפעלן געוואָרן, איז זי אָבער געווען

צופרידן וואָס איר טויב איז מער ניט איינזאַם. עטלעכע טעג שפּע־טער, ווען זי האָט געזען, אַז דאָס פּאָרל האָט זיך שוין גוט איינ־געלעבט, האָט זי אין אַ פרימאָרגן אַרויסגעשטעלט דאָס קעסטל מיט דער קליינער עפענונג אויף דעם דרויסנדיקן פענצטער־ברעטל. זי האָט אויך דעם „ער" אויפגעבונדן די פליגל אַזוי, אַז זיי זאָלן ביידע קענען פריי אַרומפליען אין דרויסן. זי האָט אָבער פּונקט ווי פריער געזאָרגט, אַז זיי זאָלן האָבן גענוג צו עסן און צו טרינקען.

דער אַנגעפרעסענער „ער" האָט צוזאַמען מיט דער „זי" אַרומ־געפלאַטערט אין דרויסן לעבן די פייער־טרעפּ. זיי זיינען אויך אַרויפ־געפלויגן אויפן דאַך און דערנאָך זיך אומגעקערט צו זייער נעסט. די „זי" האָט אַלע מאָל געלאָזט הערן איר וואָרקען און זי איז אין איר מונטערקייט גאָרניט געווען צו דערקענען.

דער „ער" האָט זיך אָבער לאַנג ניט געהאַלטן לעבן איר. בלויז אַ פּאָר טעג האָבן זיי אַזוי אָפּגעלעבט צוזאַמען און דערנאָך, ווען דער „ער" האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעפּאַשעט, האָט ער אין אַ פּאַרטאָג זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט פון קעסטל. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן אין דער הויך און איז אַוועקגעפלויגן אויף ניט צוריק־צוקומען.

די „זי" איז ווידער געבליבן אַליין. די ערשטע פּאָר טעג האָט זי אַ פאַרבענקטע געהאַלטן אין איין אַרומזוכן דעם „ער". זי איז אַלע מאָל אַרויפגעפלויגן צום דאַך, זי האָט אים געזוכט אויף די פייער־טרעפּ און אין קעסטל, אָבער זי האָט אים ניט געפונען. זי האָט ווידער זיך דערפילט איינזאַם און זי איז אַלע מאָל דורכן פענצטער אַריינגעפלויגן צו דער פרוי אין הויז.

די פרוי איז געווען אויפגעבראַכט אויף דעם „ער", וואָס האָט זיך אין דער שטיל אַוועקגעגנבעט. זי האָט געהאַט מיטלייד מיט דער טויב, וואָס איז אין די זוניקע טעג געזעסן איינע אַליין לעבן

איר קעסטל, און זי האָט איצט מער ווי פריער זיך מיט איר אָפּ-געגעבן.

און מיטאַמאָל איז די טויב פאַרשוואונדן. זי איז אין אָן איין-דערפרי אַרויפגעפלויגן אויפן דאַך און אַ גאַנצן טאָג און אויך אין אָוונט ניט צוריקגעקומען צום קעסטל. דער פרוים ערשטער געדאַנק איז געווען אַז די איינזאַמע טויב איז אַוועק זוכן דעם „ער". זי האָט אויך איבערגעקלערט, טאָמער האָט ווער אַריינגעכאַפּט די טויב אין אַ נעץ, אָדער אפשר האָט גאָר אַ ווילדע היימלאָזע קאַץ זי פאַרצוקט. די פרוי האָט אָבער אויך געהאָפט, אַז די טויב וועט נאָך צו איר צוריקקומען און זי האָט יעדן טאָג פאַר איר אַוועקגעלייגט עסן אויפן פענצטער. הונגעריקע שפּערלם האָבן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אויפ-געפּיקט די קערנער און די טויב האָט זיך ניט געוויזן.

5

די פרוי האָט די אויגן זיך אויסגעקוקט נאָך דער טויב. ערשט אויפן פערטן טאָג האָט זי פאַרנאַכט זיך ענדלעך באַוויזן אויף די פייער-טרעפּ. די פרוי האָט אַ דערפרייטע געעפנט דאָס פענצטער און די טויב איז אַריינגעפלויגן אין הויז אַריין.

די טויב האָט אין די עטלעכע טעג, וואָס זי איז ניט געווען ביים הויז, זיך שטאַרק פאַרענדערט. זי איז געווען אויסגעהונגערט און איינגעשרומפּן. אירע פעדערן זיינען מער ניט געווען אַזוי גלאַט און ניט געהאַט דעם פריערדיקן גלאַנץ. איר עק איז געווען האַלב אויסגעפליקט און אויף איין פיסל האָט זיך אָנגעזעצן פאַרטריקנט בלוט.

די טויב האָט געכאַפּט עטלעכע קערנדלעך פון דער פרוים האַנט, זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער און דערנאָך אַ מידע און אַ דערשלאָ-גענע זיך צוגעזעצט אויפן דיל. זי האָט פאַרצויגן אירע אייגלעך און

גאָרניט געוואָלט, נאָר רוען. די פרוי האָט זיך צו איר אָראָפּגעבויגן און מיט אַ וויינענדיק קול זי געפּיעשטשעט ווי אַ קינד. זי האָט ניט געוואוסט וואו די טויב איז געווען און וואָס עס האָט זיך מיט איר געטראָפן. זי האָט אָבער ביי זיך אָפּגעמאַכט זי מער ניט אַרויס־לאָזן אין דעם דרויסן פון דער רוישיקער שטאָט, וואו עס לויערן אַזויפיל געפאַרן.

פון גרוים מיטלייד צו דער טויב האָט די פרוי יענעם פאַרנאַכט זיך פאַרגענומען זי צוריקצובערענגען צו איר דאָרפישער היים און צו דעם טויבן־שלאַק וואו זי האָט זיך אויסגעפּיקט פון איי.

נאָך יענעם צוריקקומען האָט די טויב מער ניט געצויגן צום דרויסן. זי איז טעג גאַנצע געזעסן אין הויז אויפן געזימס פון פענצטער און זיך געוואַרעמט אויף דער זון.

ווען עס איז אונטערגעקומען דער זומער, האָט די פרוי איינמאָל אין אַן אינדערפרי זיך אויסגעקליבן צו פאָרן צוגאַסט אין איר אַמאָ־ליקער דאָרפישער היים. זי האָט דעמאָלט צוזאַמען מיט אירע זאַכן אויך מיטגענומען דאָס קעסטעלע מיט דער טויב.

ווען זי איז פאַרפאָרן אויפן הויף, וואָס איז געלעגן צווישן וואַלד אין פעלד, האָט זי ס׳ערשטע אַרויסגעלאָזט די טויב פון דעם קעסטל. די טויב איז עטלעכע מינוט געבליבן שטיין אויף דער ערד און זיך אַרומגעקוקט. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און איז אַרויפגעפלויגן צו דעם טויבן־שלאַק. זי האָט זיך דאָרט באַלד דערפילט היימיש און זיך אויסגעמישט מיט די טויבן, וואָס זיינען ווי זי, געווען פון זילבער־בלוילעכן קאָליר.

אַ נײַ לעבן

1

דער ליכטיקער דרויסן איז יענעם אין דער פרי געווען אָנגע־לאָדן מיט שפּעט־זומערדיקער צײַטיקייט. דער טאָל, וואָס האָט אין דעם ביינאַכטיקן רעגן געהאַט אויסגעוואַשן זײַן גרינקייט, האָט געבלאַנקט אין דעם זוניקן פרימאָרגן און געשמעקט מיט רומיאַנעק, מיט קימל און מיט פרישן האָניק.

אין דעם טאָל האָבן זיך געפּאַשעט די בהמות פון דאָרף. זיי האָבן אין דעם לויטערן אינדערפרי מיט גרויס חשק זיך צוגעכאַפּט צום גראָז, וואָס איז געווען אויפגעפרישט פון רעגן, און זיך אפילו אויף אַ רגע ניט פאַרגונען אויפצוהויבן די קעפּ. די קי האָבן געפּאָכעט מיט זייערע לאַנגע עקן איבער זייערע לייבער, געטריבן פון זיך די פליגן מיט די גלאַנצנדיקע גרינע בייכער און זיך אַזוי פאַסמאַקעוועט מיט דער פּאַשע, אַז די סלינע איז זיי גערונען פון מויל און אַ שוים האָט זיך געוויזן אין זייערע מויל־ווינקלען.

נאָר דאָס רויט־ווייסע קיעלע מיט די קורצע הערנער, וואָס איז געווען הויך געלאָדן, האָט נאָך אַ פּאָר שעה פּאַשען זיך מער ניט געוואָלט זיך צורירן צום גראָז. די טראָגנדיקע קליינע בהמה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַריבערגעקוקט צום בלויען ראַנד פון הימל. זי איז עפּעס ווי מיד געווען צו מעלה־גרהן און זי האָט אויסגעזען זייער מוטלאָז.

איר פֿאַסטעכל איז צו איר באַלד צוגעלאָפֿן. ער האָט איר געגעבן עטלעכע קראַץ אין ווייסן שטערן און גערעדט צו איר ווי צו אַ מענטשן. ער האָט זי געפֿרעגט פֿאַרוואָס זי וויל מער ניט דאָס גוטע גראָז און צי איז אפֿשר פֿאַר איר שוין געקומען די צײַט צו האָבן דאָס קעלבל. די קו האָט אַ טוליע געטאָן איר פֿײַכטע מאָרדע צום פֿאַסטעכל, צעשפּרייט אירע הינטערשטע פֿיס און שווער אָפּגע־אָטעמט. זי האָט דערנאָך יאָ אַ שמעק געטאָן צום גראָז, אָבער זי האָט זיך מער ניט געוואָלט פּאַשען.

דעם קליינעם פֿאַסטעכס מאַמע, וואָס איז געווען אַן אָרעמע אלמנה, און וואָס האָט חוץ אים געהאַט נאָך פֿיר קלענערע קינדער, האָט אין די לעצטע טעג געהאַלטן אין איין ריידן, אַז די קו דאַרף היינט־מאָרגן האָבן דאָס קעלבל. און יעדעס מאָל ווען ער האָט די קו אַרויסגעטריבן אויף דער פּאַשע, האָט די מוטער אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אויף איר האַלטן אַן אויג.

דער אַכט־יאָריקער פֿאַסטעך האָט אַליין געוואוסט, אַז ער דאַרף איצט גוט אַכטונג געבן אויף דער קאַלביקער בהמה. ער האָט אַליין געזען ווי איר בויך ווערט אין די לעצטע טעג וואָס אַמאָל גרעסער און איר אייטער פֿולער. ער האָט נאָך אויך ניט געהאַט פֿאַרגעסן ווי ער האָט אין שפּעטן האַרבסט מיט דער מאַמען געפֿירט די קו צום בוהיי. די קו איז דעמאָלט געווען שטאַרק צערודערט און זי האָט זיך געריסן פֿון זיינע הענט. ער האָט אָבער פֿעסט געהאַלטן דעם שטריק און די מאַמע האָט די בהמה אונטערגעטריבן מיט אַ ריטל, זי געגלעט און זי באַרואיקט. די מאַמע האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין ריידן צו דער קו און איר צוגעזאָגט, אַז אין ניין חדשים אַרום וועט זי האָבן אַ שיין קעלבל, וואָס זי וועט שטאַרק ליב האָבן.

דעם פֿאַסטעכל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די קאַלביקע קו וויל זיך לייגן אין גראָז און אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז זי קען

נאָך אַמאָל האָבן דאָס קעלבל אין טאָל, האָט ער ניט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד זי אַהיימגעטריבן.

די שוואַרץ-געלאָדענע קו איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט און ווען זי איז שוין געווען נאָענט לעבן דער היים האָט זי אַרויס-געקרעכצט אַן אָפּגעריסענעם מו. זי האָט ווי גערופן איר באַלע-באָסטע. די אַלמנה, וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט די דריי-און-אַ-האַלב יאָריקע קו פון אַ פּיצל קעלבל, איז באַלד צו איר אַרויס ביז אויפן וועג. די בהמה האָט אַ טרייסל געטאָן מיט די אויערן, ווען זי האָט דערזען איר באַלעבאָסטע און איז געוואָרן אַביסל אויפגע-מונטערט. זי האָט אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ אין דער זייט פון איר באַלעבאָסטע און מיט עטלעכע שווערע קרעכצן זיך ווי גע-פּיעשטשעט פאַר איר.

— ס'איז גאָרניט, טייערינקע. ס'איז געקומען די צייט, זיסינקע, און וועסט דאָס גיך איבערקומען. וועסט האָבן אַ קינדעלע שיין ווי די זון און וועסט עם לעקן און קושן — האָט די אַלמנה גערעדט צו איר קיעלע. באַלד זיינען דער אַלמנהס קלענערע קינדער אַרויס פון שטוב און דאָס פּאַסטוכל האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז די קו איז אַהיימגעקומען זיך קאַלבן. די קינדער האָבן נאָך גוט געדענקט דאָס ערשטע קעלבל, וואָס די קו האָט געהאַט לעצטן יאָר און זיי זיינען געווען אויסער זיך פון פרייד. זיי האָבן געגלעט און געקושט די קו און זי באַגלייט ביז צו דער שטאַל.

— ס'איז געקומען די צייט, זיסינקע, — האָבן די קינדער נאָכ-געפּלאַפּלט דער מאַמעס רייד און באַצייטנס זיך אויסגענומען מיט דער מוטער, אַז מען זאָל דאָס מאָל ניט פאַרקויפן דאָס קעלבל. זיי האָבן גוט געדענקט, וואָס זייער קיעלע האָט דעמאָלט פאַראַרבעט, ווען מען האָט ביי איר צוגענומען איר ערשט קלעבל און עס פאַר-קויפט ווען עס איז אַלט געווען צוויי וואָכן. די יונגע קו האָט דע-מאָלט געהאַלטן אין איין מו-זקען, זי האָט ניט געוואָלט עסן און זי

האָט די ערשטע פּאָר טעג אויך ניט געוואָלט אָפּגעבן די מילך. זײַ, די קינדער, האָבן דעמאָלט אויך שטאַרק געבענקט נאָכן קעלבל, זײ האָבן אויך רחמנות געהאַט אויף דער קו און זײ האָבן זיך גענוג אָנגעװײנט.

2

די קו איז געבליבן שטײן לעבן דער שטאַל אַנטקעגן דער זון און אָנגעהויבן אַ ביסל מעלה־גרהן. זי האָט זיך דערפילט הימלעכער לעבן די קינדער, צווישן וועלכע זי איז אויסגעוואַקסן. מען האָט געקענט זען, אַז זי איז זיך ממש מחיה מיט זײערע גלעטן און לאַס־קעס. ווער ווייסט, אפשר האָט זי זיך דערמאָנט אין דער צײַט, ווען זי איז געווען אַ פּיצל קעלבל און פלעגט זיך מיט זײ אַרומשפּילן. און אפשר האָט זי די קינדער איצט מקנא געווען, וואָס זײ זײַנען נאָך אַלץ קלײן, וואָס זײ האָבן ניט געדאַרפט, ווי זי, אַזױ גיך אויס־וואַקסן. אָט איז זי איצט ערשט אין פערטן יאָר און זי דאַרף שוין האָבן דאָס צווייטע קעלבל.

די קו איז אַרײַן אין שטאַל, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט טרוקענעם הײ און פּאַוואָליע, מיט פּאַרזיכטיקייט זיך אַוועקגעלײגט. די באַלעבאָסטע האָט פּאַר איר פּאַרמישט אַ טערבע פון קוקורוזע־מעל מיט וואַרעם וואַסער, פּאַרווייסט מיט מילך, אָבער די קו, וואָס האָט באַלד אָנגעהויבן פילן די געבורט־ווייען, האָט בלויז עטלעכע זופּ געטאָן פון דעם שיטערן מאכל. זי האָט שווער געאָטעמט און געקרעכצט.

די אלמנה האָט אַוועקגעשיקט די קלענערע קינדער צו אַ שכנטע און זי מיטן פּאַסטוכל האָבן זיך געדרייט אַרום דער געווינערין. ס'ערשטע קעלבל האָט די קו געהאַט זײער לײַכט, אָבער דאָס מאָל האָט די אלמנה באַלד אײַנגעזען, אַז דאָס האָבן וועט איר אָנקומען

שווער. זי האָט געדולדיק געוואַרט און געזען, אַז עס גייט ניט צו גלאַטיק און אַז די בהמה איז פאַרביי. אַ שוים האָט גענומען אַרויס־שלאָגן פון דער קו׳ס מויל, איר רוקן האָט זיך שטאַרק געהאַרבעט, אירע היפטן האָבן געצוקט און איר גאַנץ לייב האָט זיך געקאַר־טשעט.

— שטאַרק דיך, טייערינקע — האָט די באַלעבאָסטע גערעדט צו דער געווינערין. זי האָט פאַרבראָכן אירע הענט און געהייסן דעם פאַסטעכל לויפן נאָך דעם שכן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ האַלבן דאָקטער און געהיילט בהמות און פערד. זי האָט דערווייל איינגעריבן דער קו׳ס באַקעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין צוקן. זי האָט אָוועקגעווישט דעם שוים פון דער בהמהס מויל און ניט אויפגעהערט ריידן צו איר. די קו האָט אָנגעשטעלט אויף איר באַלעבאָסטע אַ פּאָר גרויסע אויגן פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט דער טויט. זי האָט דורך אירע צעשפּרייטע נאָזלעכער אויף איר געאָטעמט מיט הייסער פּאַרע און איר מיט אַ פאַרשטיקט קרעכצן ווי דערציילט, אַז זי ווערט צעריסן פון די ווייען.

דער שכן מיטן קעסטל דאָקטאָר־געצייג איז באַלד געקומען. ער האָט ווי אַ דאָקטאָר באַטראַכט און באַטאַפּט די קו, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געלאָזט וויסן דער באַלעבאָסטע, אַז עס איז גאָר אַ שווערע געבורט און אַז זי דאַרף זיין גרייט אויפן ערגסטן.

— גוטער שכן, מלאך טייערער, ראַטעווע די שפּייזערין פון מיינע קינדער, — איז די אָרעמע אלמנה זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. דער שכן האָט ניט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד פאַרקאַטשעט זיינע העמד־אַרבל ביז צו די אַקסלען און גענומען אַרבעטן איבער דער בהמה.

די נייעס, אַז דער אלמנהס רויט־ווייס קיעלע האַלט ביים אויס־גיין איז גיך דערגאַנגען צו די אַרומיקע שכנים און עטלעכע פון זיי זיינען געקומען צולויפן. זיי האָבן אַלע געוואָלט העלפן ראַטעווען

דאָס קיעלע און זײַ האָבן געהאַט פּאָר איר פֿאַרשידענע באַבסקע רפֿואות.

עס זײַנען אויך געקומען צוגיין עטלעכע אַלטע װײַבער און זײ האָבן צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל, אַז ניט אַנדערש נאָר עס איז דער קו אָפּגעטאָן געוואָרן עפּעס אַ כּישוף און דערפֿאַר קען זי ניט אָפּגעבן דאָס קעלבל. איינע פֿון די װײַבער האָט דערציילט ווי אַזוי עמעצער האָט אַמאָל אויך איר אַ קאַלביקער קו אָפּגעטאָן כּישוף מיט אַ הינערישער פֿעדער און זי איז דערשטיקט געוואָרן. אַ צווייטע האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי אַ מכשפֿה האָט אַמאָל אַ גאַנצן זומער געפּייניקט אירע צוויי קי, וואָס זײַנען געוואָרן שטאַרק אויסגעדאַרט. זי האָט בײַ זײ אָפּגענומען די מילך און אין די נעכט אויף זײ אַרומגעריטן. ערשט ווען די שטאָל איז אָפּגעברענט געוואָרן האָט דער כּישוף זיך אָפּגעטאָן פֿון די בהמות און זײ האָבן ווידער אויפֿגעלעבט.

3

נאָך װאָרעמעס איז געקומען צולויפֿן דער קיילער פֿון דאָרף צו דערקוויקן די בהמה איידער זי גייט אויס. קיינער האָט אים ניט גערופֿן, אָבער ער האָט שוין אַליין געוואוּסט ווען זיך צו באַווײַזן.

— איך וועל אים ניט צולאָזן צו מײַן שפּײַזערין. ס'איז דאָך אַ מאַמע מיט אַ קינד און ס'איז אַ זינד פֿאַר גאָט — האָט די אלמנה זיך צעקלאָגט ווען זי האָט דערזען דעם קיילער. דער שכן, דער האַל־בער דאָקטאָר, וואָס האָט אַ פֿאַרשוויצטער געאַרבעט איבער דער קי, האָט אויף אירע רייד צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט דעם קיילער, אַז ער וואָלט וועלן כאָטש איין לעבן אָפּראַטעווען.

— ניטאָ שוין וועמען צו ראַטעווען. דאָס קעלבל איז שוין זיכער דערשטיקט און די קו וועט באַלד אויסציען די פֿיס. אַזוי וועט מען

כאַטש עסן אַ שטיקל פלייש און זי וועט איינלייזן אַביסל געלט — האָט דער קיילער זיך געדעדט זיינס און גענומען צו שאַרפן זיינע מעסערס.

אַ פּאָר פון די שכנים, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט לעבן דער שטאַל, האָבן געהאַלטן מיטן קיילער. זיי האָבן געזען, אַז די קו איז פאַרביי און זיי האָבן געמאַכט דעם חשבון, אַז פאַרן ביסל געלט, וואָס די אַלמנה קען איינלייזן פאַרן פלייש און פאַר דער פעל, וועט זי קענען קויפן אַ קעלבל אויף צו פלעקען און אין אַ צוויי יאָר אַרום וועט זי האָבן אַן אַנדערע מעלקנדיקע בהמה. עס האָט זיך ביי די שכנים באַצייטנס צעשפּילט דער אַפּעטיט צום פלייש, וואָס מען פלעגט ביי אַזאַ געלעגנהייט איינהאַנדלען האַלב-אומזיסט און זיי האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל דערקוילען די בהמה, איידער זי גייט אוים. דער קיילער מיט זיין געזונטן רויטן קאַרק האָט זיך אַליין געשאַרט נעענטער צו דער קו מיט אַ גרוים מעסער אין האַנט און געוואָרנט, אַז די קו וועט באַלד אויפהערן אָטעמען און צו קיין פגירה וועט ער זיך אַפילו ניט צורירן.

— איך וועל ניט לאָזן! — האָט די אַלמנה אַ צערייצטע אים אַרויסגעטריבן פון שטאַל, כאָטש זי האָט געזען, אַז די קו האָט שוין פאַרגלייזט די אויגן און פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ.

דער שכן האָט לאַנג געאַרבעט איבער דער קו, און ווען די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין, האָט ער ווי מיט כוח אַרויס־באַקומען פון איר דאָס קעלבל אַ לעבעדיקס. נאָכן אָפּגעבן דאָס קעלבל איז די קו געבליבן ליגן אַ מאַכטלאָזע, אָן אַ סימן פון לעבן. דער שכן, וואָס האָט זי געדאָקטערט, האָט איר אָבער ביז צו דער מאָרדע אונטערגעטראָגן דאָס ניי-געבוירענע צונויפגעקנוילטע באַשעפעניש. ער האָט צוערשט באַשאָטן מיט זאַלץ דאָס קעלבל, דערנאָך האָט ער באַווישט דער קו'ס מאָרדע, איר אויפגעריסן ס'מויל און אַריינ־געגאָסן אין איר עפּעס פון אַ פלעשל. דאָס פּיצל קעלבל האָט זיך

ז׳ערוויל געגומען רירן און צום ערשטן מאָל זיך געלאָזט הערן. דער אָפּגעריסענער רוף פון קעלבל האָט ווי אויפגעוועקט די קו. זי האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, געעפנט די אויגן און מיט אַ פאַרשטיקטן מו געענטפערט איר קינד. זי האָט באַלד זיך צו־געבויגן מיט דער מאָרדע צו דעם נאַסן באַשעפעניש און מיט די לעצטע כוחות אויסגעלעקט זיין קעפּל און זיין גאַנץ לייב.

אויף דער טיר פון דער שטאַל זיינען געשטאַנען אַ פּאָר שכנים, דאָס פאַסטעכל און דער אלמנהס קלענערע קינדער, וואָס זיינען אַהיימגעקומען זען דאָס קעלבל. די קינדער האָבן גלייך מיט די דערוואַקסענע מענטשן שווייגנדיקע געקוקט אויף דער קאַלוזשע בלוט לעבן דער קו און אויף דעם קעלבל, וואָס די בהמה האָט עס געלעקט און געלעקט. די אלמנה האָט אָפּגעצויגן אַ ביסל מילך פון דער קו׳ס פולער אייטער. געגלעט איר פעל, וואָס איז געווען נאָס פון שווייס און געהאַלטן אין איין ריידן צו איר אין געוויין. דער שכן, וואָס האָט אַלץ אָנגעווענדט צו ראַטעווען די קו, האָט זי צוגעדעקט מיט אַ וואַרעמע און ווען זי האָט אויפגעהערט לעקן דאָס קעלבל האָט ער עס אַוועקגעטראָגן אין אַ ווינקל און איר ווידער עפּעס אַריינגעגאָסן אין מויל.

מען האָט אָבער די קו ניט געקענט דערראַטעווען. זי האָט אַוועק־געלייגט דעם קאָפּ אויפן היי, אַ פּאָר מאָל שווער אָפּגעאָטעמט, אויס־געשטרעקט אַלע פיר פיס און פאַרמאַכט די אויגן.

אַלע, אַפילו די קליינע קינדער, האָבן באַלד דערשפּירט, אַז די קו איז טויט און זיי האָבן זיך צעקלאָגט אויפן קול. די אלמנה מיט אירע קינדער זיינען צוגעלאָפן צו דער טויטער בהמה, זי געגלעט און געקושט. זי גערופן „טייערינקע״ און „זיסינקע״ און זייערע גע־וויינען האָבן זיך געהערט ביז אויפן וועג אַרויס. זיי האָבן גאָרניט געוואָלט אָפּטרעטן פון דער קו. זיי האָבן זיך ניט געלאָזט טרייסטן און זיי זיינען אַזש הייזעריק געוואָרן פון דעם וויינען און קלאָגן.

דער טאָג האָט דערווייל אָנגעהויבן פאַרגיין און די לעצטע זון־שטראַלן זיינען דורך דער אָפענער טיר אַריינגעפאַלן אין שטאַל. איין שטראַל איז דערגאַנגען צו דעם ניי־געבוירענעם קעלבל און זיך ווי אַ שפּיל געטאָן מיט די יונגע הערעלעך פון זיינע אויגן־דעקלעך. די הערעלעך האָבן אַ ציטער געטאָן, דאָס קעלבל האָט עטלעכע פינטל געטאָן מיט די אויגן, זיי צעעפנט און אַ פּאָר מאָל געלאָזט הערן זיין קול.

דער אלמנהס קינדער, וואָס זיינען געזעסן אויפן היי לעבן דער מוטער קו, האָבן אויפגעכאַפּט דאָס קול און זייערע פאַרוויינטע אייגלעך זיינען איצט געווען געווענדט צום קעלבל. זיי האָבן געזען ווי דאָס ניי־געבוירענע באַשעפעניש הייבט־אָן רירן מיט די פיסלעך און ווי עס וויל זיך אויפשטעלן. עס איז איין מאָל און אַ צווייט מאָל שוין געשטאַנען אויף די פאָדערשטע קני און איז צוריק אומגעפאַלן. דאָס קעלבל האָט אָבער אַלץ ווידער געפּרואווט זיך שטעלן אויף די פיסלעך.

איינס פון די קינדער איז אַוועק העלפן דעם קעלבל זיך אויפצושטעלן. אַ צווייט קינד, וואָס האָט באַמערקט, אַז דאָס קעלבל האָט דער קו׳ס ווייסן שטערן, איז צוגעגאַנגען זען צי האָט עס אויך דער מאַמעס רויט־ווייסע פלעקן אַרום בויך. אויך דאָס פּאַסטעכל האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום קעלבל און באַלד געלאָזט וויסן די קינדער, אַז עס איז ניט קיין ביקל, נאָר אַ טעלעטשקעלע און אַז מען וועט דערפון קענען אויסהאָדעווען אַ מעלקנדיקע קו. צולעצט איז אויך אונטערגעקומען די אלמנה מיט דער מילך, וואָס זי האָט געדאַט אָפּגעמאָלקן פון דער קו. זי האָט אין שעפל מילך אַריינגעלייגט אַ האַנט געגעבן דעם קעלבל אַ פינגער אין מויל אַריין און אַזוי־אַרום אָנגעהויבן האָדעווען דאָס פּאַריתומטע באַשעפעניש.

דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קערנדל

1

די ערד אין דעם בלומען־גאָרטן, וואָס איז געלעגן ביים וועג, איז געווען פריש אויפגעגראָבן, ווען עס האָט אהין ווי פאַרבלאָנדזשעט א דריבנע אוגערקע־קערנדל. דאָס לענגלעכע בלאַסע זאָמענדל איז אָדער פון א ווינט פאַרטראָגן געוואָרן אין דעם פרעמדן גאָרטן, אָדער עס איז אהין פאַרשווענקט געוואָרן פון אַ רעגן. עס האָט אָבער ווי מיט היימלעכקייט זיך באַלד צוגעטוליעט צו דער ווייכער און פעטער ערד און ביסלעכווייז, פון זיך אַליין, דאָרט ביים שטאַכעט זיך איינגעפּאָרפּלט. דערנאָך איז עס פון א רעגן טיפער אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דער ערד.

עס איז געווען אין פרילינג און אין גאָרטן זיינען אויפגעגאַנגען אַלערליי בלומען, וואָס מען האָט דאָרט פאַרזעצט און פאַרזייט. עס האָבן דאָרט אויך אַרויסגעשלאָגן שפּראָצונגען פון בלומען־בולבעס און פון וואָרצלען, וואָס זיינען א גאַנצן ווינטער געלעגן אין דער ערד. די זון האָט געוואַרעמט און דער גאָרטן איז ווי פאַרשוואומען געוואָרן מיט אַלערליי בלומען־פלאַנצן. עס האָבן מיט יעדן טאָג זיך אויסגעפּיקט אַלץ מער בלומען, וואָס האָבן מיט זייערע פאַרשידענע פאַרבן זיך געמינעט אַנטקעגן דער זון.

אין דער געדיכטעניש פון דעם בלומען־גאָרטן, וואָס איז ניט צו אָפּט געריניקט געוואָרן פון די ווילדע גראָזן, איז זיך אויך געוואַקסן

דאָס פרעמדע אוגערקע־זאָמענדל. דאָס דריבנע קערנדל איז צום ערשט עטלעכע טעג רואיק געלעגן אין דער ערד און ווי פון וואַרעמע טאָג וואָס אַמאָל געוואָרן פולער און גרעבער. די בלייכע שאָלעכץ איבער אים האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּאַנט, זיך אַלץ נאָכגעגעבן דער אויסגערונדעטער גרעב, ביז זי האָט געפּלאַצט. די פּעט־געוואָרענע יאָדרע האָט דערנאָך ווי אַ באַפרייטע פון פּענטעס, זיך נאָך מער צעשפּאַרעט אין דער ברייט און באַלד אינגאַנצן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס געפּלאַצטע הייטל. זי האָט איצט אַ גרינלעכע פון דער סאַמע מיט אָנגעהויבן אַרויסלאָזן פון זיך אַ דין שטענגעלע און ביסלעכווייז זיך גענומען צעטיילן אויף צוויי גלייכע העלפטן.

אָן דער שאָלעכץ האָט דאָס צעשפּאָלטענע קערנדל מיטן שטענגעלע מער ניט געקענט איינליגן אין דער פינצטערער ערד. דאָס קערנדל האָט איצט שטאַרקער געפילט די וואַרעמקייט פון דער זון, וואָס האָט מיט אירע שטראַלן, ווי מיט שפּיזן, זיך דערגראָבן צו יעדן זאָמענדל און עס האָט זיך גענומען ציען צום ליכטיקן דרויסן. דאָס שטענגעלע האָט ביים עק צובאַקומען דינינקע וואָרצלען און עס האָט זיך מיט זיי, ווי מיט פעדים גוט צוגעבונדן צו דער ערד. דערנאָך איז עס צוזאַמען מיט די צוויי העלפטן פון דעם קערנדל אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט.

די צוויי העלפטן פון דעם קערנדל זיינען ווי הורך אַ כישוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צוויי דיקלעכע גרינע בלעטלעך. זיי האָבן אין דעם פרייען און ליכטיקן דרויסן, ציטערדיקע זיך געטוליעט צום שטענגל, זיי האָבן זיך ווי אויסגעבאָדן אין מאָרגן־טוי און דערנאָך זיך צעטיילט. איין בלעטעלע האָט זיך אַוועקגעבויגן אויף רעכטס, דאָס צווייטע אויף לינקס און זיי זיינען אַזוי אומבאַמערקט געוואַקסן אין דעם פרעמדן גאָרטן. פון בייטאָגיקער היץ און פון די רעגנס, וואָס זיינען געפאַלן אין צייט זיינען די בלעטעלעך זיך גיך צעוואַקסן. זיי זיינען געוואָרן גרויסע פינף־שפּיציקע בלעטער,


Chaim Gross

באַדעקטע מיט דריבנע שטעכיקע הערעלעך. דאָס שטענגל האָט זיך דערנאָך צעצווייגט און צובאַקומען נאָך גרויסע און קליינע בלע־טער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף אויסגעהוילטע דינע אָרעמס, באַדעקטע מיט הערעלעך.

אין דער געדיכטעניש פון גראָז און בלומען האָבן די אוגערקע־בלעטער מיט דער צייט ווי דערשפּירט, אַז זיי זיינען אין דער פרעמד. זיי האָבן ווי לעבעדיקע באַשעפענישן זיך גערירט און ווי געזוכט אַ פרייען פּלאַץ פאַר זיך. זיי האָבן געוואָלט אַוועקקריכן איבערן גאָרטן, אָבער די אַלערליי פּלאַנצן האָבן זיי ווי פאַרשטעלט דעם וועג. די בלעטער האָבן אָבער פאָרט ניט געוואָלט בלייבן באַהאַלטענע צווישן די קוסטעס און בלומען־שטענגלעך, וואָס האָבן מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרשטעלט די זון און זיי האָבן ווי מיט כוח דורכ־געריסן די געדיכטעניש. זיי האָבן מיט זייערע האָריקע שטענגלעך זיך גערוקט און געדראַפּעט, ביז זיי זיינען אַרויס אויף דער פריי. זיי האָבן דערנאָך זיך אויסגעשפּרייט איבער די קוסטעס און זיך ווי אָנגעשפּאַרט אָן שטאַכעט.

2

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן האָבן צווישן די פינף־שפּיציקע בלע־טער ביים שטאַכעט זיך באַוויזן צוויי געלע בלומען. זיי זיינען געווען פאַרמאַכט, אָבער ווי נאָר די זון האָט זיך צעשיינט האָבן זיי זיך געעפנט און זיי האָבן דאַן אויסגעזען ווי גאָלדענע בעכערס. פאַר־בייגייער, וואָס האָבן באַלד דערקענט, אַז דאָס זיינען בליאונגען פון אוגערקעס און ניט קיין בלומען, וועלכע וואַקסן נאָר צוליב שיינקייט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די צוויי גאָלד־געלע בעכערלעך. זיי האָבן געזען, אַז זיי זיינען פרעמדע אין דעם בלומען־גאָרטן און זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי זיי האָבן אַהין פאַר־בלאָנדזשעט.

ווען דער טאָג האָט זיך אָנגעוואָרעמט האָט דער גאָלדענער קאָליר פון די אוגערקע-בלומען און די עטלעכע פערל ראָסע, וואָס האָבן אויף זיי ווי דימענטן געפינקלט, צוגעלאָקט עטלעכע בינען. די זשומענדיקע בינען האָבן עטלעכע מאָל אַרומגעקרייזט די פריש-צעעפנטע בלומען און דערנאָך האָבן זיי זיך שווייגנדיקע אַראָפּגע-לאָזט אין דער טיפקייט פון די בעכערלעך. זיי האָבן זיך דאָרט לאַנג פאַרזאַמט און ווען זיי זיינען צוריק אַרויסגעקומען זיינען זיי געווען באַדעקט מיט גאָלד-געלן בלומען-שטויב.

די פרישקייט פון די צוויי בלומען האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. זיי האָבן אַ פּאָר טעג געבלאָנקט און געגלאַנצט און דערנאָך האָבן זיי ביסלעכווייז אָנגעהויבן איינגיין און וויאַנען. עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי זיינען געוואָרן איינגעשרומפּן און פאַרטריקנט. דערנאָך האָבן זיי אין אַ מיטן העלן טאָג, ווען די זון האָט שטאַרק געוואָרעמט, איינציקווייז זיך אַראָפּגערוקט פון זייערע געשטעלן. זיי האָבן זיך צעדרויבלט און זיך אויסגעמישט מיט דער ערד.

די צוויי גרינינקע געשטעלן, אויף וועלכע די בלומען האָבן זיך געהאַלטן און וואָס האָבן פריער זיך כמעט ווי ניט אָנגעזען, האָבן איצט זיך גענומען ציען אין דער לענג און זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין צוויי אוגערקעלעך. זיי האָבן זיך ביסלעכווייז אַראָפּגערוקט אויף דער קילער ערד און דאָרט, געשיצט פון אַ פינף-שפּיציקן בלאַט, געבליבן ליגן אומבאַמערקט.

די ערשטע טעג זיינען די צוויי אוגערקעלעך געוואַקסן באַ-האַלטענע צווישן די פאַרשידענערליי בלומען און קיינער האָט זיי ניט געטשעפּעט. צוויי יינגלעך זיינען אָבער דערנאָך געקומען רייניקן דעם בלומען-גאָרטן פון די ווילדע גראָזן און זיי האָבן דערזען די פרעמדע געוויקסן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעבויגן צו די צוויי קליינע און מיט נייגעריקייט זיי באַטראַכט. איין יינגל האָט זיי ווי ווילד-אוגערקעלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָענט איינס לעבן אַנדערן

גראָז געוואַלט אויסרייסן צוזאַמען מיט זייערע בלעטער און מיט זייערע וואָרצלען. דאָס צווייטע ייִנגל האָט אָבער ניט געלאָזט. ער האָט דעם פּלאַץ אַרום זיי באַריי ניקט פון די גראָזן און דערנאָך, אַזוי אויף טשיקאַוועס, אַריינגערוקט די צוויי אוגערקעלעך אין לענגלעכע פלעשער מיט שמאָלע עפענונגען.

די אוגערקעס, וועלכע זיינען געוואַקסן אויף דינע שטענגלעך, האָבן דורך די עפענונגען געדאַרפט אַריינוואַקסן אין די פלעשער, וואָס זיינען געווען פון דינעם און קלאָרן גלאָז, און אויספילן זייער לענג און זייער ברייט.

די צוויי יונגע געוויקסן האָבן אונטער דעם דורכזעעוודיקן גלאָז באַלד ווי דערפילט, אַז עפּעס איז מיט זיי געשען. זיי זיינען געוואָרן פאַרהויכט, זיי האָבן אָנגעהויבן שוויצן און דערנאָך גענומען בלאָס ווערן אַרום די עקן. אַזוי ווי עס איז אָבער געווען די בעסטע צייט פון וואַקסן האָבן זיי געהאַט גענוג כוח זיך צו האַלטן און זיי האָבן ניט געוויאַנעט. די זון האָט זיי טאַקע מער ניט געקענט אַזוי וואַרעמען ווי פריער, עס האָט זיי טאַקע אויסגעפּעלט די ראָסע, וואָס האָט צו זיי ניט געקענט צוקומען אין זיי האָבן אויך באַדאַרפט האָבן מער לופט, אָבער זיי האָבן מיט אַ סך פעדימלעך פון די וואָרצלען געזויגן פון דער פעטער ערד און געוואַקסן.

3

די צוויי אוגערקעלעך זיינען געווען אַנדערש איינס פון אַנדערן. שוין אין די ערשטע טעג פון זייער וואַקסן, נאָך איידער מען האָט זיי אַריינגעשטופּט אין די פלעשער, האָט איינס פון זיי אויסגעזען פולער און עטוואָס גרעסער. עס איז אויך אין קאָליר געווען טונקעלער פון דעם צווייטן אוגערקעלע, וואָס איז געווען בלאַסלעך־גרין. אָט דאָס טונקעלערע און גרעסערע אוגערקעלע האָט ווי געוואָלט

אַרויסווייזן. אַז עס איז ניט צופֿרידן, וואָס מען האָט עס אַריינגע־שטופּט אין דעם גלעזערנעם געפֿענגעניש. עס האָט ווי אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש אין אַ פּאָר טעג אַרום זיך גענומען האָרבען און קרימען ביי דער שמאָלער עפֿענונג פֿון דער פֿלאַש, ווי עס וואָלט וועלן זיך צוריק אַרויסרייסן אויף דער פֿריי.

דאָס צווייטע אוגערקעלע, דאָס בלאַסלעך־גרינע האָט זיך אָבער באַלד ווי אונטערגעגעבן. עס האָט זיך געצויגן אין דער לענג און ביסלעכווייז גענומען אַריינוואַקסן אין דער פֿלאַש. דאָס צווייטע האָט אָבער ווי געזוכט עפּעס אַן אויסוועג פּטור צו ווערן פֿון דעם איינהיל. עס האָט עקשנותדיק זיך געהאָרבעט און געבלאָזן ביי דער עפֿענונג פֿון דער פֿלאַש. עס האָט אָנגעהויבן ווערן ברוין און זיך פֿאַרשפּיצט ווי אַ באַר. זיין פֿאַרשפּיצטער עק האָט זיך אויסגעבויגן, זיך צוגערירט צום גלאָז פֿון דער פֿלאַש און ווי געוואָלט אָפּשטופּן פֿון זיך די האַרטע וועלבונג.

די איינגעשפּאַרטע אוגערקע, וואָס איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן ברוינער און האַרטער, האָט אַ צייט לאַנג זיך ווי געוואָרגן ביים מויל פֿון דעם פֿלעשל. זי איז ווי אויף צו להכעיס געוואַקסן מער אין דער ברייט און זיך ניט געוואָלט אויסציען אין דער לענג.

דערנאָך זיינען צוגעפֿאַלן שטאַרקע רעגנס. פֿון די רעגנס איז אין בלומען־גאָרטן אַלץ געוואַקסן ווי אויף הייוון. עס האָבן אין יענע טעג דאָרט געבליט אָן אַ שיעור רויזן און בלומען. און אויך די ברוינע אוגערקע איז אין יענער צייט געוואַקסן מיט אַן אויסערגע־וויינלעכן כוח. זי האָט זיך געשפּאַרט אין דער ברייט מיט אַזאַ גבורה, אַז די פֿלאַש האָט אַזש געפּלאַצט און די שטיקער גלאָז זיינען זיך צעפֿלויגן איבערן גאָרטן.

די ברוינע אוגערקע איז אַרום אויף דער פֿריי און זי האָט ווי אויפֿגעלעבט. זי האָט דערפֿילט אַרום זיך די פֿרישע לופֿט, דעם

נאַכטיקן טוי, זי האָט זיך געברוינט אונטער דער הייסער זון און זי איז זיך שטאַרק צעוואַקסן.

די צווייטע אוגערקע וואָס איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן בלאַס־לעכער, האָט אין די זומער־וואָכן כמעט ווי אויסגעפילט דאָס פלעשל אין דער לענג און אין דער ברייט און דערנאָך האָט מען זי אַרויס־גענומען פון בלומען־גאָרטן. מען האָט דאָס פלעשל מיט דער אַריינ־געוואַקסענער אוגערקע, ווי אַ בייז־וואונדער, אַוועקגעשטעלט אין שטוב אויפן געזימס פון פענצטער, צווישן די וואַזאַנעס, אַזוי אַז פאַרבייגייער זאָלן זי קענען זען. עטלעכע וואָכן איז זי אַזוי געשטאַ־נען אין פענצטער אויף ס׳חידוש. ווען זי האָט אָבער אָנגעהויבן אָנוווערן איר קאָליר און גענומען פוילן, האָט מען זי צוזאַמען מיטן פלעשל אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט.

די ברוינע אוגערקע, וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער פלאַש, האָט מען געלאָזט וואַקסן אין גאָרטן אומגעשטערט און מען האָט זי נאָך אויך אָפּגעהיט, אַז די ווערים זאָלן זי ניט צעפרעסן.

זי איז געבליבן אין גאָרטן ביזן שפּעטן הארבסט און עס איז פון איר אויסגעוואַקסן אַ גרויסער נאַסילנעק (אַן אוגערקע, וואָס האָט אין זיך זאָמען־קערנדלעך). ערשט ווען די בלומען האָבן שוין אַלע געהאַט אָפּגעבליט און עס איז פון זיי שוין מער ניט געווען קיין סימן, האָט מען די גרויסע אוגערקע אָפּגעריסן פון איר פאַרטריקנטן שטענגל. מען האָט פון איר אַרויסגענומען אַ סך געזונטע זאָמען־קערנדלעך און זיי אויסגעטריקנט אויף דער זון.

נאָכן ווינטער, ווען עס איז געקומען דער פרילינג, האָט מען די זאָמען־קערנדלעך פאַרזעצט אין גרויסן גאָרטן גלייך מיט אַנדערע גרינסן.

דער רוף פון פעלד

1

אומגעריכט און צו־פרי האָט דער יונגער האָז פאַרלוירן זיין מאַמען און זיין היים. עס איז געשען אין שפּעטן זומער און ער איז דעמאָלט ניט מער ווי עטלעכע וואָכן אַלט געווען.

דער יונגער האָז איז דעמאָלט, אין אַ נעפּלדיקער נאַכט, אַרויס מיט זיין מאַמען אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער זוכן יונגן אָנוואוקס פון די תבואה־קערנער, וואָס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די זאַנגען אין צייט פון שניט. ער האָט זיך געהאַלטן נאָענט לעבן זיין שרע־קעוודיקער מאַמען און פונקט ווי זי אַלעמאָל אָנגעשפּיצט זיינע אויערן. זיי האָבן מיט אַפּעטיט זיך גענומען צום גראָז, אָבער פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט קולות גאָר נאָענט לעבן זיי און זיי זיינען געוואָרן שטאַרק צעטומלט. זיי האָבן באַלד פלינק אַוועקגעשאָסן פון דעם אָרט און זיי האָבן אין דעם טומאַן איינס ס׳אַנדערע פאַרלוירן.

דער יונגער האָז האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין מאַמען און שוין ניט געפונען דעם וועג צוריק צו דער נאָרע. ער האָט אַ צעשראָקענער לאַנג אַרומגעבלאָנקעט ביז ער איז זיך פאַרלאָפן אין טאָל אַריין. ערשט ווען עס איז ליכטיק געוואָרן האָט ער דאָרט זיך באַהאַלטן הינטער אַ בערגל, צווישן הויכע געדיכטע גראָזן, און דאָס פאַר־באָרגענע ווינקל איז געוואָרן זיין היים. ער איז ניט געווען פון די מאַרצאָווע האָזן, וואָס ווערן געבוירן אין פריען פרילינג און וואָס

זיינען לוסטיק און פאַרשייט. ער איז געקומען אויף דער וועלט אַרום שניט־צייט, און אַזוי ווי ער איז דערפאַר פון דער נאַטור אוים געווען מער געזעצט, איז אים ניט געפאַלן צו שווער דאָס וואָס ער איז אַזוי יונג איבערגעבליבן אַליין.

פון אָנהויב איז דעם יונגן האָז טאַקע ניט לייכט אָנגעקומען צו געפינען די באַטעמטע גראָזן, צו וועלכע די מאַמע פלעגט אים פירן און ער האָט געשטילט זיין הונגער מיט וואָס עס האָט זיך געלאָזט. ער האָט אָבער גיך געלערנט וואו און ווען צו זוכן זיין עסן און ווי אַזוי זיך צו שיצן פון די חיות, וואָס האָבן אויף אים געלויערט. דאָס וואָס ער איז געבליבן אַליין האָט אים גיך איבערגעאַנדערשט און ער האָט זיך באַלד אָנגעהויבן פירן ווי אַ דערוואַקסענער האָז. ביי טאָג איז ער געלעגן אין זיין פאַרבאָרגן ווינקל און פון צווישן די גראָזן אַרויסגעקוקט צו דעם אומענדלעכן טאָל, וואָס האָט אין די זוניקע האַרבסט־טעג אָנגעהויבן בייטן זיינע קאָלירן. און ביינאַכט, ווען דער טוי האָט אויפגעפרישט אויף די פעלדער די ריחות פון קאָניושינע און אַלערליי גראָזן, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט זוכן שפייז און ער איז ערשט פאַרטאָג צוריקגעקומען צו זיין געלעגער.

דער האָז האָט אַזוי וואָכן־לאַנג געלעבט רואיק אין דעם טאָל. ער האָט געהאַט גענוג צום עסן, ער האָט אויף זיין געלעגער ניט געליטן פון קיין קעלט און עס האָבן אויף אים דאַרט ניט געטשאַטעוועט קיין מענטשן און קיין חיות. די טעג האָבן אָבער אָנגעהויבן ווערן טריבער און די נעכט קעלטער. אויך איז דער טאָל פון טאָג צו טאָג געוואָרן ברוינער. דער האָז האָט ווי געאַהנט, אַז עס קומט עפּעס און ער האָט אין די קאַלטע פאַרטאָגן, אַן אומרואיקער, זיך אַלץ טיפער פאַררוקט אין דער נאָרע הינטערן בערגל.

און איינמאָל ביינאַכט האָט דער טאָל זיך אינגאַנצן פאַרענדערט. פּונקט דעמאָלט, ווען דער האָז האָט זיך געלאָזט אין פעלד אַריין זוכן עפּעס עסן, האָט אַ קיל ווינטל פלוצלינג, פון ערגעץ אַנ־

געטריבן ווייסע בלישטשענדיקע פליטערלעך, וואָס זיינען ווי דריבנע זומער־פייגעלעך אַרומגעפלויגן. אַ שרעק איז באַפאַלן דעם האָז און ער איז גיך צוריקגעלאָפן צו זיין געלעגער. ער איז דאָרט געבליבן זיצן אַן איינגעהאָרבעטער, מיט אָנגעשפיצטע אויערן און ער האָט פון צווישן די פאַרוואַקסענע גראָזן אַרויסגעקוקט צו די דריבנע פלי־טערלעך, וואָס זיינען אַרומגעפלויגן אין דער לופטן, דערנאָך זיך שטילערהייט אַראָפגעלאָזט אויף דער ערד און זיך אויסגעזעצט גע־דיכט איינס לעבן ס'אַנדערע.

עס איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי און דער טאָל איז איבער נאַכט איינגעאַנצן געוואָרן ווייס. די פייגל און אַלע אַנדערע באַשעפענישן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין טאָל און וואָס זיינען ניט פאַרשיט געוואָרן פון שניי, זיינען מיטן טאָג גלייך אויפגע־וועקט געוואָרן פון דער בלענדענדיקער ווייסקייט. זיי האָבן זיך אָבער ניט געאיילט אַרויסצורירן פון זייערע נעסטן און נאָרעס.

דער האָז איז געזעסן אַן איינגעהאָרבעטער אויף זיין טרוקענעם און וואַרעמען געלעגער הינטערן בערגל, וואָס איז איינגאַנצן געווען איינגעדעקט מיט שניי. אַזוי ווי עס איז אָבער פון זיין וואַרעמען אָטעם געבליבן אַ קליינע עפענונג, האָט ער דורך דער עפענונג מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן אַרויסגעקוקט צו דער פאַרענדערטער וועלט. ער איז געווען פול מיט פאַרוואונדערונג און פחד און ער האָט ווי געוואָרט, אַז די בלענדנדיקע ווייסקייט זאָל פאַרשווינדן.

אַן אומהיימלעכע שטילקייט האָט יענעם פאַרטאָג אַרומגענו־מען דעם פאַרשנייטן טאָל. דער האָז האָט דערפילט די אומהיימ־לעכקייט און ער איז געוואָרן זייער אומרואיק. אָנשטאָט צו כאַפּן אַ דרימל אין דער וואַרעמקייט, האָט ער זיך גאָר גענומען אַרומדרייען אין דעם ווינקל. עס איז אים באַפאַלן אַ בייסעניש און ער האָט געריבן זיין ברוינלעכע פעל אָן דעם געדיכטן גראָז, וואָס האָט איבער זיך ווי אַ וועלבונג געהאַלטן דעם שניי. ער האָט אַן אומרואיקער

זיך דורכגעדרייט און נאָכאַמאָל און איבעראַמאָל אַרויסגעקוקט צו דער שטילער ווייסער וועלט.

ערשט ווען דער טאָג האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט זיינען פון ערגעץ געקומען צו פליען אַ מחנה קראָען און זיי האָבן מיט זייערע קראַ-קראַ קולות אַביסל באַלעבט דעם טאָל. באַלד האָבן זיך אויך געלאָזט הערן עטלעכע גרויע פייגעלעך, וואָס האָבן אויף פאַרשניימע קוסטעס געזוכט עפּעס צום עסן. ערגעץ פון ווייט האָבן גענומען אָפּהילכן קלעפּ פון אַ האָלץ-פּיקער, וואָס האָט מיט זיין לאַנגן, האַרטן שנאָבל געדויבעט אין אַ בוים. פון דער אויפגעוועקטקייט אין טאָל איז דעם האָז אַביסל היימלעכער געוואָרן. ער איז אָבער ניט אַרויס פון זיין ווינקל אַפילו ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און ער איז געוואָרן הונגעריק. דער ווייסער און קאַלטער דרויסן האָט אים ניט געלאָקט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין זיין באַהעלטעניש, וואָס איז געווען אַרומגעלייגט מיט שניי און אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד זיך גענערט מיט האַלב צוגעווייאַנעטע גרעזלעך און בלעטלעך, וועלכע ער האָט דאָרט געפונען.

2

ווען דער הונגער האָט אָבער דעם האָז אָנגעהויבן שטאַרק דער-קוטשען און ווען זיינע אויגן האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דעם ווייסן ווינטער, האָט ער זיך גענומען אַרויסרירן פון זיין ווינקל. ער האָט מיט זיין מאָרדע ביסלעכווייז גרעסער געמאַכט די עפענונג, צוערשט ווי אויסגעפּילט די עפענונג מיט זיין ווייסן פלעק פון שטערן און דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטעקט זיין גאַנצן קאָפּ. עס איז געווען ביינאַכט, אָבער די פינצטערניש, וואָס האָט געוויינלעך געהויערט אויף דער ערד, איז איצט ווי געהאַנגען אין דער לופט איבער דער ווייסקייט פון טאָל.

דער האָז האָט מיט פּחד זיך אַרומגעקוקט און ער איז אָן אויס־געהונגערטער מיט איינגעפאַלענע באַקעס און מיט שטייפע גלידער אַרויס אויפן שניי. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו עטלעכע ביימלעך, וואָס ער האָט געזען פון ווייטנס. מיטאַמאָל האָט אָבער זיך באַוויזן אַ טונקעלער פלעק אויפן ווייסן שניי און באַלד האָט דער האָז דערזען אַז דאָס איז אַ פוקס, וואָס טראָגט זיך מיט לייכטע טריט גלייך צו זיין ווינקל. דער פוקס האָט ווי געשמעקט דעם שניי און געהאַלטן אין איין פאַרקערן זיינע סלידעס מיט זיין פוכנאַטן עק ווי מיט אַ בעזים.

פון גרויס שרעק איז דער האָז אויף אַ רגע ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ער איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און זיך געלאָזט לויפן אָן אַ ציל אין דער ווייסער פרעמדער וועלט. דער פוקס האָט אים באַמערקט און אים גענומען נאָכיאָגן. דער האָז האָט אין טאָל ניט געזען פאַר זיך קיין שום באַהעלטעניש און ער האָט אַ צעטומלטער גענומען קרומען די וועגן. ער האָט ווי אַ ווינט זיך געיאָגט באַלד אויף לינקס, באַלד אויף רעכטס, ביז ער איז זיך פאַרלאָפן אויף אַ בערגל, וואו עס זיינען געשטאַנען אַ פאָר שטיבער אין מיטן פעלד. דאָרטן האָט ער דעם פוקס מער ניט געזען און ער האָט פרייער אָפגעאָטעמט. ער האָט זיך אָפגעשטעלט ניט ווייט פון די פעלד־שטיבער, אָבער דער שאָטן פון אַ יונג ביימל, וואָס האָט זיך פאַוואַ־ליע באַוועגט אויפן שניי, האָט אים אויפסניי איבערגעשראָקן און אים פון דאָרט פאַרטריבן.

דער האָז איז צוגעלאָפן צו איינעם פון די הויפן און דאָרטן איז אים פאַרגאַנגען אין דער נאָז אַ געשמאַקער ריח פון קרויט־בלע־טער. אַ הונגעריקער און אַ פאַרפרוירענער האָט ער זיך גענומען שאַרן אַרום דער פעלדשטוב און ווי געפירט פון דעם ריח צוגעקו־מען צו אַ הויפן גרינע קרויט־בלעטער, וואָס זיינען געלעגן אויף דער טיר פון אַן אָפן קליין קעמערל. דער האָז האָט אַ פאַרציטערטער

זיך צוגעכאַפּט צו דעם קרויט. ווי נאָר ער האָט אָבער געכאַפּט די ערשטע בים און אַריבער די שוועל פון דעם פּיצל קעמערל, האָט די טיר זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן און מיט אַ שטאַרקן הילך זיך פאַרמאַכט. אין דער רגע האָט דער האָז אַרויסגעלאָזט אַ קולכל, ווי דאָס וואָלט געווען ס'לעצטע אין זיין לעבן. דער שטאַרקער קלאַפּ האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַזאַ שרעק, אַז ער האָט מיט זיין גאַנצן כוח זיך גענומען וואַרפן צו די ווענטלעך פון קעמערל און ער איז אויך אַ פּאָר מאָל אונטערגעשפּרונגען אין דער הויך. ער האָט גאָר ווי אַ מענטש, וואָס דערזעט פאַר זיך פּלוצלינג דעם טויט, געזוכט אַ וועג ווי זיך צו ראַטעווען. ער איז אָבער געווען געפאַנגען אין דעם קעמערל און ניט געקענט אַרויס.

אָן אויסגעמאַטערטער פון דעם שפּרינגען און פון דעם וואַרפן זיך צו די ווענט האָט ער זיך דערנאָך צוגעזעצט אין אַ ווינקל. דער ריח פון קרויט איז פאַר אים ווידער אויפגעגאַנגען, און ווען ער האָט זיך אָביסל באַרואיקט האָט ער ווידער געכאַפּט עטלעכע בים. באַלד האָט אָבער דאָס טירל זיך געעפנט און עמיצער האָט אים אַ פּאַק געטאָן ביי די הינטערשטע פיס. דער האָז האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז אויף אים געפאַלן און ער האָט ווידער געלאָזט הערן זיין קול. ער האָט זיך געריסן, געוואָרפן מיט די פּעדערשטע פיס, אָבער אַ מענטש האָט אים געהאַלטן פעסט אין זיין האַנט און אים ווי אַ געשאָסענעם, מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ, אַוועקגעטראָגן אין שטוב אַריין.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען דער באַלעבאָס האָט דעם האָז אַריינגעבראַכט אין הויז. זיין ווייב און זיין אַלטע מוטער זיינען אָבער נאָך ניט געשלאָפן. און באַלד איז אויך וואַך געוואָרן זיין זעקס־יאָריקער זון. דער באַלעבאָס האָט אין דער ליכטיקייט מיט אַנטוישונג באַטראַכט דאָס געפאַנגענע באַשעפעניש, וואָס איז געווען שטאַרק אויסגעמאָגערט און געהאַט אַן אָרים אויס־

געריבן פּעלכל און ער האָט דעם האָז געוואָלט צוריק אַרויסלאָזן אויף דער פרייַ. דאָס קליינע היהלע, וואָס האָט פון שרעק און קעלט געהאַלטן אין איין ציטערן, איז אָבער שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם זעקס-יאָריקן יינגל און ער האָט געפועלט, אַז מען זאָל דעם האָז לאָזן אין הויז.

מען האָט אין שטוב דערנאָך אויסגעלאָשן דאָס ליכט און דער האָז האָט, אַ פאַררוקטער הינטערן בעט, מיט בלוט-פאַרלאָפענע אויגן געגלאָצט אין דער פינצטערניש. ער האָט פון זיין ווינקל זיך ווי צוגעהערט ווי די אַלטע מאַמע פון באַלעבאָס האָט איר זעקס-יאָריק איניקל דערציילט אַ מעשה וועגן אַ פרוי אַ כישופמאַכערין, וואָס האָט אין די נעכט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ האָז און אַנגעטאָן שאָדן אין די גערטנער פון אירע שכנים. איינמאָל האָט אָבער איינער פון די שכנים נאָכגעוואָרפן אַ שטיקל האָלץ אַ האָז, וואָס האָט אָנגעמאַכט שאָדן אין זיין גאָרטן און אים געטראָפן אין אַ פוס. דער האָז איז דעמאָלט אַוועק אַ הינקעדיקער, אָבער ווען דערזעלבער שכן איז אויפצומאָרגנס אַריינגעקומען צו דער פרוי, וואָס איז געווען די כישופמאַכערין, האָט ער זי געטראָפן ליגן אין בעט מיט אַ פאַר-באַנדאַזשירטן פוס. זי איז דערנאָך לאַנג אַרומגעגאַנגען אַ הינקע-דיקע, אָבער זי האָט קיינעם ניט דערציילט ווער עס האָט איר אַזוי צעקלאַפּט דעם פוס.

3

פאַרן האָז האָט אין שטוב זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. ער האָט אויפן צווייטן טאָג זיך פאַוואָליע אַרויסגעשאַרט פון באַהעלטעניש און זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט. אַ גרויסער ברוי-נער האָן מיט אַ בלייכן צעבלוטיקטן קאָם און מיט ווייסע פיס, געשוואָלענע פון פראָסט, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און ווי גע-

דרימלט. אַרום דעם דערשלאָגענעם האָן וואָס האָט אויסגעזען ווי ער האָט אַלץ אין לעבן שוין פאַרלוירן, האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שיינע ברוינליך־רויטע קאַץ. פאַרן האָן האָט דער האָז זיך ניט געשראָקן, אָבער די קאַץ האָט אים באַאומרואיקט און ער האָט זיך געהיט ניט צוצוקומען נאָענט צו איר. ווען די קאַץ האָט אים אָבער דערזען האָבן זיך אירע אויגן ווי אָנגעצונדן. זי האָט אַ צערייצטע געמומען וואָרטשען און זיך געוואָלט אויף אים אַ לאָז טאָן מיט אירע שאַרפע נעגל. דאָס זעקס־יאָריקע יינגל, וואָס צוליב אים איז דער האָז געבליבן אין שטוב, איז אים אָבער באַלד געקומען צו הילף. ער האָט אָנגעשריגן אויף דער קאַץ, זי און אויך דעם האָז גענומען אויף זיין שוים און זיי ביידע אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך ניט אַרומרייסן.

עטלעכע מאָל האָט דער האָז יאָ געפּילט אויף זיין לייב דער קאַצס נעגל, אָבער ער האָט אַלעמאָל אַ צעשראָקענער אינגאַנצן זיך אונטערגעגעבן. ביסלעכווייז איז דאָס אָנפאַלן פון דער קאַץ גע־וואָרן אַזאַ שפּיל פאַר זיי ביידע. די קאַץ האָט ווי פאַרגעסן אָן אירע נעגל און זי האָט נאָר מיט אירע לאַפּקעס כלומרשט געשלאָגן דעם האָז, וואָס איז געלעגן אַן אונטערטעניקער אויף דער ערד. דאָס יינגל האָט זיי ביידע געגעבן עסן אין איין שיסל און זיי זיינען אַ גאַנצן ווינטער געשלאָפן איינגעגראָבן איינס אין ס׳אַנדערע. זיי האָבן זיך ביידע געהאַלטן צוזאַמען און אָפּטמאָל אַפילו אין מיטן נאַכט פריילעכע זיך אַרומגעשפּילט אויף טיש און בענק.

דער האָז האָט איבערן ווינטער זיך שטאַרק צוגעוואוינט צום יינגל, צו דער קאַץ, צום עסן און צום לעבן אין שטוב. ער האָט פאַרגעסן אָן דעם פעלד און אָן דעם טאָל, וואו ער האָט אַמאָל געהאַט זיין געלעגער און וואו ער האָט אין די נעכט אַרומגעזוכט זאַפטיקע גרינע גראָזן. ניט איינמאָל, ווען מען האָט געעפנט די שטובן־טיר, האָט ער מיט פרעמדקייט אַרויסגעקוקט אין דרויסן און עס האָט אים

גאַרניט געלאָזט אַרויסצוגיין. ער איז געוואָרן פעט און פויל. זיין פעל איז געוואָרן פּיכנאַטע, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין ביסל גלאַנץ און אויסגעזען ווי אַן אָפּגעטראָגן פוטערל. ער איז מיט זיין אויסזען און מיט זיין פירעכץ שוין געווען מער ענלעך צו אַ היימישן קראָליק ווי צו אַ האָז.

עס איז אַזוי אַוועק דער ווינטער. ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן וואַרעמער אין דרויסן, איז די שטובן־טיר גאַנץ אָפט געווען אָפן, אָבער דער האָז איז ניט אַרויסגעגאַנגען אַפילו אויף יענער זייט שוועל. ביז ער האָט איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט דערהערט פון פעלד דאָס קול פון אַן אַנדערן האָז. ער איז דעמאָלט אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן אויפגעכאַפּט דאָס פאַרבענקטע רופן. יענעם פאַרנאַכט האָט ער לעבן דער אָפענער טיר אויך דערשמעקט דעם ריח פון שפּראָצנדיקע גראָזן, וואָס דאָס איז געווען ווי אַן אָנזאָג, אַז דער פרילינג איז שוין געקומען.

דער האָז האָט ווי מיטאַמאָל פאַרלאָרן זיין רו און ווען ער האָט אויפן צווייטן פאַרנאַכט ווידער דערהערט דאָס קול פון דעם פרעמדן האָז, איז ער אַרויס אין דרויסן. ער איז ווי אַן אויפגעוועקטער פון שלאָף, צוגעלאָפן צו אַ הויפן האָליץ, וואָס איז געלעגן לעבן גאָרטן, זיך דאָרט באַהאַלטן און מיט גרויסע אויגן אַרויסגעקוקט צו די פעלדער, וואָס האָבן אויף זיך נאָך געהאַט ווייסע שניי־פלעקן.

עס איז געוואָרן פינצטער, אָבער דער האָז האָט זיך שוין ניט אומגעקערט אין שטוב אַריין. ער איז געזעסן צווישן געהילץ און ווי געוואַרט. שפּעט ביינאַכט האָט דער פאַרבענקטער האָז פון פעלד זיך ווידער געלאָזט הערן. דאָס מאָל האָט דער האָז פון צווישן האָליץ אים אָפּגעענטפערט און ווען דער רוף פון ווייט איז צוריק־געקומען לויטערער און העכער, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און ווי אַ ווינט זיך אַוועקגעטראָגן אין פעלד אַריין.

אַ ביימל אויפֿן פֿענצטער

1

דער פֿרילינג איז יענעם פֿרימאָרגן מיט אַ זוניקער ליכטיקייט און מיט אַ מילד ווינטל פֿון ערגעץ־וואו געקומען צו פֿליען צו די הויכע מויערן פֿון דער גרויסער שטאָט. די ליכטיקע וואַרעמקייט איז אויך דערגאַנגען ביז צו דעם פֿענצטער פֿון מיין צימער, וואָס איז געווען אויפֿן זעקסטן שטאָק, און דאָס מילדע ווינטל האָט מיר ביז צום געלעגער געבראַכט ריחות פֿוןביימער־זאַפֿט און פֿון יונגע שפּראָצונגען.

די ריחות האָבן מיך ווי אַנגעשטעקט מיט עפּעס אַן אומרו און איך האָב יענעם טאָג זיך קיין אָרט ניט געקענט געפֿינען. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן, איך בין ווי נאָכגעגאַנגען דעם וואַרעמען ווינטל, וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די הויכע געביידעס פֿון שטאָט און איך האָב געטראַכט פֿון פֿעלד און וואַלד, וואו עס האָט שוין געגרינט און געבליט דער פֿרילינג.

פֿאַרנאַכט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט צוריק צו מיין צימער, האָב איך געבראַכט מיט זיך אַ קליין וואַזאָנע־טעפּל, אָנגעפֿילט מיט פֿאַרטריקנטער ערד, וואָס עמעצער האָט עס געהאַט אַרויסגעוואָרפֿן אין גאַס. איך האָב דאָס אַלטע טשערעפּענע טעפּל באַריייניקט און גענומען אַרבעטן אַרום דעם ביסל ערד ווי אַרום אַ שטיקל פֿאַרוואָרלאָזט לאַנד. איך האָב די ערד אין דעם טעפּל צעגראָבן, איך

האָב זי באַגאָסן מיט וואַסער און דערנאָך האָב איך אין איר פאַרזעצט וואָס עס איז מיר געקומען צו דער האַנט.

ס׳ערשטע האָב איך אין דעם טעפל אַריינגעזעצט אַ קליינע איינ־געשרומפענע ציבעלע, וואָס האָט ליגנדיק אויף אַ פאָליצע דערשפירט, אַז דער פרילינג איז שוין דאָ און זי האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט אַ פאָר גרינע עקלעך. דערנאָך האָב איך אַריינגעשטופט אין דער ערד אַ פאָר טרוקענע דיניע־קערלעך. צולעצט האָב איך אין סאַמע מיטן פון דעם וואַזאָנע־טעפל פאַרזעצט אַ בייכיק קערנדל פון אַ שמעקעדיק רויט עפעלע, וואָס איך האָב אויפגעגעסן.

דאָס וואַזאָנע־טעפל האָב איך אַוועקגעשטעלט פאַר דעם איינעם פענצטער, וואָס איז געווען אין מיין צימער, און איך בין דערנאָך אַלע מאָל צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן צי שפראָצט שוין עפעס.

דאָס מאָגערע ציבעלקעלע האָט ניט פאַרלוירן קיין סך צייט, נאָר באַלד זיך צוגעכאַפט צו דער פייכטער ערד און זיינע גרינע עקן האָבן גענומען אַרויסוואַקסן. עס האָבן פון דער ציבעלע זיך אַרויסגערוקט פיר גרינע בלאָזיקלעך, אָבער נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי מער ניט געהאַט קיין קראַפט צו וואַקסן. ווען זיי זיינען שוין געווען אַרום אַ פינגער די הויך האָבן זיי אָנגעהויבן וויאַנען. איך האָב דאַן דאָס אָפגעלעבטע און צוגעפוילטע ציבעלקעלע אַרויסגע־נומען פון דעם טעפל און עס אַרויסגעוואָרפן.

די דיניע־קערלעך וואָס זיינען, ווייזט אויס, געווען צו־טרוקן און אין זיך שוין ניט געהאַט קיין לעבן, זיינען אינגאַנצן ניט אויפגע־גאַנגען. אויך פון דעם עפל־קערנדל האָט זיך ניט געוויזן קיין שפראָ־צונג און איך האָב שוין געמיינט, אַז מיין גאַנצע אַרבעט איז געווען אומזיסט.

די טעג זיינען דערווייל געוואָרן וואַרעמער און די זון איז אַלץ אָפטער צוגעקומען צו מיין פענצטער. איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין באַוואַסערן דאָס ביסל ערד אין דעם טעפל. און איינמאָל

האָט די ערד, ווי פון בושה, פון זיך אַרויסגעלאָזט עטלעכע בלאַס־גרינע ווילדע שפּראָצונגען, גרוים ווי שפּילקע־קעפּלעך. זיי האָבן זיך אָבער לענגער ניט געהאַלטן ווי די איין־טאָג־פליגעלעך. זיי זיינען אויפגעגאַנגען אין אַ וואַרעמען אינדערפרי און אויפן צווייטן טאָג זיינען זיי שוין געווען פאַרטריקנט און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דער ערד.

אַ פּאָר וואָכן זיינען פאַרגאַנגען און איך האָב שוין געטראַכט אַרויסצוואַרפן דאָס טעפּל מיט דער פּוסטער יאַלעווער ערד אויפן מיסט. און מיטאַמאָל האָב איך דערזען ווי עפּעס גייט אויף אין דעם וואַזאָנע־טעפּל. איך האָב אַ שמעק געטאָן צו דער שפּראָצונג, זי גוט באַטראַכט, און איך האָב געוואוסט, אַז אַן עפּל־ביימל קומט אויף דער וועלט.

2

דאָס עפּל־קערענדל האָט אין די פּאָר וואָכן, וואָס עס איז אָפּגעלעגן אין דער ערד זיך אָנגעזאַפּט מיט פייכטקייט און איז מיט יעדן טאָג גרעבער געוואָרן. דערנאָך האָט זיך עס אָנגעהויבן שפּאַלטן און אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ שטענגעלע מיט דינינקע וואָרצלען. דאָס שטענגעלע האָט, אַן אויסגעבויגנס, צוערשט אַרויסגעשטופּט זיין ראָקנדל אויף דער ליכטיקער וועלט. דורכן טאָג איז אויך אַרויס פון דער ערד זיין קעפּל, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי קליינינקע צונויפגעטוליעטע בלעטעלעך און עס האָט ביסלעכווייז זיך אויסגעגלייכט.

איך בין לאַנג געשטאַנען לעבן דעם וואַזאָנע־טעפּל און עס איז געווען ווי איך וואָלט צוגעקוקט ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש ווערט געבוירן. איך האָב דאָס ציטערדיקע שטענגעלע פאַרזיכטיק אַרומגעשאַרט מיט ערד, עס באַשפּריצט מיט וואַסער און איבערגערוקט דאָס טעפּל אין דער זייט, וואו עס זיינען צוגעפאַלן עטלעכע זונשטראַלן.

די צוויי בלעטעלעך האָבן זיך ניט לאַנג געהאַלטן צוזאַמען. זיי האָבן, געשטייפטע פון זייערע אָדערלעך, זיך געשטרעקט און געצויגן און ביסלעכווייז זיך אַוועקגעבויגן איינס פון ס׳אַנדערע. די בלעטעלעך האָבן זיך געפּאַרעמט. זיי זיינען געוואָרן לענגלעך־רונד, פאַרשפּיצט און זיך ווי באַפּוצט אַרום און אַרום מיט דריבנע זעגציינדעלעך. זיי זיינען געוואָרן גרינער און גרעסער און גלאַנצנדיק געבלאַנקט פאַר די שויבן.

דאָס שטענגעלע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן שטייפער און גרעבער און איז אויך געוואַקסן אין דער הויך. אַזוי ווי עס איז אין דער נאַטור פון אַן עפּל־בוים זיך צו צעצווייגן אין דער ברייט, האָט דאָס שטענגעלע פון די זייטן אַרויסגעלאָזט פון זיך נאָך בלעטעלעך און צובאַקומען אַ פּאָר צווייגעלעך. די שפּראָצונג איז זיך געוואַקסן און ביסלעכווייז מיט דער צייט כמעט ווי אָנגענומען די פאָרם פון אַן עפּל־ביימעלע.

מיין נאָכגעלאָזט צימער איז פון דעם קליינעם ביימעלע ווי באַלעבט געוואָרן און מיר איז אויך פאַרגעקומען, אַז איך בין מער ניט אַליין צווישן די פיר ווענט. איך האָב אין דעם צימער מער ניט געפילט אַזוי שטאַרק די איינזאַמקייט אין די אָוונטן און די פּוסטקייט אין די פרימאָרגנס. עס איז געווען ווי איך וואָלט ביים לייגן זיך שלאָפן און אויך ביים אויפשטיין געשפּירט אַרום זיך דעם אָטעם פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

דאָס ביימל איז מיר געוואָרן אייגן און איך האָב זיך מיט אים שטאַרק אָפּגעגעבן. איך האָב עס צוגעזען מיט וואַסער, איך האָב יעדן טאָג געעפנט דאָס פענצטער, אַז עס זאָל האָבן גענוג לופט און איך האָב עס אויך געהיט, אַז עס זאָל פאַר אים ניט זיין צו־קאַלט. ניט איין מאָל, ווען אין דרויסן איז געווען ליכטיק און וואַרעם, און די זון האָט ניט געקענט צוקומען צו מיין פענצטער, האָב איך עס גע־

וואָלט אַרויסנעמען אַביסל אויף דער לופֿט, אָבער איך האָב זיך געשעמט פֿאַר די שכנים.

צוליב דעם ביימל האָב איך פֿאַרבראַכט מער צייט אין מיין צימער און איך האָב זיך כּסדר געדרייט אַרום אים. איך האָב זיך אַפֿילו אַ פּאָר מאָל געכאַפּט, אַז איך רייד צו אים. עס האָט מיך אַלעמאָל געצויגן צו דעם וואַזאָנע-טעפּל, און עס האָט זיך מיר ניט איין מאָל אויסגעוויזן, אַז דאָס עפּל-ביימעלע ווערט אויפֿגעמונטערט ווען איך קום צו אים צו און עס ציטערט אויף פֿון פֿרייד ווען איך באַגים עס מיט וואַסער און ווען איך ריר אויף, מיט אַ שפּענדל, די ערד אַרום אים.

וואָכן-לאַנג האָט דאָס ביימל אויסגעזען פֿריש און מונטער. עס האָט דורך די וואָרצלען זיך גענערט פֿון דער פֿייכטער ערד אין טעפּל, עס האָט דורך די בלעטלעך אין זיך ווי איינגעאָטעמט די לופֿט פֿון אַרום און ווי מיט קינדישער פֿאַר׳חידושט׳קייט זיך געצויגן און געבויגן צו דעם ביסל זון-שיין אין פֿענצטער.

איך האָב געהאַלטן אין איין קוקן אויף דעם ביימל און זיך עפּעס ווי ניט געוואָלט גלויבן, אַז עס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דעם ברוינעם קערנדל, וואָס איז, דאַכט זיך, אָט ערשט געלעגן אין דעם עפּעלע, פֿאַרמאַכט אין אַ קעמערל.

לויט ווי דאָס ביימל איז די ערשטע צייט געוואַקסן, האָב איך געמיינט, אַז עס וועט ניט נעמען לאַנג און עס וועט ווערן אַזוי גרויס, אַז איך וועל עס דאַרפֿן איבערזעצן אין אַ גרעסער טעפּל. איך האָב אַפֿילו געטראַכט, אַז דאָס ביימל וועט נאָך אפֿשר ביי מיר אויף דעם פֿענצטער-ברעטל ווערן גענוג גרויס, אַז איך זאָל עס קענען שטשעפּען מיט אַ צווייגל פֿון אַן איידעלען עפּל-בוים, וואָס גיט גוטע פּרוכט. איך האָב זיך אַפֿילו פֿאָרגעשטעלט ווי מיין ביימל וועט אַ קליינס, ווי אַ קאַרליקל, אויף זיך אויך האָבן צווייט און עפּעלעך מיט רויטע בעקלעך. פֿון די אַלע טראַכטונגען האָט זיך מיר דערנאָך ביינאַכט

געחלומט, אַז איך שפּאַציר אַרום אין אַ גרויסן סאָד צווישן צעבליטע פּרוכט־ביימער און אַז זייער ווייסער צוויט פאַלט ווי שניי צו דער ערד.

3

דאָסביימל איז זיך אַזוי געוואַקסן ביז אין מיטן זומער. דערנאָך האָט די זון גענומען שטאַרק ברענען און ווי צעגליט די מויערן פון דער גרויסער שטאָט. ווען עס זיינען צוגעפאַלן די גרויסע היצן און עס איז געוואָרן שטאַרק שטיקנדיק, האָט די מראה פון דעם ביימל זיך געביטן און עס האָט מער ניט אויסגעזען אַזוי מונטער. דאָס פענצטער פון מיין צימער איז טאַקע אַלע מאָל געווען אָפן, אָבער עס איז ניט געווען גענוג לופט אַרום דעם ביימל. אין דרויסן האָט ביי־טאָג און ביינאַכט אַפילו קיין פעדערל זיך ניט גערירט און אין צימער איז שווער געווען צו אָטעמען.

אין די הייסע און שטיקנדיקע טעג האָט עפּעס ווי אַ מידקייט אַרומגענומען דאָס ביימל און עס איז אים שווער געווען צו וואַקסן. מיר איז פאַרגעקומען, אַז עס האָט אין די היצן מיטאַמאָל ווי דער־שפּירט, אַז עס איז אין דער פרעמד און ניט אין זיין אייגענער וועלט. דאָס ביימל האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען טרויעריק און פאַרבענקט און איך האָב, קוקנדיק אויף אים, חרטה באַקומען פאַרוואָס איך האָב עס געבראַכט אויף דער וועלט. איך האָב מיט אים געהאַט גרויס מיטלייד, ווען איך האָב געזען, אַז עס האָט ניט גענוג לופט און אַז זיינע בלעטלעך פאַרלירן זייער שטייפקייט. איך האָב אויף אים געשפּריצט וואַסער און געפּרואווט עס אַביסל אויפלעבן, אָבער די פריערדיקע פרישקייט האָט עס שוין צוריק ניט באַקומען.

אין די היצן האָב איך געהאַלטן אין איין באַדויערן דאָס עפּל־ביימעלע פאַרוואָס עס דאַרף וואַקסן צווישן די פיר ווענט פון מיין צימער, אונטער אַ פאַרוויכערטער סטעליע פון וועלכער עס טראָגט

זיך אַ טוכלער ריח. איך האָב אויף אים שטאַרק רחמנות געהאַט פֿאַרוואָס זיין גורל איז צו ציען זיין נאַרונג פֿון אַ קליין ביסל ערד אין אַ טעפּל און פֿאַרוואָס די לופֿט אַרום אים איז שטיקנדיק, פֿול מיט גאַזן, מיט רויך און מיט שטויב. עס האָט מיר באַנג געטאָן פֿאַרוואָס דאָס קליינעביימעלע צו וועלכן איך בין געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן, וואַקסט בעסער ניט אונטערן פֿרייען הימל, ערגעץ אין אַ גאָרטן, וואו די לופֿט איז ריין און די ערד זאַפֿטיק.

איך האָב צוגעקוקט ווי דאָס ביימל שמאַכט אין מיין דושנעם צימער און געטראַכט, אַז גראָד אין דער צייט פֿון זומער זיינען די פֿרייע פֿעלדער און גערטנער פֿול מיט געשמאַקע ריחות פֿון צייטיקער תבואה און פֿון קימל, פֿון רייפֿנדיקן אויבסט און פֿון סטעלניק. איך האָב געטראַכט וועגן די דערקוויקנדיקע ווינטלעך, וועלכע טראָגן זיך דאָרט איבער די געוויקסן, אַפֿילו אין די גאָר הייסע טעג און וועגן דעם קילן נאַכטיקן טוי, וואָס נידערט אויף די קלענסטע שפּראָצונגען און אויף די גרעסטע ביימער. עס איז מיר ערשט דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז צו דעם ביימל אויפֿן פענצטער-ברעטל וועט יענער נאַכטיקער פֿרישער טוי קיינמאָל ניט צוקומען און אַז ביי מיר אין צימער וועט עס קיינמאָל ניט פֿילן דעם באַריר פֿון יענע מחיהדיקע פֿרייע ווינטלעך.

ביי די טראַכטונגען האָב איך זיך ווי געפֿילט שולדיק קעגן דעם ביימל און איינמאָל איז מיר אַפֿילו דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען עס צו פֿאַרניכטן. איך וואָלט אָבער ביי זיך קיינמאָל ניט געווען געקענט פֿועלן דאָס צו טאָן, ווייל דאָס וואָלט ביי מיר געווען ווי אומברענגען אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש, וואָס איז מיר זייער ליב. דערצו האָב איך געזען, אַז אַפֿילו אין די שטיקנדיקע היצן בייגט זיך דאָס ביימל נאָך אַלץ צום ליכטיקן דרויסן און עס איז ביי אים נאָך אַלץ שטאַרק דער דראַנג צום וואַקסן.

איינמאָל איז דאָס ביימל פֿון זיך אַליין שיר ניט אויסגעגאַנגען.

עס איז געווען אין אַ טאָג ווען די זון האָט זיך געשטאַרקט און די היצן זיינען שוין ניט געווען צום אַריבערטראָגן. איך בין יענעם טאָג פון פרי ביז שפּעט אין אַוונט ניט געווען אין דער היים און ווען איך בין אַהיימגעקומען האָב איך דערזען, אַז דאָס ביימל איז פאַרביי און אַז עס הויערט אַרום אים דער טויט. די שטיקנדיקע היץ האָט פון אים אינגאַנצן געמאַכט אַ תל. עס איז געבליבן בלויז מיט צוויי קליינינקע בלעטלעך, וואָס זיינען געווען געקאַרטשעט און ווי געזענקט פון פייער. זיינע אַנדערע בלעטלעך זיינען געלעגן פאַר־דאַרטע אין טעפּל אַרום זיין שטאַמעלע.

ווען איך האָב דערזען וואָס עס איז געוואָרן פון דעם ביימל, בין איך געוואָרן שטאַרק צעטומלט און איך האָב מיט דער צייטונג, וואָס איך האָב געהאַלטן אין האַנט גענומען פאָכען איבער אים, ווי איבער אַ פאַרחלשט באַשעפעניש. דערנאָך האָב איך עס גענומען מינטערן מיט וואַסער און ווען עס איז שוין געווען גוט אויסגעווייקט, האָב איך עס אַרויסגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט פענצטער אויפן דרויסנדיקן ברעטל.

די היץ איז גראָד יענע נאַכט געבראָכן געוואָרן. עס איז געפאַלן אַ דריבנע רעגנדל. די לופט איז געוואָרן ריינער און קילער און דאָס ביימל איז דורך דער נאַכט אַביסל צו זיך געקומען. זיינע איבער־געבליבענע צוויי בלעטלעך האָבן אויף צומאָרגנס ווידער אויסגעזען פריש. זיין שטאַם איז געוואָרן גרינלעכער און בויגעווודיקער און, דאַכט זיך, אויך עטוואָס גרעבער.

דאָס ביימל האָט אין די שפּעטע זומער־טעג געהאַט אַרום זיך אַביסל מער לופט און עס האָט ווי פרייער אָפּגעאָטעמט. עס האָט אין יענע טעג ניט נאָר אַ וואַקס געטאָן אין דער הויך, נאָר עס האָט אויך צוגעקומען עטלעכע נייע בלעטלעך. איך האָב עס ווי פריער צוגעזען און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אין האַרבסט וועל איך עס איבערזעצן אין פרישער ערד און אין אַ גרעסער טעפּל.

עס איז אָבער אויף דעם ביימל געקומען אַ פרישע צרה און ווען איך בין איינמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט אַריינגעקומען אין צימער, האָב איך עס ווי ניט דערקענט. זיינע אַלע בלעטלעך זיינען געווען צעפּרעסן און צעלעכערט און אַרום זיין שטאַם זיינען געווען ווי צוגעקלעפּט דריבנע גרינלעכע ווערימלעך. ס'האַרץ האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן פֿאַר דעם ביימל, וואָס האָט אויסגעזען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. איך האָב עס גוט באַטראַכט און עס איז מיר פֿאָרגעקומען, אַז די ווערימלעך האָבן פֿון אים ווי אויסגעזויגן דעם זאַפֿט און אויך די לוסט צו וואַקסן.

איך האָב באַלד דאָס ביימל אָפּגערייניקט פֿון דעם אומפּלייט און אַזוי ווי עס האָט זיך געקליבן אויף רעגן, האָב איך עס אַרויס־געשטעלט אויף דער אַנדערער זייט פענצטער. איך האָב עס געלאָזט אויף איבער נאַכט אין דרויסן, אַז עס זאָל זיך גוט אויסוואַשן און אפשר זיך אויך אָננעמען מיט פרישע כוחות אַרויסצוגעבן פֿון זיך נייע בלעטלעך.

* * *

פֿאַרטאָג בין איך אויפגעוועקט געוואָרן פֿון אַ שטאַרקן שטורעם. עס האָט גענומען דונערן און בליצן. איך בין גיך אַראָפּ פֿון מיין געלעגער און צוגעלאָפֿן צום פענצטער אַריינצונעמען דאָס טעפּל מיטן ביימל. עס איז אָבער שוין ניט געווען דאָרט אויף דעם דרויסנ־דיקן פענצטער־ברעטל.

איך האָב אונטערגעוואַרט ביז דער שטורעם האָט זיך איינגע־שטילט און ביז עס איז ליכטיק געוואָרן אין דרויסן. דערנאָך בין איך אַרויס אויפֿן הויף זוכן דאָס עפּל־ביימעלע, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געווען מיט מיר אין מיין צימער. איך האָב אָבער אויף דעם הויף געפֿונען בלויז אַ פּאָר קליינע שטיקלעך טשערעפּ פֿון דעם וואַזאָנע־טעפּל.

די גרויסע ליבע

1

אין דעם שיינעם גאָרטן, וואָס האָט זיך געשפּרייט הינטער דעם פּריצישן הויף ביים עק דאָרף, איז דאָס גראָז אַ גאַנצן זומער געווען פריש און גרין און עס זיינען דאָרט געוואַקסן זעלטענע ביימער און פאַרשידענע בלומען פון אַלערליי קאָלירן און מינים. עס איז דאָרט אויך געווען אַ טייכל מיט אַ קליינעם אינדזל אין מיטן. אויף דעם טייכל האָט מען צווישן וואַסער־ליליעס געזען אַרומשווימען אַ פּאָרל שניי־ווייסע שוואַנען, וואָס האָבן מער ווי אַלץ באַצירט דעם גאָרטן.

די שוואַנען זיינען דאָרט אויפן וואַסער געווען די איינציקע צוויי לעבעדיקע באַשעפענישן. זיי האָבן דאָס טייכל מיט דעם אינדזל איינגאַנצן געהאַט פאַר זיך און זיי האָבן דאָרט אין דער שטילער אָפּגעזונדערטער וועלט זיך שטענדיק געהאַלטן צוזאַמען.

דאָרפסלייט און אויך פרעמדע פאַרבייגייער האָבן אָפטמאָל זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם פּריצישן הויף, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט אַ הילצערנעם שטאַכעט. עס האָט זיי געלאָקט צו זען דאָס פּריצישע עשירות און זיי האָבן מיט נייגעריקייט אַריבערגעקוקט צו די רייכע געביידעס, צו די גרויסע סטערטעס תבואה, צו די דרעש־מאַשינען און צו דעם שיינעם גאָרטן. אַ סך פון זיי האָבן זיך אָבער מער ווי אויף אַלץ פאַרקוקט אויף די צוויי שוואַנען. זיי האָבן

זיי באַטראַכט מיט אַ מין געפיל פון פאַרערונג, ווי זיי וואָלטן געווען פון עפּעס אַ גאָר אויסדערוויילטן מין.

די מענטשן זיינען געבליבן שטיין פאַרן שטאַכעט און אַרויבערגעקוקט צו דעם פּאָרל שוואַנען, וואָס האָבן געהאַט שיין־געבויגענע העלדזער און וואָס האָבן ווי מיט אַדלדיקן שטאָלץ געהאַלטן הויך זייערע קעפּ. ניט איינער פון די פאַרבייגייער האָט זיך ווי פאַרגעסן, אַז ער גייט ערגעץ און ער האָט לאַנג נאָכגעקוקט די שוואַנען, וואָס האָבן געזעצטע און שטילע, מיט עטוואָס אונטערגעהויבענע פליגל פּאַוואָליע זיך געטראָגן אויפן וואַסער און אויסגעשפּרייט אַרום זיך אַ שלווהדיקע רואיקייט. די געזעצטקייט און די רו אַרום דעם פּאָרל האָט ניט איינעם פון די פאַרבייגייער ווי באַווירקט אַז ער זאָל זיך פאַרטראַכטן, אַז ס'איז איבעריק דאָס האַווען, דאָס יאָגן און דאָס טומלען. ניט איינער פון די מענטשן איז דערנאָך אַוועק פון שטאַכעט מיט געזעצטע און לאַנגזאַמע טריט.

מען האָט אויך פון דערווייטנס געזען ווי געטריי דאָס פּאָרל איז זיך און ווי שטאַרק זיי האָבן זיך ליב, כאָטש זיי האָבן וועגן דעם קיינמאָל ניט געמאַכט קיין געפּילדער. די צוויי שוואַנען האָבן ניט צופיל געהאַלטן פון קיין ליבעס־הנדלעך. זיי האָבן ניט געטוליעט די שנאָבלען איינער צום אַנדערן, זיי האָבן ניט געפּאַטשט מיט די פליגל, ניט געמאַכט קיין קונצן און ניט געליאַרעמט און געגראַגערט ווי גענדז, אָדער קאַטשקעס, וואָס פירן ליבעס אויפן וואַסער. דאָס איז ניט געווען אין זייער נאַטור. זיי זיינען געווען צו שטיל און אפשר אויך צו שעמעוודיק פאַר אַזעלכע זאַכן. פאַר זיי איז גענוג געווען, אַז זיי זאָלן זיך איבערקוקן פון דער זייט, און אַז זיי זאָלן שווייגנדיקע איינער צום אַנדערן אַמאָל גראַציעז אַ בייג טאָן די קעפּ. דער עיקר איז ביי זיי געווען, אַז זיי זאָלן זיך שטענדיק האַלטן צוזאַמען.

דער „ער" האָט שטענדיק געוואַכט איבער דער „זי" און קיין

זאַך איז אים מער ניט אָנגעגאַנגען. זיי זיינען אַזוי שטילע און שווייגנדיקע גאַנצע טעג צוזאַמען אַרומגעשוואומען, זיי האָבן צו־זאַמען מיט זייערע שנאָבלען און לאַנגע העלדזער זיך געגראָבן אין וואַסער צו געפינען עפּעס צום עסן און זיי האָבן צוזאַמען פון צייט צו צייט גערוט אויפן אינדזל צווישן די גראָזן.

ווען זיי זיינען אַרויס פון וואַסער און זיך געלאָזט צום אינדזל האָט מען געקענט זען אַז דער „ער״, וואָס איז געווען גרעסער פון דער „זי״, האָט שוואַרצע פיס, וואָס גלאַנצן ווי פריש אויסגעפּוצטע שטיוועלעך. דער „זי׳ס״ פיס, וואָס זיינען געווען קלענער ווי דעם „ער׳ס״, זיינען געווען פון בלאַסן אָראַנזש־קאָליר. אויך איר שנאָבל איז געווען פון דער זעלבער פאַרב. דער „ער״ האָט געהאַט אַ מער רויטלעכן שנאָבל און ביים עק פון דעם אויבערשטן טייל פון זיין שנאָבל האָט ער געהאַט אַ שוואַרץ פינטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין קנעפּל.

די דאָרפסלייט, וואָס די מיינסטע פון זיי האָבן נאָר פון דער־ווייטנס געזען די שוואַנען, האָבן די „זי״ פאַר איר געטאַקטער שיינקייט און פאַר איר אַדעלדיקער געזעצטקייט געקרוינט מיט דעם צונאָמען „די פּרינצעסין״ און דעם „ער״ מיט די גלאַנצנדיקע שטי־וועלעך האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „דער פּריץ״ און ביי די נעמען זיינען זיי שוין געבליבן.

2

די צוויי שוואַנען איז די וועלט פון יענער זייט שטאַכעט ניט אָנגעגאַנגען. זיי זיינען געווען פאַרטאָן אין זיך און מער האָט זיי קיין זאַך ניט געקימערט. די אַרומיקע שטילקייט איז געווען ווי צוגעפּאַסט צו זייער געמיט און זיי זיינען, ווייזט אויס, געווען צו־פרידן, וואָס מען האָט זיי דאָרט געלאָזט אַליין. עס זיינען זיי ניט



אָנגעגאַנגען די נייגעריקע פֿאַרבייגייער, וואָס האָבן פֿון דערווייטנס צו זיי אַריבערגעקוקט און זיי האָבן אויך ניט געשענקט קיין אויפֿמערקזאַמקייט ווען קינדער האָבן אַמאָל דורך די שפּאַרעס פֿון די שטאַכעטן צו זיי אַריינגעשריגן: „שיינע פּרינצעסן, פֿאַרוואָס גייסטו אַרום באַרוויס?“ „פּריץ מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך, פֿאַרוואָס קויפֿסטו ניט דער פּרינצעסין אַ פּאָר לאַקשיכלעך?“

די „פּרינצעסין“ מיט דעם „פּריץ“ האָבן זעלטן ווען אַ דריי געטאָן זייערע קעפּ צו זען פֿון וואַנען די קינדישע קולות קומען. ווען עס האָט אָבער אַמאָל געטראָפֿן, אַז אַ פֿאַרשייט ייִנגל האָט פֿון דערווייטנס אַ וואָרף געטאָן אַ שטיינדל, וואָס האָט דערגרייכט ביז צום טייכל, האָבן די שוואַנען זיך יאָ אַרומגעקוקט און זיי זיינען אַוועקגעשוואומען אויף דער אַנדערער זייט פֿון אינדזל, אַזוי, אַז מען זאָל זיי ניט אַרויסזען.

אַפֿילו אויף דער אייגענער באַלעבאָסטע, אויף דער גרייז־גרויער פּריצה, וואָס האָט אַן איינגעבויגענע און אַן אָנגעשפּאַרטע אויף אַ שטעקעלע איינע אַליין אַרומגעשפּאַצירט אין דעם שיינעם און שטילן גאָרטן, האָבן זיי זיך ניט רעכט אומגעקוקט.

אַרוים פֿון זייער רו זיינען די שוואַנען נאָר אַמאָל, אַמאָל ווען עס האָט אומגעריכט אויסגעבראָכן אַ שטורעם אין אַ זומערדיקן טאָג. זיי זיינען געוואָרן צעטומלט ווען די זון האָט פּלוצלינג אין מיטן העלן טאָג זיך באַהאַלטן, ווען שוואַרצע כמאַרעס האָבן באַדעקט דעם הימל און עס האָט גענומען דונערן און בליצן. אַזאַ אומגעריכט געוויטער, וואָס האָט אויפֿגערודערט די אַרומיקע שטילקייט, געבראָכן די צווייגן פֿון די ביימער, געבלעזלט און געכוואַליעט דאָס וואַסער אין טייכל, האָט אויף זיי אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא געהאַט, אַז עפּעס אַן אומגליק גייט אויף זיי, וואָס קען זיי נאָך צעשיידן און דער „פּריץ“ האָט מיט גרויס וואַכזאַמקייט זיך געהאַלטן נאָענט לעבן דער „פּרינצעסין“.

דאָס פּאָרל שוואַנען איז אויך געשטערט געוואָרן אין זייער רו ווען פרעמדע גרויסע פייגל, אָדער ווילדע גענדז זיינען אַמאָל פון ערגעץ געקומען צו פליען און זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך צום טייכל זיך אָנצוטרינקען. עס איז ביי זיי מסתם געווען די מורא טאָמער לאָזן זיך צו זיי אַראָפּ רויב־פייגל. און אפשר האָבן די פרעמדע געסט זיי אויך דערמאָנט אָן זייער אורשטאַם און אָן אַנדערע שוואַנען, וואָס פליען אַרום ערגעץ איבער זומפּיקע ווילדערנישן.

ווען דער „ער" פלעגט דערזען אַ ווילדע גאַנדז, אָדער עפּעס אַ פרעמדן פויגל אָנקומען, האָבן ביי אים ניט איין מאָל אַ צוק געטאָן זיינע פליגל, עפּעס ווי עס וואָלט אים אָנגעגומען אַ חשק זיך אויך אויפצוהויבן אין דער הויך. ער האָט אָבער זעלטן ווען אויסגעשפרייט זיינע פליגל. עס איז געגוג געווען, אַז די „זי" זאָל אַ בייג טאָן אין זיין זייט איר קאָפּ און דאָס איז געווען ווי זי וואָלט אים זאָגן, אַז ער האָט ניט וואוהין צו פליען, ווייל עס איז אייגנטלעך ניט וויכטיק וואו זיי זיינען, אַזוי לאַנג ווי זיי האַלטן זיך צוזאַמען. זיי האָבן אָן די פרעמדע געסט, וואָס זיינען ניט צו לאַנג געווען ביים וואַסער, באַלד פאַרגעסן און זיי זיינען באַרואיקטע מיט דער זעלבער געזעצטקייט וואָס פריער אַרומגעשוואומען אויפן טייכל.

דאָס פּאָרל האָט אַזוי יאָרן און יאָרן זיך געהאַלטן אינאיינעם. די דאָרפסלייט וואָס האָבן פון דערווייטנס צו זיי אַלעמאָל אַריבערגעקוקט, האָבן וועגן זיי דערציילט פאַרשידענע מעשות. עלטערע מענטשן, וואָס פלעגן האָבן אַ צוטריט צום הויף, האָבן געמאַכט דעם חשבון, אַז דאָס פּאָרל שוואַנען איז שוין אפשר פופציק יאָר אַלט. זיי האָבן דערציילט, אַז אַ קרוב פון דער אַלטער פריצה האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געבראַכט די צוויי שוואַנען ערגעץ פון ווייט, ווען זיי זיינען געווען נאָך זייער יונג. אַזוי ווי זיי זיינען געווען ווילדע, האָט ער געקאַרבט זייערע פליגל, פון זיי אויך אויסגעשניטן עטלעכע פעדערן מיט די וואָרצלען, אַז זיי זאָלן מער ניט

קענען אוועקפליען און האָט זיי אַ צייט געהאַלטן ביי זיך אין הויף. שפּעטער האָט ער זיי אַוועקגעשענקט צו דער אַלטער פּריצה און זיי זיינען פון דעמאָלט אָן ביי איר אויפן טייכל.

מען האָט זיי אויך פאַרוועבט אין אַ מעשה, אַז זיי זיינען גאָר ניט קיין שוואַנען, נאָר צוויי מענטשן, וואָס זיינען פאַרשאָלטן געוואָרן אין זייער יוגנט. די מעשה איז געווען וועגן אַ פאַרליבט יונג פּאָרל, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער היים, ווייל זייערע טאַטע-מאַמע האָבן זיי געוואָלט צעשיידן. ווען דאָס פאַרליבטע פּאָרל האָט אויפן וועג, די ערשטע נאַכט, זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען לעבן אַ וואַסער איז אָנגעקומען אַ מכשפה און זיי פאַרוואַנדלט אין שוואַנען. די גראָזן און זיך געלאָזט גיין פון אינדזל צום וואַסער.

אַלטע ווייבער אין דאָרף האָבן אין דער מעשה פאַרוועבט די אַלטע פּריצה, וואָס איז געווען אַ פאַרזעסענע מויד. עס איז אויסגעקומען, אַז דער „פּריץ" אין די שוואַרצע שטיוועלעך איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געווען דער פּריצהס חתן און ווען זי האָט שוין געהאַט פאַרטיק אירע חתונה-קליידער, האָט ער זי אויסגעביטן אויף אַן אַנדערער. די פּריצה האָט דערפון געהאַט גרויס פאַרדרוס און זי האָט אים מיט זיין צווייטער כּלה אין זייער חתונה-נאַכט אָפּגעטאָן כּישוף. זי האָט זיי ביידע פאַרוואַנדלט אין שוואַנען און זי האַלט זיי זייט דאַן ביי זיך אין גאָרטן.

3

די צוויי שוואַנען האָבן אין גרויס ליבשאַפט און אין געטריי־שאַפט זיך לאַנג געהאַלטן צוזאַמען. און מיטאַמאָל איז עפּעס געשען. אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג, נאָך איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, איז צו זיי פון דער הויך אומגעריכט ווי אַראָפּגעפאַלן אַ ריזיקער רויב-פויגל מיט גרויסע אויסגעשפּרייטע פליגל. דאָס איז געווען פּונקט דעמאָלט, ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון צווישן

דער „ער", וואָס האָט ווי די „זי" זייער זעלטן זיך געלאָזט הערן, האָט באַלד דערשפּירט די גרויסע געפאַר און ער האָט אַרויס־געלאָזט אַ הויך קול, וואָס איז אַרויסגעקומען ווי אָפּגעריסענע הייזעריקע קלאַנגען פון אַן אַלטן טרומפּייט. די „זי" איז ווי אַלעמאָל געווען נאָענט לעבן אים און זיי האָבן ביידע, מיט זייערע קורצע, ניט צו פלינקע, פיס, זיך געלאָזט גיין צוריק צום אינדזל. זיי האָבן זיך געוואָלט באַהאַלטן צווישן די גראָזן, אָבער דער רויב־פויגל איז באַלד ביים ברעג באַפאַלן די „זי" גרייט זי צו פאַרצוקן. דער „ער" האָט ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט ניט אויפגעהערט רופן נאָך הילף און זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם רויב־פויגל. עס איז געווען אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. דער „ער" האָט מיט זיינע קרעפטיקע פליגל געשלאָגן דעם רויב־פויגל איבערן קאָפּ און וואו עס האָט זיך געלאָזט און געזוכט אַרויסצורייסן די „זי" פון זיינע נעגל.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און עמעצער איז געקומען צו לויפן פון הויף. דער רויב־פויגל האָט דעמאָלט איבערגעלאָזט די „זי", זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און איז אַוועקגעפלויגן. מען האָט אָבער די „זי" שוין ניט געקענט דערראַטעווען. איר שיינער האַלדז איז געווען איבערגעבראָכן און זי איז באַלד אויסגעגאַנגען. זי איז געבליבן ליגן אַן אומבאַוועגלעכע ביים ברעג און דער „ער", וואָס האָט פון איר ניט אָפּגעטראָטן, האָט אַן אויפגערודערטער זי באַקוקט.

מען האָט דעמזעלבן אינדערפרי באַגראָבן די „זי" אויפן אינדזל צווישן די גראָזן און דער „ער" האָט דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער פריש־אויפגעגראָבענער ערד.

עס האָט דעם „ער" מער ניט געצויגן צום טייכל און ער האָט מער ניט געהאַט קיין חשק דאָרט אַרומצושווימען איינער אַליין. מען האָט אים געטריבן צום וואַסער, אים ניט איינמאָל אַראָפּגעשטופּט פון ברעג, אָבער ער איז אַלעמאָל צוריקגעקומען צום אינדזל און דאָרט ווי געהיט די פריש־אויפגעקראָבענע ערד.

אַן איינזאַמקייט האָט אַרומגענומען דעם שוואַן ווען ער איז איבערגעבליבן אַליין און ער האָט זיך שטאַרק נאָכגעלאָזט. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויפן אינדזל און עס האָט אים ניט געאַרט, וואָס זיינע פּעדערן זיינען מער ניט אַזוי ריין און וואָס זיינע פיס ווערן גרוילעך און פאַרשטויבט. דאָרפישע פאַרביי-גייער האָבן פון דערווייטנס אַריבערגעקוקט צו דעם „פּריץ" און זיי האָבן אים ווי ניט דערקענט. זיי האָבן מיט זיפצן אים באַ-דויערט, וואָס ער איז געבליבן אַזוי עלנט און זיי האָבן דערמאָנט צום גוטן די שיינע „פּרינצעסין".

די זומערדיקע טעג האָבן זיך לאַנג געצויגן און דער שוואַן איז געזעסן אויפן גראָז אַן איינזאַמער. מיטאַמאָל האָט אין אַ פאַרטאָג, איידער די זון איז אויפגעגאַנגען, זיך באַוויזן אויפן טייכל אַן אַנדערע „זי". דער איינזאַמער שוואַן האָט זי דערזען פון אינדזל און ער איז ווי אויפגעוועקט געוואָרן. ער האָט אַפּנים געמיינט, אַז דאָס איז די „פּרינצעסין" און ער איז אין דעם לויטערן פרימאָרגן אַ רירעוודיקער צו איר אַרויסגעשוואומען. אויפן וועג האָט ער דערווייל אַביסל אויסגעגלעט און צוגעוואַשן זיינע פּעדערן. זיינע אויגן זיינען געווען געווענדט צו דעם שוואַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי דעם אַנדערן ברעג פון טייכל. ווען ער איז אָבער צוגעקומען גאָר נאָענט צו איר, האָט ער באַלד דערקענט, אַז דאָס איז ניט די „פּרינצעסין".

דאָס איז געווען אַ שוואַן, וואָס מען האָט עטלעכע טעג נאָך דער „פּרינצעסינס" טויט געבראַכט פון אַן אַנדערן פּריצישן הויף. מען האָט געמיינט, אַז זי וועט זיין אַ גוטע פּאָר צו דעם פאַראיינזאַמטן „פּריץ" און אַז זי וועט אים קענען אַביסל אויפמונטערן. זי איז מיט איר ציכטיקייט און מיט איר געזעצטער האַלטונג טאַקע געווען גאַנץ ענלעך צו דער „פּרינצעסין", אָבער פאַרן „פּריץ" איז זי געווען אַ פרעמדע. ער האָט זי מיט נייגעריקייט באַטראַכט פון דער נאָענט,

איר אַ פּאָר מאָל ווי אַריינגעקוקט אין פּנים און דערנאָך זיך אינגאַנצן אָפּגעקערט פון איר.

דער „ער" איז זיך צוריקגעשוואומען צום אינדזל. ער האָט אפילו מער ניט געוואָלט קוקן אין דער זייט וואו די פרעמדע „זי" האָט אַ שטילע זיך געפּוצט און געוואַשן און נאָך עטלעכע טעג האָט מען זי צוריקגעפירט צום הויף פון וואַנען מען האָט זי געבראַכט.

עטלעכע וואָכן האָט דער שוואַן אַזוי אָפּגעלעבט איינער אַליין און פון טאָג צו טאָג זיך אַלץ מער נאָכגעלאָזט. ער איז געזעסן אויפן גראָז מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן און וואָס אַמאָל אַלץ וויניקער אַראָפּגעגאַנגען צום וואַסער, ביז די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען.

קעגן האַרבסט האָט מען איינמאָל אין אַן אינדערפרי געפונען דעם שוואַן אַ טויטן אויפן אינדזל און מען האָט אים באַגראָבן לעבן דער „פרינצעסין".

דאָרפישע פאַרבייגייער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שטאַכעט פון הויף, האָבן זיך ווי ניט געוואָלט גלויבן, אַז דער „פריץ" מיט דער „פרינצעסין" זיינען שוין אַוועק אויף אייביק און מען וועט זיי שוין מער ניט זען אַרומשווימען אויפן וואַסער. דאָס יונגוואַרג פון דאָרף האָט ביים אַריבערקוקן צו דעם פוסטן טייכל דערמאָנט דעם „פריץ" מיט דער שיינער „פרינצעסין" און גערעדט וועגן זייער גרויסער ליבע. און די אַלטע ווייבער האָבן ווייטער גע-שפּינט זייער מעשה. עס איז ביי זיי אויסגעקומען, אַז דער „פריץ" מיט דער „פרינצעסין" זיינען ניט טויט, נאָר די אַלטע פריצה, וואָס האָט דורך זיי קיינמאָל ניט חתונה געהאַט, האָט פון זיי אַראָפּגע-נומען דעם כישוף און זיי צוריק פאַרוואַנדלט אין מענטשן.

אין געפאַנגענשאַפט

1

אַ פּאָר וואָכן פאַר ניי־יאָר, ווען עס איז אין ניו יאָרק אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי, האָט מען גענומען אויספּוצן אויף חגא די שוי־פענצטער פון אַלע געשעפטן. אויף איינער פון די רייכע און ברייטע גאַסן, וואו עס האָבן זיך געפונען די גרויסע רויכוואַרג־געשעפטן האָט מען אין די פענצטער אויסגעשטעלט אַלערליי פעלץ־מאַנטלען, אויסגעאַרבעטע טייערע פעל און אויך פאַרשידענערליי אויסגעשטאָפּטע חיות. מען האָט דערנאָך אין די טעג פאַר חגא געזען אין די אויסגעפּוצטע גרויסע שוי־פענצטער אויסגעשטאָפּטע הירשן מיט צווייגנדיקע הערנער, שוואַרץ־ברוינע בערן, פוקסן, וועווריקעס, שטיין־מאַרדערס און פאַרשידענע אַנדערע חיות, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע.

די שוי־פענצטער האָבן פאַרכאַפּט ס'אויג. די מייסטע פאַרבייגייער זיינען אָבער אין דער גאַס צוגעצויגן געוואָרן צו אַ פענצטער, וואו מען האָט חוץ די טייערע פוטערוואַרגן און אויסגעשטאָפּטע באַשעפענישן אויך געזען אַ לעבעדיקן ווייסן פוקס. אויף דעם פענצטער איז געווען אָנגעקלעפּט אַ מעלדונג מיט גרויסע בוכשטאַבן, אַז מען האָט דעם ווייסן פוקס געבראַכט, צוזאַמען מיט אַ טראַנספּאָרט פוטערוואַרג, פון אַ וויטן פאַרשנייטן לאַנד.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מיט גרויס נייגיריקייט

באַטראַכט דעם לעבעדיקן פוקס, וואָס איז געווען ווייס ווי פריש־געפאַלענער שניי. עס זיינען פאַר דעם פענצטער געבליבן שטיין פרויען, וואָס זיינען געגאַנגען עפּעס איינקויפן אויף יום־טוב. זיי האָבן מיט פאַרוואונדערונג געקוקט אויף דער לעבעדיקער ווייסער חיה און מיטאַמאָל ווי מורא באַקומען פאַר די אויסגעאַרבעטע פוקסן, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זייערע אַקסלען. עס האָבן פאַרן פענצטער זיך אויך אָפּגעשטעלט פוטערוואַרג־אַרבעטער, וואָס זיינען מיטאָג־צייט אַראָפּגעקומען פון די שעפּער. זיי האָבן אויף דעם פוקס געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, גלייך ווי זיי וואָלטן ערשט איצט אָנגעהויבן באַנעמען, אַז די אַלע פעלעכלעך, וואָס גייען דורך זייערע הענט, האָבן אַמאָל אין זיך אויך געהאַט לעבן.

דער ווייסער פוקס האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך אַרומגעדרייט פאַר דער גרויסער שויב און זיך אַרומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט. אַרום אים זיינען געלעגן טרוקענע צווייגלעך פוןביימער, צוגעוויאַנעטע בלעטער באַדעקטע מיט קינסטלעכן שניי און פעל פון פאַרשידענע חיות. ער אַליין איז געווען אָפּגעצאַמט פון דעם פוטערוואַרג מיט אַ הויכער דראָטענער וואַנט.

מען האָט געקענט זען, אַז דער פוקס האָט זיך נאָך ניט געהאַט אויסגעטשוכעט פון דער ווייטער רייזע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, ווייל זיינע אויגן זיינען נאָך געווען ווי פאַרנעפּלט.

דער פוקס האָט אַלעמאָל זיך אָפּגעשטעלט, אַלעמאָל אַ בייג געטאָן דעם קאָפּ אויף אַ זייט ווי ער וואָלט זיך פאַרטראַכט. ווער ווייסט, אפשר האָט ער געטראַכט וועגן די פאַרשנייטע פעלדער אויף וועלכע ער איז אַרומגעלאָפן אַ פרייער. און אפשר האָט ער גאָר אין דעם רויש און אין דעם טומל, וואָס איז צו אים דערגאַנגען פון דער אַנדערער זייט פענצטער, געהערט דאָס וואָיען פון הונגעריקע חיות, וועלכע זיינען אַרום אויף געיעג.

ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם אָפּגעצאַמטן טייל פון פענצ־

טער, געשמעקט צו די שפּורן פון זיינע אייגענע טריט אויף דעם קינסטלעכן שניי און געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן. אַט האָט ער זיך פאַרקוקט אויף אַ וועווריק, וואָס איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער מיט אַ ניסל אין זיינע פֿעדערשטע לאַפּקעס און באַלד האָט ער גענומען באַטראַכטן אַן אויסגעאַרבעטן רויטן פוקס, וועלכער איז געלעגן אויף דער אַנדערער זייט ווענטל, אַן אויסגעצויגענער. ער האָט זיין רויטן ברודער געקוקט גלייך אין די גלעזערנע אויגן און זיך מסתם געוואונדערט, וואָס יענער ליגט זיך אַזוי רואיק. דער פוקס האָט געקוקט אויף די עטלעכע חיות פון פאַרשידענעם מין, וואָס האָבן געהויערט צוזאַמען אויף איין אָרט און ער האָט זיך אפשר געוואונדערט פאַרוואָס זיי פאַלן ניט אָן איינס אויף ס'אַנדערע.

2

עס איז דעם פוקס שווער געווען זיך צוצוגעוויינען צו דעם אָפּגעצאַמטן ווינקל אין פענצטער און צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף אים און ער איז וואָס אַמאָל געוואָרן אומרואיקער. ער האָט געהאַלטן אין איין בייגן זיין קאָפּ צו דער וויסקייט אונטער זיינע פיס און מיט זיינע קלוגע אייגלעך געזוכט אַ וועג ווי זיך צו באַפרייען פון זיין געפאַנגענשאַפט. זיין פוקסישע כיטרעקייט האָט אים אָבער דאָ גאָרניט ניט גענוצט. ער האָט ניט איינמאָל זיך אַ לאָז געטאָן מיטן קאָפּ צו דער שויב, ער האָט אויך געפּרואווט בייסן די דראָטן פון דעם ווענטל, אָבער עס האָט גאָרניט ניט געהאָלפן.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער פוקס אַ צערייצטער גענומען קראַצן מיט די נעגל דעם דיל. ער האָט אָבער דערמיט וויניק וואָס אויפגעטאָן. נאָך עטלעכע טעג האָט ער יאָ באַוויזן אויסצוקראַצן אַ גאַנץ גרויסן לאָך אין דער צעראַטע און ער האָט זי אויך אָביסל

אונטערגעהויבן. די אַרבעט האָט אים אָנגעהויבן געפעלן ווערן, ווייל ער האָט מסתּם געמיינט, אַז ער טוט עפּעס אויף.

ער האָט מיט אָנגעצונדענע אויגן אַרויסגעקוקט צו די הויכע געביידעס, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט די פרייע פעלדער און וועלדער און דערנאָך געפּרוּווט אַריינשטופּן דעם קאָפּ אין דעם אויסגעקראַצטן לאָך פון דער אונטערגעהויבענער צעראַטע. ניט אַנדערש נאָר ער האָט געמיינט, אַז ער וועט אַזוי אַרום, דורך אַן אונטערערדישן וועג, זיך קענען דורכרייסן צו זיין פרייער פאַרשנייטער וועלט.

נאָך עטלעכע טעג איז צו דעם שוי־פענצטער צוגעקומען אַ פאַרמער, וואָס איז פאַרפאָרן אין שטאָט אַריין עפּעס איינצוהאַנדלען. דער פאַרמער האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און לאַנג באַטראַכט דעם פוקס, וואָס האָט געגראַבלט די צעראַטע.

ווען דער פוקס האָט באַמערקט דעם מענטשן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פוטערן היטל און אין אַ קורץ פעלצל, איז ער נעענטער צוגעגאַנגען צו דער שויב. ער האָט אַ טרויעריקער אָנגעקוקט דעם פאַרמער און ווי אויף שטום־לשון זיך פאַר אים געקלאָגט: — מען האָט מיך פאַרשפּאַרט און איך קען זיך ניט אַרויסרייסן.

ביי דעם פאַרמער זיינען וואָך געוואָרן דערמאָנונגען פון דער צייט, ווען ער האָט זיך אויך געפילט ווי אַ געפאַנגענער אין דער גרויסער שטאָט. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט פאַרלאָזט זיין דאָרפישע היים אויף יענער זייט ים און איז געקומען קיין ניו יאָרק. ער האָט זיך ניט געקענט איינלעבן אין דער רוישיקער שטאָט און ער איז ווי אַ געפענטעטער אַרומגעגאַנגען צווישן די הויכע מויערן. מיט דער צייט האָט ער זיך אָבער אַרויסגעריסן אויף דער פריי. ער איז אַוועק פון דער שטאָט און זיך באַזעצט אויפן פעלד.

דער פאַרמער האָט שטאַרק רחמנות באַקומען אויף דעם פוקס און ער איז אַריין אין דעם פעלץ־געשעפט אים אויסצולייזן פון גע־

פאַנגענשאַפט. אַזוי ווי דער פוקס איז שוין געווען קויטיק און גרוי און אויך שטאַרק אָפּגעמאָגערט, איז דעם פאַרמער ניט אָנגעקומען שווער איבערצורייידן דעם באַלעבאָס פון דעם געשעפט, אַז ער דאַרף אים שוין אַרויסנעמען פון זיין שויפענצטער.

3

דער פאַרמער האָט פאַר אַ קליניקייט אָפּגעקויפט דעם פוקס און אים אַליין אַרויסגענומען פון דעם אָפּגעצאַמטן ווינקל. ווען ער האָט אים אַריינגעכאַפּט אין זיינע הענט האָט דער צעשראָקענער פוקס פון אָנהייב זיך געריסן און געוואָרפן. עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג און ער איז געוואָרן רואיקער. עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט פון דעם פאַרמערס קליידער דער־שמעקט דעם היימישן ריח פון פעלד און וואַלד. דער פאַרמער האָט אים געגלעט, צו אים גערעדט און אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט ווידער זיין פריי.

קעגן נאַכט־צו איז דער פוקס שוין געווען אויף דער פאַרם, וואָס האָט פון איין זייט זיך געשפרייט ביז צו אַ וועלדל און פון אַ צווייטער זייט ביז צו אַ באַרג. דער פאַרמער האָט אַרום זיין הויז געהאַט אַ ווייגאָרטן און אַ סך פרוכט־ביימער, אָבער אַלץ אַרום איז געווען פאַרפרוירן און פאַרשנייט. וואו ניט וואו האָט מען דאָרט אָבער אויך געזען איינצעלנע ביימלעך, וואָס האָבן אויף זיך נאָך אַלץ געהאַט ברוינלעך־רויטע בלעטלעך.

דער פוקס איז ביי דעם פאַרמער געווען ווי אַ גאַסט פון דער אַלטער היים און ער האָט אים אַזוי גיך ניט געוואָלט אוועקלאָזן פון זיך. ער האָט אים אַביסל געוואָלט פאַרהאַלטן אויף זיין פאַרם און ער האָט אים דערווייל אַריינגעלאָזט אין זיין שייער, וואו עס

זיינען געלעגן הויפנס אויסגעפרעסטע וויינטרויבן פון בלוילעך־רויט־לעכן קאָליר און צוגעלעגערט אויבסט.

— דער רויש און דער טומל פון שטאָט איז ניט פאַר מיר און ניט פאַר דיר. דאָ איז שטיל און רואיק און דאָ וועסטו זיין פריי. וועסט קענען זיין צווישן די קאַרטשעס פון וויינגאָרטן, אָדער צווישן די ביימער אין וואַלד. וועסט שוין געפינען דיין עסן און דיין נאָרע — האָט דער פאַרמער אַן אויפגעמונטערטער גערעדט צו זיין גאַסט און אים צוגעזען מיט גוטע עסנס. און ווען דער פוקס האָט פון שייער זיך געלאָזט הערן מיט עטלעכע אָפגעריסענע קלאַנגען, איז דעם פאַר־מער פאַרגעקומען, אַז דאָס דערציילט ער אים ווי מען האָט אים פלוצים געכאַפט און אים פאַרשלעפט אין דער ווייטער פרעמד.

אויפן צווייטן טאָג איז דער פאַרמער שוין גאַנץ פרי געווען ביי דעם שייער. ער האָט דאָרט געעפנט אַ פענצטער, וואָס האָט געהאַט אַ לאָדן און אַריינגעקוקט צו זיין גאַסט. דאָס ליכט פון טאָג האָט דורך דעם געעפנטן לאָדן אַריינגעשטראָמט אין שייער און דער פוקס איז גלייך אויפגעשפרונגען פון הינטער אַ הויפן אויסגעפרעסטע וויינטרויבן, וואו ער האָט איבער נאַכט געהאַט זיין געלעגער.

דער פוקס האָט איצט אַרום זיין קאָפּ, אויף זיין רוקן און אויך אין ביידע זייטן אַרום זיינע ריפּן געהאַט וויין־רויטע פלעקן. ער האָט אויסגעזען ווי עמיצער וואָלט אים אומיסטן אַביסל צוגעפאַרבט, אַזוי, אַז ער זאָל זיך קענען אויך שיצן אין וואַלד אין די ערטער, וואו די ביימלעך און קאַרטשעס זיינען ניט אינגאַנצן צוגעדעקט מיט שניי.

ווען דער פוקס האָט אין דער ליכטיקייט דערזען די פאַרביקע פלעקן אויף זיין פעל, האָט ער אַן אומרואיקער זיך עטלעכע טרייסל געטאָן. ער האָט אָבער בלויז פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די טרויבן־שאָלעכצן, וואָס האָבן דורך דער נאַכט זיך צוגעקלעפּט צו זיין פעל. די פלעקן זיינען געבליבן.

ער האָט דורכן אָפֿענעם פענצטער אַרויסגעקוקט צום פֿאַרמער און צו דעם היימישן ווייסן דרויסן, וואָס האָט אים געלאָקט און ניט פֿאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד אַ שפּרונג געטאָן צום פענצטער און שוין געווען אויף דער פֿריי. אויפֿן הויף האָט דער פֿוקס זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויך צוגעוואָרפֿן אַ בליק דעם פֿאַרמער און דערנאָך פֿלינק אַוועקגעשאָסן צום וואַלד צו.

דער פֿאַרמער האָט אַ שמייכלענדיקער אים נאָכגעקוקט ביז ער האָט אים פֿאַרלוירן פֿון די אויגן.

צוויי בלויע פייגל

1

אַ פּאָרל בלויע פייגל איז אין מיטן נאַכט פון אַ שטאַרקן שטורעם פון ערגעץ פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ געדיכט־באַוואוינטער געגענט פון ניו־יאָרק. זיי זיינען אין דעם געוויטער, אין וועלכן זיי האָבן מסתם פאַרלוירן זייער נעסט און זייערע יונגע פייגעלעך, אַזוי לאַנג אַרומגעשליידערט געוואָרן, ביז דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט און זיי זיינען אויסגעמאַטערטע כמעט ווי געפאַלן צו דער ערד.

אין דער פרי, ווען דער הימל איז שוין געווען אויסגעלייטערט, זיינען די צוויי פרעמדע פייגל געזעסן לעבן אַ הויז, צוגעטוליעט איינס צו ס'אַנדערע און געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, ווי זיי וואָלטן גע־שלאָפן. אַ יינגל פון אַרום אַכט־ניין יאָר, וואָס האָט געוואוינט אין דעם הויז, איז געווען דער ערשטער זיי צו דערזען דורך אַ פענצטער. די בלויע קאָלירן פון די פייגל האָבן פאַרכאַפּט זיין אויג און ער איז באַלד צו זיי אַרויסגעלאָפן.

דאָס יינגל איז געבליבן שטיין ניט ווייט פון די שיינע פייגל און זיי באַטראַכט. אַנטקעגן דעם הויז, אין וועלכן ער האָט געוואוינט, איז אין דער זייט פון דעם טראָטואַר, געשטאַנען אַן אַלטער צע־צווייגטער בוים, וואָס איז דאָרט געבליבן ווי אַ זכר פון דער צייט ווען די געגנט איז נאָך ניט געווען פאַרבויט מיט הייזער. אויף דעם

בוים האָט מען אָבער אַזעלכע פייגל קיינמאָל ניט געזען. צווישן זיינע צווייגן און אויך אַרום די דעכער פון די הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען איינס לעבן ס'אַנדערע, האָבן נאָר ברוין־גרויע שפּערלעך געהאַט זייערע נעסטן.

פון צייט צו צייט האָבן אין יענער געגנט זיך אויך געוויזן רויט־ברוסטיקע ראָבין־פייגל. זיי זיינען אָבער, ווייזט אויס, ניט געווען פלינק גענוג זיך אויסצוהיטן פון די היימלאָזע ווילדע קעץ און פון אַנדערע געפאַרן, וואָס האָבן אויף זיי דאָרט געלויערט און זיי פלעגן גיך פאַרשווינדן.

דאָס יינגל האָט באַוואונדערט דאָס פּאָרל, וואָס די בלויקייט פון זייערע שיינע קעפּלעך און פון זייערע לענגלעכע פליגל האָט זיך געמינעט אַנטקעגן דער זון. כאָטש זיי זיינען געווען גרעסער פון די שפּערל־פייגל האָט דאָס יינגל, צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געזעסן אויף דער ערד, אין דער ערשטער רגע געמיינט, אַז זיי זיינען יונגע און זיי קענען נאָך ניט נוצן זייערע פליגל. ער האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז זיי זיינען שוין דערוואַקסענע און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָבן זיי אין דעם ביינאַכטיקן שטורעם פאַרלוירן זייערע כוחות.

אַ קאַץ האָט זיך באַוויזן לעבן הויז און דאָס יינגל האָט זיך גיך אָנגעבויגן צו באַשיצן די הילפלאָזע פייגל. דאָס פּאָרל האָט זיך אַ טריפּע געטאָן. זיי האָבן ביידע געעפנט די אויגן און צעשראָקענע אָנגעקוקט דאָס יינגל. די „זי" איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זי האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. דער „ער" האָט יאָ אַביסל זיך אונטערגעהויבן און געוויזן זיין רויטלעך־ברוינע ברוסט, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געטראָגן אַ וועסטל. ער האָט אַביסל אויסגעשפּרייט זיינע שיינע פאַרביקע פליגל, אָבער ער איז געווען אַזוי דערשעפּט, אַז ער האָט אפילו ניט געפּרואווט פליען.

דאָס יינגל האָט אַ כאַפּ געטאָן די פייגל און פול מיט פרייד זיי אַוועקגעטראָגן אין הויז אַריין. ער האָט זיי דאָרט געוויזן זיין מוטער, איר דערציילט וואו ער האָט זיי געפונען און זי האָט אים געהייסן זיי אַוועקטראָגן אין זייער ליידיק גאַניקל, וואָס האָט געהאַט אַ גרויס פענצטער צום וועג צו. דאָס יינגל האָט געטאָן ווי די מאַמע האָט געהייסן. ער האָט אין דעם פאַרמאַכטן גאַניקל אַוועקגעזעצט די פייגל אין אַ ווינקל און דאָרט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט אַ שיסעלע וואַסער, אַ טעצל מיט גרויפּן, דריבנע שטיקלעך נים און קרישקעס ברויט.

די אָנגעשראָקענע פייגל האָבן געוואַרט ביז דאָס יינגל איז פון זיי אָפּגעטראָטן און ערשט דערנאָך זיך גענומען צום טרינקען און צום עסן. זיי האָבן אָבער זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן, עפּעס ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר אַ נייער געפאַר. שוין אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי אָבער ווי דערפילט די פריינטשאַפט פון דעם יינגל, וואָס האָט זיך מיט זיי אָפּגעגעבן, און זיי האָבן ביסלעכוויז זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צו אים. זיי זיינען אין דעם פאַרמאַכטן גאַניקל אויך גיך צו זיך געקומען און אין אַ פאָר טעג אַרום האָבן זיי שוין מיט אַ געצוויטשער אַרומגעהיפּט פאַר דעם פענצטער. עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי זיינען דאָרט שוין אַרויפגעפלויגן אויף אַ קליין לייטערל, וואָס האָט אונטערגעשפּאַרט אַ גרויסע וואַזאָנע.

2

ווען דאָס פּאָרל פייגל האָט צוריקבאַקומען די קראַפט אין זייערע פליגל און אָנגעהויבן אַרומפליען אונטער דער סטעליע, האָט דאָס יינגל גענומען רעדן מיט זיין מוטער וועגן קויפן פאַר זיי אַ שטייגל. ער האָט גערעכנט, אַז די פייגל, וואָס זיינען געוואָרן גאַנץ היימיש

מיט אים, וועלן שוין אויף שטענדיק בלייבן ביי זיי אין הויז. זיין מאַמע האָט אים אָבער גלייך געלאָזט וויסן, אַז זי וועט קיין געזונטע פייגל ניט לאָזן האַלטן געפאַנגען, ווייל זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן צו זיין פריי און אַרומצופליען וואו זיי געפעלט. זי האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער וואָס האָט טאַקע אמת ליב פייגל קען גאָר ניט האָבן ס'האַרץ זיי צו פאַרשפאַרן אין אַ שטייגל.

דאָס יינגל האָט זיך צוגעהערט צו דער מאַמעס רייד און אין אַ פּאָר טעג אַרום מיט אַ שווער געמיט געעפנט פאַר די פייגל דאָס פענצטער. זיי האָבן זיך אָבער ניט געאיילט אַרויסצופליען אין דרויסן. זיי זיינען אַרויף אויף דעם וואַזאָנע-לייטערל, אַרויסגעקוקט צו דעם בוים און געלאָזט הערן זייערע קולות, וואָס זיינען געווען ווי אַ געמיש פון אַ פריילעך רופן און אַ פּייפן.

דעם יינגלס מאַמע האָט אין אַ גוטמוטיקן טאָן אויף זיי זיך צעשריען, אַז פייגל מיט געזונטע פליגל דאַרפן ניט זיין פאַרשפאַרט צווישן פיר ווענט. זי האָט זיי אויך אַ טרייב געטאָן מיט אַ האַנט און זיי זיינען אַרויס. זיי האָבן פאַרן פענצטער צעשפּרייט זייערע שיינע בלויע פליגל, זיך אויפגעהויבן אין דער הויך און פאַרשוואונדן.

ביידע, די מאַמע און דאָס יינגל, האָבן געמיינט אַז די פרעמדע פייגל זיינען צוריק אַוועקגעפליגן צו דעם אָרט פון וואַנען דער שטורעם האָט זיי פאַרטריבן. אין עטלעכע שעה אַרום האָט אָבער דאָס יינגל זיי דערזען אויף דעם אַלטן בוים, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן זייער הויז מיט שטרויעלעך און פעדערלעך אין זייערע שנאָבלען. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט זיי און ער האָט פאַר זיי אָנגעגרייט עסן און טרינקען אויפן דרויסנדיקן געזימס פון גאָניק-פענצטער, טאָמער וועלן זיי הונגעריק ווערן.

דאָס פּאָרל האָט אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. זיי זיינען צוערשט פאַרשוואונדן צווישן די געדיכטע צווייגן פון בוים. זיי האָבן

דאָרט וואו אָפּגעלייגט די פעדערלעך מיט די שטרויעלעך און זיי זיינען דערנאָך צוגעפלויגן צום פענצטער פון גאַניק, וואו דאָס יינגל האָט אויף זיי געוואַרט. זיי האָבן ווי היימישע טויבן דאָרט אַרומגע־פלאַטערט און ווי דעם יינגל אָנגעזאָגט, אַז זיי באַזעצן זיך אויף דעם בוים. דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען און אַוועק־געפלויגן.

ניט אַנדערש נאָר די פייגל האָבן ניט געוואָלט אַוועק פון דעם הויז און פון דעם יינגל, וואָס האָט מיט געטריישאַפט זיך אָפּגעגעבן מיט זיי, ווען זיי זיינען געווען שוואַך און הילפלאָז. זיי האָבן דע־ריבער אויסגעזוכט אויפן בוים אַן אויסגעהוילטן לאָך און דאָרט זיך אויסגעבעט אַ נעסט. אַזוי ווי זיי האָבן אין זייער פריערדיקער נעסט מסתם שוין געהאַט אויסגעוואַרעמט זייערע פייגל און אַזוי ווי עס זיינען שוין אונטערגעקומען די הייסע זומער־טעג האָט די „זי" ווי אין איילעניש אין דעם פאַרבאָרגענעם לאָך אָפּגעלייגט ניט מער ווי צווי גרינלעך־בלויע אייעלעך און זיי גענומען אויסוואַרעמען.

דאָס יינגל, און אַמאָל אויך זיין מוטער, האָבן פאַר זיי יעדן טאָג אָנגעגרייט גענוג עסן און טרינקען אויף דעם דרויסנדיקן געזימס פון גאַניק־פענצטער און זיי האָבן זעלטן ווען געדאַרפט אַרויספליען זוכן שפּייז. זיי זיינען כסדר געווען אין דער נעסט און אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג אויף עטלעכע מינוט צוגעפלויגן צום הויז.

ווען די צווי יונגע האָבן זיך אויסגעפּיקט איז דאָס אַלטע פּאָרל נאָך אָפטער געקומען צום פענצטער. זיי האָבן מיט אַ פריילעך געצוויטשער געגעסן פון דעם יינגלס הענט און אים ווי דערציילט וואָס פאַר אַ פרעסער די יונגע פייגל זיינען. דאָס יינגל האָט מיט נייגיריקייט געוואַרט צו זען די יונגע פייגל. ער האָט זיך געדרייט אַרום דעם בוים, אַרויפגעקוקט צו די צווייגן, געפּרוּווט טרעפן וואו

די נעסט איז און אין איין-וועגס שוין אויך געטריבן פון דאָרט די הימלאָזע קעץ.

עס זיינען פאַרגאַנגען שיינע עטלעכע וואָכן און דאָס אַלטע פּאָרל האָט ענדלעך אַרויסגענומען די יונגע פייגל פון דער נעסט זיי צו לערנען פליען און דאָס ייִנגל האָט זיי דערזען אויף אַ צווייג. זיי האָבן דעמאָלט שוין געהאַט גאַנץ גרויסע פליגל פון בלויען הימל-קאָליר און זיי האָבן אויסגעזען נאָך שענער פון די אַלטע פייגל. דאָס ייִנגל האָט אַ פאַרגאַפטער אַרויפגעקוקט צו די יונגע פייגל, וואָס האָבן אַלעמאָל, ווי די אַלטע, צעשפּרייט זייערע פליגל און געפלאַטערט פון צווייג צו צווייג.

דאָס ייִנגל האָט געוואַרט, אַז די יונגע זאָלן צוזאַמען מיט די אַלטע פייגל צופליען צום פענצטער. זיין וואַרטן איז אָבער געווען אומזיסט. זיי האָבן טאָג נאָך טאָג געאַרבעט מיט זייערע פליגל און זיך געלערנט פליען אַרום דעם בוים. און איין מאָל אין אַ פרימאָרגן האָבן זיי זיך אויפגעהויבן גאַנץ הויך, זיך געלאָזט פליען אין דער זייט פון דעם האָדסאָן און זיי זיינען שוין מער ניט צוריקגעקומען.

ווען דאָס אַלטע פּאָרל איז געבליבן אַליין האָבן זיי נאָך אָפטער פאַרבאַכט פאַרן פענצטער לעבן דעם ייִנגל צו וועלכן זיי זיינען געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן. זיי האָבן זיך ווי ניט געקענט אַוועקרייסן פון אים און זיך דאָרט געהאַלטן ביזן שפּעטן האַרבסט. ערשט ווען עס זיינען אונטערגעקומען די טריבע קאַלטע טעג און דער דרויסן האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט פראָסט און שניי האָבן זיי פאַרלאָזט זייער נעסט און ווי יעדעס יאָר אַוועקגעפלויגן אויף איבער ווינטער אין די וואַרעמע לענדער.

3

דורכן ווינטער האָט דאָס ייִנגל ניט איין מאָל אַרויפגעקוקט צו דעם נאַקעטן איינגעפרוירענעם בוים, וואו עס האָבן אַרומגעהיפּט קליינע שפּערלעך, און ער האָט מיט בענקשאַפט געטראַכט וועגן זיינע בלויע פייגל. ווי נאָר עס זיינען אָבער צו דער שטאָט דער־גאַנגען די ערשטע ריחות פון פרילינג און די זון האָט זיך צעשיינט איז דאָס פּאָרל צוריקגעקומען.

ס׳ערשטע זיינען די צוויי בלויע פייגל צוגעפלויגן צום פענצטער. זיי האָבן דאָרט אַזוי לאַנג אַרומגעפלאַטערט ביז דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט און דאָס ייִנגל מיט זיין מאַמען האָבן זיך באַוויזן. דאָס ייִנגל האָט מיט פרייד אויפגענומען די געסט און פאַר זיי אַרויס־געטראָגן עסן און טרינקען. די פייגל האָבן מיט זייער געצוויטשער געדעדט און געדעדט, ווי זיי וואָלטן דערציילט וועגן דער וויטער וועלט, און ווען זיי האָבן זיך אָנגעגעסן צו דער זאַט זיינען זיי אַוועק אויפפרישן זייער אַלטע נעסט.

זיי האָבן אין זייער נעסט, ווי אין לעצטן זומער, אויסגעוואַרעמט און אויסגעהאָדעוועט די יונגע פייגל. זיי זייענען טאָג־טעגלעך געקומען צום געזימס פון פענצטער זיך אָנצועסן און ווען דער זומער האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין האָבן די יונגע זיי פאַרלאָזט. דאָס אַלטע פּאָרל פייגל האָט זיך געהאַלטן אויפן בוים און לעבן הויז ביזן שפּעטן האַרבסט און דערנאָך זיינען זיי ווידער אַוועקגעפלויגן זיך איבערצו־ווינטערן אין די וואַרעמע לענדער.

אויפן צווייטן פרילינג האָבן זיי אָבער זיך פאַרשפּעטיקט מיט זייער צוריקקומען. דאָס ייִנגל און אויך זיין מוטער האָבן די אויגן זיך אויסגעקוקט נאָך זיי, אָבער זיי האָבן זיך ניט געוויזן. ערשט ווען עס איז שוין געווען גוט וואַרעם און די צווייגן פון דעם בוים

האָבן אויף זיך שוין געהאַט בלעטער האָט דאָס ייִנגל דערזען דעם „ער“, וואָס האָט אַ שטילער און אַ מוטלאָזער זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דרויסנדיקן געזימס פון פענצטער. באַלד האָט דאָס ייִנגל אויך באַמערקט די „זי“, וואָס איז גאָר געשטאַנען אויפן גאַניק־דעכל פון שכנישן הויז.

ווען דאָס ייִנגל האָט געעפנט דאָס פענצטער און זיין מוטער האָט אים געהאָלפן אַרויסשטעלן עסן פאַר די פייגל האָט די „זי“ זיך ווי דערשראָקן און אָפּגעפלויגן אין אַ זייט. זי איז אָבער באַלד צוריקגעקומען צום גאַניק־דעכל פון שכנישן הויז און מיט אַ בייזלעך קול ווי גערופן דעם „ער“. דאָס ייִנגל האָט באַטראַכט די „זי“ און דערקענט, אַז זי איז גאָר אַ פרעמדע. אויך זיין מוטער האָט צוגע־געבן, אַז זי זעט אויס פיל ייִנגער און מער געפוצטער פון דער „זי“, וואָס זיי האָבן געקענט. אירע פעדערן זיינען געווען פאַרביקער און אירע אויגן זיינען ניט געווען אַזוי פאַרהויכט ווי ביי יענער „זי“, נאָר געגלאַנצט מיט פרישקייט.

דער ערשטער געדאַנק ביי דעם ייִנגלס מוטער איז געווען, אַז אפשר האָט דער „ער“ פאַרלאָזט די „זי“, מיט וועלכער ער איז געווען יאָרן צוזאַמען. דאָס ייִנגל האָט אָבער גענומען באַדויערן דעם „ער“, ווייל ער האָט מער ניט אויסגעזען אַזוי מונטער און ער האָט גערעדט מיט זיין מוטער, אַז ניט אַנדערש נאָר די אַלטע „זי“, וואָס איז צום סוף זומער געוואָרן ווי איינגעשרומפּן, איז זיכער ערגעץ אונטערוועגנס אומגעקומען.

דער „ער“ האָט אַ כאַפּ געטאָן עטלעכע קערנדלעך און באַלד צוריק אַוועק צו דער „זי“. זיי האָבן ביידע אַרומגעקרייזט דאָס הויז, עטלעכע מאָל צוגעפלויגן צום בוים און דאָרט זיך אויך אַראָפּגע־לאָזט צווישן די צווייגן. ער האָט איר מסתּם געוויזן דעם אויסגע־הוילטן לאָך, וואו ער האָט געהאַט זיין נעסט, אָבער איר איז אַפּנים

ניט געפעלן געוואָרן דאָרט זיך צו באַזעצן. זי האָט זיך געלאָזט הערן אויפן קול און גענומען אַוועקפליען. דער „ער" איז איר אָבער באַלד נאָכגעפלויגן און זי צוריקגעבראַכט צום בוים.

די פרעמדע „זי" האָט זיך ניט געוואָלט האַלטן אין שטאָט. זי האָט מורא געהאַט פאַר די מענטשן, וואָס זי האָט געזען אין אַלע זייטן, עס איז איר פרעמד געווען דער אַרומיקער רויש און זי האָט זיך אַפילו געשראָקן צוצופליען מיטן „ער" צום פענצטער, וואו עס האָט אויף זיי געוואַרט עסן און טרינקען. זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען אין דער פרעמדער וועלט און קעגן נאַכט צו איז זי דאָרט שוין ניט געווען.

די „זי" איז אַוועק און דער „ער" איז געבליבן אַן איינזאַמער איינער אַליין. ער האָט זיך געהאַלטן אויפן בוים און צו פאַרטרייבן זיין איינזאַמקייט איז ער אַלעמאָל צוגעפלויגן צום געזימס פון פענצטער. דאָס יינגל איז איצט געווען זיין איינציקער פריינט און ווי נאָר ער האָט אים דערזען פאַרן אָפענעם פענצטער איז ער באַלד געווען לעבן אים און דאָרט אַן אויפגעמונטערטער אַרומגעפלאַטערט.

דער „ער" האָט אַזוי אָפּגעלעבט דעם גאַנצן זומער. ער איז אין זיין איינזאַמקייט פון טאָג צו טאָג געוואָרן עפּעס ווי נאָכגע־לאָזטער און זיינע פעדערן האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער גלאַנץ. ווען עס איז אונטערגעקומען דער האַרבסט און דער בוים האָט פאַרלוירן זיינע בלעטער האָט דער פויגל צווישן די נאַקעטע צווייגן אויסגעזען שטאַרק טרויעריק און פאַרעלטערט. דאָס יינגל האָט מיט אים געהאַט מיטלייד און ער האָט גענומען טראַכטן וועגן אַריינ־נעמען אים אין דעם פאַרמאַכטן גאַניק כאָטש אויף איבערן ווינטער. ער האָט נאָר געוואַרט, אַז זיין מוטער זאָל עפּעס זאָגן וועגן דעם, ווען זי האָט אַרויסגעקוקט צום פויגל אין די רעגנדיקע האַרבסט־טעג און געזען ווי ער ווערט נאַס. די מאַמע האָט אָבער נאָך מכנא

געווען דעם פויגל, וואָס ווען עס קומט דער ווינטער איז ער פריי אַוועקצופליען אין לענדער פון אייביקן זומער און וועגן אַריינגעמען אים אין הויז האָט זי גאָרניט ניט דערמאָנט.

דער בלויער פויגל איז געבליבן אויפן בוים ביזן שפּעטן האַרבסט. ווען עס האָט אָבער אַ נעם געטאָן דאָס ערשטע פרעסטל האָט ער איין מאָל אין אַ פאַרטאָג זיך צוגעלאָנטשעט צו אַ טשאַטע פייגל, וואָס זיינען פאַרבייגעפלויגן, און ער איז מיט זיי אַוועק אין די וואַרעמע לענדער.

נאָכן ווינטער, ווען די פרילינג-זון האָט אַ וואַרעם געטאָן, האָט דאָס יינגל געעפנט דאָס פענצטער פון גאַניק און אָנגעגרייט עסן פאַרן פויגל. דאָס יינגל און אויך זיין מאַמע האָבן דערנאָך טאָג נאָך טאָג געוואַרט פאַרן פענצטער און אַלעמאָל אַריבערגעקוקט צום צעצווייגטן בוים. דער בלויער פויגל איז אָבער שוין קיינמאָל ניט צוריקגעקומען.



די היטער פון קלויז

1

די ערשטע צו דערזען די זעקס באַטשאַנעס, וואָס האָבן זיך אין אַ פרילינגדיקן פאַרנאַכט באַוויזן אין טאָל, זיינען געווען צוויי קליינע פּאַסטוכער, וועלכע האָבן דאָרט געהיט זייערע שאָף. די זון האָט זיך שוין געהאַט געזעצט און אין דרויסן איז שוין געווען קיל, ווען די פרעמדע פייגל זיינען געקומען צו פליען ערגעץ פון יענער זייט באַרג. די פּאַסטעכער האָבן צו זיי אַרויפגעקוקט, זיי איבערגעציילט און צוערשט געמיינט, אַז דאָס זיינען ווילדע גענדז. ווען די דריי פּאָר שוואַרץ-ווייסע גרויסע פייגל האָבן זיך אָבער אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך און די פּאַסטעכער האָבן דערזען זייערע רויטע, דינינקע פיס און זייערע לאַנגע העלדזער, האָבן זיי געוואוסט, אַז דאָס זיינען באַטשאַנעס, וואָס זיינען געקומען פון די וואַרעמע לענדער.

די פּאַסטעכער האָבן מיט נייגעריקייט באַטראַכט די בוזשיקעס, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בערגל, ניט ווייט פון אַן אָזערע. מען האָט אין טאָל און אין דאָרף שוין עטלעכע יאָר ניט געהאַט געזען די באַטשאַנעס. חוץ דעם זיינען זיי יענעם פרילינג אויך געווען פון די ערשטע פייגל צוריקצוקומען פון די ווייטע לענדער, וואו זיי האָבן זיך איבערגעווינטערט און דאָס איז געווען ווי אַן אָנזאָג אויף וואַרעמע טעג.

די שטומע פייגל, וואָס קענען ניט אַרויסברענגען פון זיך קיין שום קלאַנג, האָבן גענומען קלעקאָטען מיט זייערע לאַנגע און שטאַר־קע שנאָבלען און ווי אויף שטום־לשון צווישן זיך אָפּגערעדט צו פאַרבלייבן אויף איבערן זומער אין יענעם געגנט. דערנאָך האָבן זיי אויסגעשפּרייט זייערע מעכטיקע פליגל, זיך ווידער אויפגעהויבן אין דער הויך. זיי האָבן אַרומגעקרייזט דעם טאָל, זיך ווידער אַראָפּ־געלאָזט צו דער ערד און ווי אויף הויכע שטאָלצן אַוועקגעשפּאַנט צו די זומפּן זוכן זשאַבעס און שלענגלעך.

איינער פון די באָטשאַנעס האָט זיך באַלד אומגעקערט צום בערגל און זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס. ער האָט זיין לאַנגן דינעם האַלדז אָנגעשפּאַנט ווי אַ בויגן, האַלב פאַררוקט זיין שנאָבל צווישן די לאַנגע ווייסע פעדערן פון זיין ברוסט און זיך קיין ריר ניט געטאָן.

די פאַסטעכער האָבן נאָכגעקוקט די באָטשאַנעס און אין דער שטיל צווישן זיך גערעדט, אַז וואו זיי קומען ברענגען זיי מיט זיך מזל, קוים פאַרטשעפּעט מען זיי אָבער קענען זיי אָנאַרבעטן אַ גרויסע שריפה.

— אויב די בוזשיקעס וועלן בלייבן דאָ איבערן זומער, וועט זיין אַ גערעטעניש אויף די פעלדער. און דורך זיי קען מען אויך געפינען אַן אוצר.

— מען טאָר זיי אָבער ניט צערייצן, ווייל ווען זיי ווערן בייז וואַרפן זיי פייער אויף די דעכער. זיי קענען טראָגן פריסעק אין זייערע מיילער. דערפאַר האָבן זיי אַלע צוגעברענטע צונגען און זיי זיינען שטום — האָבן די פאַסטעכער זיך ווי געסודעט (געסוידעט).

די זעקס באָטשאַנעס האָבן אַלע צוזאַמען איבערגענעכטיקט אין טאָל. ווען עס האָט גענומען זאַריען אויף טאָג, האָבן זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבן אין די זומפּן זיך אָנגעגעסן צו זאַט, זיך צעטיילט און זיינען פאַרלעכווייז אַוועק בויען זייערע נעסטן. געוויינלעך זוכן



פייגל די פאַרבאָרגנסטע ערטער פאַר זייערע נעסטן. אַנדערש זיינען אָבער די בושלען. זיי באַהאַלטן זיך ניט פאַר קיינעם און זיי שטעלן אויף זייערע נעסטן אויף ערטער וואו יעדער איינער קען זיי זען.

צוויי פון די באַטשאַנעס זיינען אוועקגעפלויגן צום נאָענטן וועלדל און זיך דאָרט באַזעצט אויף אַ בוים לעבן וואַלד־היטערס שטיבל. צוויי האָבן געבויט זייער נעסט אויפן קוימען פון אַן אַלטער פאַרלאָזטער ברויעריי, וואָס איז געשטאַנען אין פעלד, און צוויי האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין דאָרף אריין.

2

ווען די דאָרפסלייט האָבן זיך דערוואוסט, אַז דריי פּאָרלעך באַטשאַנעס זיינען געקומען צו פליען און אַז זיי נעכטיקן אין טאָל, האָבן זיי פון פאַרטאָג אָן די אויגן זיך אויסגעקוקט נאָך זיי. זיי האָבן געהאָפט, אַז די בושל־פייגל, וואָס ברענגען מיט זיך מזל און ברכה, וועלן אַלע זעקס זיך באַזעצן פאַרן זומער אין דאָרף און יעדער איינער פון די דאָרפסלייט האָט כאָטש איין פּאָרל געוואָלט האָבן ביי זיך אויפן הויף.

דער דיאַק פון דעם דאָרפישן קלויסטער, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק געהאַט אויפן דאַך פון זיין סטאָדאָלע אַ פּאָרל באַטשאַנעס, איז ביי זיך געווען זיכער, אַז די דריי פּאָרלעך וועלן זיין הויף ניט אויסלאָזן. ער האָט אַפילו יענעם פאַרטאָג אַרויפגעטראָגן אויף דעם דאַך פון זיין סטאָדאָלע אַן אַלטע טאַטשקע, זי אָנגעפילט מיט היי, מיט ריטלעך און אַזוי אַרום געוואָלט צוציען די בושלען, אַז זיי זאָלן קומען דאָרט מאַכן זייער נעסט.

די צוויי באַטשאַנעס זיינען גאָר פרי מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער אַריינגעפלויגן אין דאָרף. לעבן דיאַק׳ס הויף האָבן זיי אַ דריי געטאָן די קעפּ צו דער סטאָדאָלע, וואו עס האָט אויף זיי

געוואָרט כמעט אַ האַלב־פּאַרטיקע נעסט, אָבער זיי האָבן זיך דאָרט ניט אָפּגעשטעלט. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן שוין פון פריער געוואוסט וואוהין זיי פליען און זיי האָבן זיך גלייך אַוועק־געלאָזט צום שטרויענעם דאַך פון דער קליינער דאָרפישער קלויז. דאָרפסלייט האָבן זיי נאָכגעקוקט. זיי האָבן געמיינט, אַז די פרעמדע פייגל וועלן זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן אויף דער קלויז און אַז זיי וועלן וואו אויף אַן אַנדערן דאַך בויען זייער נעסט. די בושלען זיינען אָבער שוין פון דאָרט ניט אָפּגעטראָטן.

די דאָרפישע קלויז איז געווען אַ נייע. אירע דרויסנדיקע ווענט זיינען נאָך ניט געווען אָפּגעווייסט און מען האָט נאָך ניט געהאַט אַריינגעשטעלט די שויבן אין די פענצטער. די געציילטע יידן פון דאָרף האָבן יאָרן־לאַנג אין די שבתים און יום־טובים געדאַוונט ביים שענקער אין הויז. אַזוי ווי די יידן האָבן זיך אָבער דאָרט אָנגעהויבן מערן, האָבן זיי אַלע צוזאַמען אויפגעבויט די קלויז. זיי האָבן זי געבויט אַזוי, אַז זי זאָל זיך ניט צו שטאַרק אָנזען און אַז זי זאָל ניט זיין צו־גרויס אין די אויגן פון זייערע גויאישע שכנים. ווי קליין די קלויז איז אָבער ניט געווען, האָבן די צוויי בושלען, צווישן אַזוי פיל געביידעס פון דאָרף, זי באַלד דערזען און זיך באַזעצט אויף איר דאַך.

פאַר די דאָרפישע יידן איז דאָס באַזעצן זיך פון די באַטשאַנעס אויף דעם דאַך פון דער קלויז ניט געווען קיין קליינער זאַך. ביי אייניקע פון זיי איז עס געווען פאַררעכנט עפּעס נאָר ווי אַ גאָט־זאַך. זיי האָבן ביז דעמאָלט זיך ניט געאײַלט אַריינצושטעלן די שויבן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז עס וועט זיין שווער צו דערהיטן די קלויז פון די שקצים, אַז זיי זאָלן ניט צילן קיין שטיינער אין די פענצטער. און דאָ זיינען מיטאַמאָל געקומען צו דער קלויז אַזעלכע צוויי גוטע היטער.

ווען דער טאָג האָט זיך אַ ביסל אָנגעוואָרעמט, האָבן די צוויי

גרויסע פייגל געבומע אויפשטעלן זייער נעסט. זיי האָבן אין זייערע שנאָבלען אָנגעטראָגן שטעקעלעך, ריטלעך, טראַשטשעס, שטרוי און היי, קלאַטשע און וואָל און וואָס עס איז זיי נאָר אונטערגעקומען. זיי האָבן אין זייער אַרבעט ניט אַרויסגעוויזן קיין סך געשיקטקייט און זיי האָבן אויפגעבויט אַ גרויסע אומגעלומפּערטע נעסט אויפן רוקן פון דאַך. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַרויפגעקוקט צו דער גרויסער נעסט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קיילעכדיקער צעפּאַרענער קויש.

— זעט נאָר אַזאַ גרויסע נעסט אויף אַזאַ קליינעם דאַך! איך האָב דאָך געמיינט, אַז זיי פליען גלייך צו מיין סטאָדאָלע. וואָס וואָלט זיי ביי מיר געפעלט? זיי וואָלטן דאָך אַפילו קיין עסן ניט געוווען באַדאַרפט גיין זוכן — האָט דער דיאַק, וואָס איז אויך צוגעקומען לעבן דער קלויז, זיך געלאָזט הערן.

— נאַרישע בוזשיקעס, זיי האָבן שוין ניט געקענט געפינען קיין בעסער פּלאַץ? עס פעלן דאָ אוים געביידעס? צו אַלצדינג דאַרף מען אָבער האָבן מזל.

— זעט נאָר די נעסט! זי זעט טאַקע אוים ווי אַ יידישע. אַ גוטער ווינט קען זי אַראָפּטראָגן פון דאַך — האָט פון אַ פּאָר אַנדערע גויאישע דאָרפסלייט אַרויסגערעדט די קנאה. עס איז געוווען גרוים זייער פאַרדראָס פאַרוואָס די בוזשיקעס האָבן זיך ניט באַזעצט ביי זיי, אָבער זיי האָבן זיך געהיט ניט צו ריידן קיין שלעכטס אויף זיי.

— וואָס האָט איר צו זיי? זעט איר דען ניט, אַז זיי זיינען געקומען היטן אונדזער נייע קלויז, אַז אייערע קינדער זאָלן ניט וואַרפן קיין שטיינער אין די פענצטער. זיי וועלן זיין מזלדיק פאַרן גאַנצן דאָרף — האָט אַ דאָרפס־ייד אויסגערעדט זיינע גויאישע שכנים און זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן זיך ניט אָפּעסן ס׳האַרץ.

די באַטשאַנעס זיינען טאַקע געוואָרן די באַשיצער פון דער קלויז.

מען האָט אָפּגעוויישט אירע דרויסנדיקע ווענט, מען האָט אַריינגע־שטעלט שויבן אין די פענצטער און די יידן האָבן דאָרט אומגע־שטערט געדאַוונט יעדן שבת. די צוויי בושלען זיינען גאַנץ אָפּט ווי היטער געשטאַנען אויפן דאַך. אַמאָל האָבן זיי מיט אַ קלעקאָטען ווי מיטגעדאַוונט און אַמאָל איז איינער פון זיי ווי געשטאַנען אויף דער וואַך, אויף איין פוס, אַן אומבאַוועגלעכער, אַ שווייגנדיקער.

ווען שקצימלעך זיינען אין אַ שבת אין דער פרי פאַרבייגעגאַנגען די דאָרפישע קלויז, האָט זיי אָנגענומען אַ חשק זיך נאָכצוקרימען די יידן, ווי זיי פלעגן עס טאָן ווען מען האָט געדאַוונט ביים שענקער אין הויז, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די באָטשאַנעס. עס האָט ניט איינעם פון די שקצים געביסן די האַנט אַ ציל צו טאָן אַ שטיינדל צו די פענצטער פון דער קלויז, אָבער זיי האָבן געוואוסט, אַז מען טאָר ניט דערצערענען די צוויי היטער, וואָס קענען נאָך אַוועקלאָזן ס׳דאָרף מיטן פייער.

3

דורכן גאַנצן זומער זיינען די צוויי בושלען מיט קיין איינעם פון די דאָרפסלייט ניט געוואָרן היימיש. זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט זיך און זיך געהאַלטן פון דערווייטנס פון מענטשן. די „זי״ האָט אין דער נעסט אָפּגעלייגט צוויי גרויסע גרינלעך־בלויע אייער, פון זיי אויסגעוואָרעמט צוויי קליינע באָטשאַנעס און ביידע האָבן מיט געטריישאַפט זיי אויסגעהאָדעוועט. דאָס אַלטע פאָרל איז אָדער געזעסן אין דער נעסט, אָדער געשטאַנען אויפן דאַך, די לאַנגע העלדזער איינגעבויגן אין אַ האַלבן ראָד און די שנאָבלען עטוואָס פאַררוקט אין זייערע בוזעמס. זיי זיינען אויך יעדן טאָג אַרומ־געפלויגן אין טאָל און אין פעלד זוכן שפּייז.

זיי האָבן אין טאָל גאַנץ אָפּט זיך צונויפגעטראָפן מיט די אַנ־

דערע צוויי פאַרלעך באַטשאַנעס, מיט וועלכע זיי זיינען געקומען צו פליען פון די וואַרעמע לענדער. פון צייט צו צייט זיינען אויך די צוויי פאַרלעך, וואָס האָבן געהאַט זייערע נעסטן נישט ווייט פון דאָרף, געקומען צו זיי צוגאַסט און זיי האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אויפן דאַך פון דער קלויז. ווען עס האָט זיך געמאַכט, אַז די בושלען זיינען געקומען צו דער קלויז אין אַ שבת אין דער פרי, זיינען זיי אויך ביי די דאַוונער געווען גאַר אַנגעלייגטע געסט.

— איר זעט כאַטש ווי עס ציט זיי אַלע צו אונדזער קלויז? זאָלן נאָר די יונגע בוזשיקעס אונטערוואַקסן, וועלן זיי דאָ קענען האָבן זייער אייגענעם מנין — האָבן די יידן זיך געוויצלט. זיי האָבן אויך געשפּאַסט מיט די גויאישע שכנים און זיי געזאָגט, אַז די פרעמדע צוויי פאַרלעך קומען העלפן היטן די קלויז.

דער דיאַק, וואָס האָט נישט אַרונטערגענומען די אַלטע טאַטשקע פון דאַך פון זיין סטאָדאָלע, האָט געהאַט גרויס פאַרדרוס ווען ער האָט געזען די זעקס באַטשאַנעס אויסגעשטעלט אויף דער קלויז. ער האָט זיי נישט געקענט פאַרגעבן פאַרוואָס זיי האָבן פאַרשעמט זיין הויף. אָנהייב זומער האָט ער אַ צייט אַלץ געהאָפט, אַז אַ ווינט וועט נאָך אַראָפּטראָגן די צעפּאַרענע נעסט פון דער קלויז און דעמאָלט וועלן די באַטשאַנעס קומען זיך באַזעצן אויף זיין סטאָדאָלע. זיין האָפן איז אָבער געווען אומזיסט.

דער זומער איז געווען אַ מילדער און די ווינטן האָבן די נעסט נישט גערירט. די רעגנס זיינען געפאַלן אין צייט און דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער און אויף די גערטנער איז געווען גרויס. די דאָרפסלייט זיינען געווען איינגעגלויבט, אַז דאָס האָבן די באַטשאַנעס זיי געבראַכט די שפע און זיי האָבן געשאַנעוועט די קלויז און די נעסט.

וואָכן און חדשים זיינען פאַרגאַנגען. די באַטשאַנעס האָבן פון דאַך פון דער קלויז רואיק צוגעזען ווי דער זומער פאַרגייט, ווי די

דאָרפסלייט נעמען אַראָפּ דאָס גערעטעניש פון די פעלדער און גערטנער און ווי די ביימער פאַרלירן די בלעטער.

אין האַרבסט, ווען די טעג זיינען געוואָרן טריבער און די נעכט קילער האָט אַן אומרו אַרומגענומען די בושלען. זיי האָבן גאַנץ אָפט געלאָזט הערן זייער קלאַפּן מיט די שנאָבלען און זיי האָבן אין די אין־דער־פריען זיך אַוועקגעלאָזט אויף די פעלדער, וואָס האָבן ווי געאָטעמט מיט פּאַרע. זיי זיינען דאָרט נאָכגעגאַנגען דעם אַקער, אויפגעקליבן אויפגעאַקערטע יונגע מייזלעך און מיט זייערע אויגן ווי געמאָסטן די ווייטקייט צו דער וועלבונג פון הימל.

זיי האָבן אויך אָפטער זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מיט די אַנ־דערע באָטשאַנעס אין טאָל. און איינמאָל, אין אַ פּאַרטאָג, ווען אַ ווייסער פראָסט האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, אויף די נאַקעטע ביימער און אויף די דעכער, האָבן זיי צוזאַמען מיט זייערע יונגע פאַרלאָזט דאָס דאָרף. זיי זיינען אַרויסגעפלויגן צום טאָל און פון דאָרט אין אַ טשאַטע זיך אַוועקגעלאָזט אין די וואַרעמע לענ־דער.

די נעסט אויפן דאַך פון דער קלויז איז געבליבן אַ פּוסטע. עס זיינען אונטערגעקומען רויע ווינטן, וואָס האָבן די נעסט שטאַרק צעשויבערט און אויסגעבויגן, אָבער זיי האָבן זי ניט צעוואָרפן. דערנאָך זיינען צוגעפאַלן שנייען, וואָס האָבן ווי צוגעפּלעטשט די נעסט און זי איז געבליבן אויפן דאַך אַ גאַנצן ווינטער. די דאָרפס־לייט האָבן זי ווי געהיט און געהאָפט, אַז אין פרילינג וועלן די באָטשאַנעס צו איר צוריקקומען.

אין די ערשטע טעג פון פרילינג, ווען די שנייען האָבן זיך שוין געהאַט צעלאָזט, האָט אָבער איינמאָל אין אַ מיטן נאַכט אַ שטאַרקער שטורם־ווינט, וואָס איז געקומען נאָך אַ שלאַקסרעגן, כמעט די גאַנצע נעסט אַראָפּגעריסן פון דאַך. עס איז פון איר געבליבן בלויז דער דנאָ. עטלעכע דאָרפישע אידן זיינען פאַרטאָג אַרויס צו דער

קלויז און אויפגערודערטע באַטראַכט די צעוואָרפענע נעסט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. עס איז פאַר זיי געווען ווי די קלויז אליין וואָלט באַשעדיקט געוואָרן. צוליב דער נעסט האָט דאָך אַפילו ווינטער קיינער ניט געוואַגט צו טשעפען די קלויז.

אויך די גויאישע דאָרפסלייט, וואָס האָבן געוואוסט אַז די בושלען זאָלן ווידער צו זיי ברענגען אַזאַ שפע ווי פאַראַיאָרן, זיינען געווען פאַרזאָרגט. זיי האָבן געמיינט, אַז אויב דאָס פּאָרל וועט צוריק־קומען און דערזען, אַז זייער נעסט איז ניטאָ, וועלן זיי גלייך אַוועק־פליען אין אַן אַנדער דאָרף אַריין; נאָר דער דיאַק, וואָס האָט שטאַרק געוואָלט האָבן די באַטשאַנעס ביי זיך אויפן הויף, איז ווידער באַלעבאַטעוודיק מיט דער האָפענונג, אַז אויב זיי וועלן צוריקקומען, וועלן זיי דאָס מאָל שוין פאַרפליען צו אים. ער האָט זיך אויך גע־גרייט אויף זיי, און אין אַ פאַרטאָג, קיינער זאָל ניט זען, אַרויפגע־טראָגן אויפן דאַך פון דער סטאָדאָלע טרוקן היי און ריטלעך און אין דעם קאַסטן פון דער אַלטער טאַטשקע האָלב אויסגעלייגט די נעסט.

דאָס פּאָרל איז מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער אַריינגעפלויגן אין דאָרף. זיי האָבן ווי אין לעצטן פרילינג געכאַפּט אַ בליק אויף דעם דיאַקס סטאָדאָלע און גלייך זיך אַוועקגעלאָזט צום דאַך פון דער קלויז. ווען זיי האָבן דערזען וואָס עס איז געוואָרן פון זייער נעסט האָבן זיי ביידע גענומען שטאַרק קלעקאָטען מיט זייערע שנאָבלען. זיי האָבן זיך ווי דורכגערעדט און געוואַרט, אַז דער טאָג זאָל זיך אַביסל אַנווארעמען. דערנאָך האָבן זיי אויף דעם איבערגעבליבענעם דנאָ ווידער גענומען אויסלייגן אַן אומגעלומפּערטע גרויסע נעסט און דאָרט ווידער אַ גאַנצן זומער געהיט די דאָרפישע קלויז.

אַ מאַמע

1

עס איז שוין געווען גוט פינצטער ווען אַ פרעמדע קאַץ איז פון ערגעץ אָנגעקומען מיט די גערטנער און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן הויף. זי האָט מיט פאַרזיכטיקייט זיך געשאַרט אַרום די געביידעס און מיט אירע ווייכע קישעלעך פון אירע לאַפּקעס קוים באַרירט די ערד. די צווייג, וואָס איז געלעגן לעבן איר בודע, האָט זי אָבער דער־הערט און זיך צעבילט אויפן קול.

דאָס בילן האָט אַרויסגערופן די באַלעבאָסטע פון שטוב. זי איז אַרויס אין פינצטערן דרויסן און געבליבן שטיין לעבן דער שטוב ווי אַ געשלאָגענע פון בלינדזעניש. פון דעם אַרומיקן חשכות האָבן אָבער, ווי לעבעדיקע קוילן אַרויסגעגליט צוויי קעצישע אויגן. די באַלעבאָסטע האָט אין דער רגע געוואוסט, אַז אויפן הויף האָט זיך זאַיאַווועט אַ פרעמדע קאַץ און זי האָט פון איר שוין געוואָלט פטור ווערן. זי האָט גענומען הוקען און שרייען און זי האָט אין דער ריכטונג, וואו עס האָבן זיך געצונדן די צוויי אויגן, געוואָרפן אַ פּאָר שטיינדלעך.

די פרעמדע קאַץ, וואָס איז, חוץ איר לענגלעכן ווייסן פּאַס אונטערן בויך, געווען שוואַרץ, האָט זיך ווי צונויפגעגאָסן מיט דער געדיכטער פינצטערניש פון דער זומערדיקער נאַכט. דאָס בילן פון הונט און דאָס הוקען פון דער באַלעבאָסטע האָט זי ווייניק וואָס

אָפּגעשראָקן. זי איז, ווייזט אויס, געווען שוין צוגעוואוינט, אַז מען זאָל זי טרייבן. און אַזוי ווי דער הויף איז איר באַלד געפעלן געוואָרן האָט זי פון דאָרט ניט געוואָלט אָפּטרעטן. די קאַץ איז געווען אין די ערשטע וואָכן פון טראָגן און זי האָט באַצייטנס געוואָלט געפינען אַן אָרט, וואו זי זאָל קענען האָבן אירע קעצלעך.

זי איז ניט געווען פון יענע היימלאָזע קעץ, וואָס קומען אויס־געהונגערטע און אונטערטעניקע צו פרעמדע הייזער און זוכן מיט קעצישן געוויין אַרויסצורופן צו זיך רחמנות. עס איז געווען עפּעס אַ שטאָלץ אַרום דער קאַץ און זי האָט ניט געמיאוקעט און ניט גע־בעטלט. זי האָט זיך שוין איר עסן אַליין געפונען און זי האָט ניט אויסגעזען צו זיין הונגעריק. איר שוואַרץ פעלכל מיטן ווייסן פּאַס אונטערן בויך האָט געגלאַנצט ווי סאַמעט און זי האָט שוין צוליב איר צעוואַקסענעם האַריקן עק אַליין אויסגעזען אַנדערש פון אַ גע־וויינלעכער קאַץ. מיט איר פוכנאַטן עק און מיט איר גאַנצן אויסזען האָט זי דערמאָנט אַן עפּעס אַ ווילד באַשעפעניש, וואָס איז ניט אָנגעוויזן אויף מענטשלעכער גאָב.

שוין די ערשטע נאַכט איז זי דאָרט אויפן הויף אַרויף אויף אַ בוים זוכן איר רויב און זי האָט באַלד דערשנאַפּט אַ פּאָר פייגל, וועלכע האָבן נאָך ניט געקענט גוט פליען. זי האָט אויך אַרום דעם שפייכלער געכאַפּט אַ מויז און דערנאָך זיך געפונען אַ געלעגער אויפן שטאָל־בוידעם, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט היי.

אין דער פרי, ווען די זון האָט זיך צעשיינט, האָט די פרעמדע קאַץ זיך באַוויזן אויפן דאַך פון הויז. זי האָט דאָרט מיט די פאָדער־שטע לאַפּקעס געוואַשן איר פּנים, געלעקט און געפּוצט דאָס פעלכל און זיך אויסגעצויגן אַנטקעגן דער זון.

די צויג פון הויף, וואָס איז ווי זי געווען טראַגעדיק, האָט זי דערזען אויפן דאַך און אויף איר ווידער גענומען האַווקען. אויך די באַלעבאָסטע האָט צו איר אַרויפגעשריען, אַז זי זאָל זיך פאַרנעמען

פון הויף. די קאַץ, וואָס וואָלט מסתם אין אַן אַנדערער צייט ניט געווען געזוכט זיך דאָרט איינצובעטן, האָט אַפּנים גוט געדענקט, אַז זי מוז האָבן אַן אָרט וואו זיך צו באַזעצן, ווייל זי וועט דאַרפן ווערן אַ מאַמע פון קינדער און זי האָט זיך ניט געלאָזט פאַרטרייבן.

2

שפּעטער אויפן טאָג האָט די קאַץ אַפילו געוואַגט אַריינצוגיין אין שטוב. די ערשטע זי דאָרט צו באַגעגענען מיט בייזקייט איז געווען די אַלטע געלע קאַץ, וואָס איז שוין געווען אַ סך יאָרן אויפן באַלע־באַטישקייט. די אַלטע שווער־לייביקע קאַץ, וואָס האָט זיך קוים באַוועגט, איז אויף איר שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן און מיט אַ מין וואָרטשען איר ווי געלאָזט וויסן, אַז זי וויל זי ניט האָבן לעבן זיך. די פרעמדע קאַץ האָט אַ שאָקל געטאָן מיט די אויערן, ווי מיט ביטול זי אָנגעקוקט און צוריק אַרויס אין דרויסן.

אַזוי ווי די צויג האָט אויף איר ניט אויפגעהערט בילן און אַזוי ווי זי האָט פון שטענדיק אַן געהאַט אַ האַרץ אויף הינט, האָט זי שוין דעם ערשטן טאָג איר געגעבן צו פילן אירע נעגל. די קאַץ האָט זיך געלאָזט צום גאָרטן און דער הונט איז מיט אַ האַווקען איר נאָכגעלאָפן. זי האָט דעם הונט ווי אַרויסגענאַרט ביז צום גאָרטן און דאָרטן אים געוויזן, אַז זי האָט פאַר אים ניט קיין מורא.

ווען דער הונט איז שוין געווען לעבן איר האָט זי זיך איינגעגע־האָרבעט און אָנגעשפּאַנט איר רוקן ווי אַ בויגן. אירע פּיס זיינען געוואָרן לאַנג און פאַרשטייפט און זי האָט אויסגעזען אפשר צוויי מאָל אַזוי הויך ווי זי איז געווען. זי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם הונט, וואָס איז געווען שוואַרץ און קוטשעראַווע, און מיט אַ מין שפּייען אים געוואָרנט, אַז כאָטש ער איז אפשר צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זי, וועט ער מיאוס אָפּשניידן. דאָס וואָרענען האָט אָבער

ניט געלאָפן און דער הונט האָט אַ צערייצטער זי נאָר געוואָלט צערייסן. דעמאָלט האָט די קאַץ ווי אַ קנייטש געטאָן איר נעזל, באַוויזן אירע שאַרפע נעגל און מיט זיי אים גלייך אַריינגעפאָרן אין די אויגן. די צויג האָט זיך שטאַרק צעיאָמערט און אַוועק מיט עטלעכע וואונדן. נאָך דעם זיג איז די קאַץ אַוועק צו אַ שכנישן הויף, געכאַפּט אַ יונגן קראָליק, אים אַוועקגעטראָגן אין גאָרטן און דאָרטן אים אויפגעגעסן.

מען האָט די קאַץ ניט געוואָלט האָבן אויפן הויף, אָבער איר איז גראָד געפעלן געוואָרן דאָרט צו האָבן אירע קעצלעך. זי האָט דער־פאַר אַלץ אַריבערגעטראָגן און געדולדיק געוואַרט אויף דער צייט ווען מען וועט זי לאָזן צורו. ווען זי איז געקומען אין שטוב אַריין און די אַלטע קאַץ האָט אויף איר געוואָרטשעט און די באַלעבאָסטע האָט אויף איר געשריען, האָט זי אַ שטאָלצע זיי אָנגעקוקט און ווי שטומערהייט זיי געוואָלט לאָזן וויסן, פאַרוואָס זי וויל דאָרט פאַר־בלייבן. דאָס טראָגן אָבער האָט זיך אויף איר נאָך ניט אָנגעזען און די באַלעבאָסטע האָט זי געהאַלטן אין איין טרייבן. מיט דער אַלטער קאַץ האָט זי אָבער יאָ אין גיכן געמאַכט שלום און זי האָט אַפילו פון צייט צו צייט אויך עפּעס געגעסן פון איר טעלער.

עם זיינען פאַרגאַנגען עטלעכע טעג און דער פרעמדער קאַץ האָט זיך אַפּנים אָנגעהויבן אויסוויזן, אַז אַ חוץ דער צויג, מיט וועלכער זי האָט געהאַלטן אין איין פירן ביטערע מלחמות, אַרט שוין ניט קיינעם, וואָס זי דרייט זיך אַרום אויפן הויף. זי האָט אין שטוב זיך שוין געפילט אויף אַזוי וויט היימיש, אַז זי האָט אין מיטן העלן טאָג מיט דער אַלטער קאַץ זיך אַוועקגעלייגט ביים פענצטער זיך וואַרעמען אויף דער זון.

מיטאַמאָל איז אָבער מיט איר געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זי שטאַרק אויפגערודערט. ווען זי איז זיך איינמאָל אַזוי געשלאָפן ביים פענצטער, האָט עמיצער זי אַ כאַפּ געטאָן, זי אַריינגעלייגט

אין אַ לעבערדיקן זאַק און זי אַרויסגעטראָגן צו אַ וואָגן, וואָס האָט זי אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער דאָרף אַריין. איבער אַ שעה צייט איז זי אַזוי געפאָרן אין דעם וואָגן און דערנאָך האָט מען זי אַרויסגעלאָזט פון זאַק אויף אַ פרייען פלאַץ לעבן אַ מיל.

פון דער אומגעריכטער ווייטער רייזע אין זאַק איז די קאַץ געווען שטאַרק צעמישט, אָבער זי איז באַלד צו זיך געקומען. זי האָט אָפּגעטרייסלט איר פעלכל, זיך אַרומגעקוקט וואו זי איז אין דער וועלט און באַלד מיט אַ געקירצטן וועג, מיט פעלדער און גערט־נער זיך אַוועקגעלאָזט צוריק צו יענעם דאָרף און צו דעם הויף פון וואַנען מען האָט זי אַוועקגעפירט. די באַלעבאָסטע האָט גע־מיינט, אַז זי איז שוין פטור געוואָרן פון דער קאַץ. ווען זי איז אָבער נאָך וואַרעמעס אַרויסגעגאַנגען צו דער שטאַל, האָט זי געזען ווי די קאַץ זיצט זיך דאָרטן אַ רואיקע און כאַפּט פליגן מיטן מויל.

די באַלעבאָסטע האָט אויך דערנאָך זי געטריבן פון שטוב אין ווי פלינק די קאַץ איז ניט געווען, האָט זי ניט איינמאָל געכאַפּט אַ קלאַפּ מיטן בעזים אָדער מיט אַ האַנטוך. אויך די אַרומיקע שכנים זיינען אויף איר געווען בייז און ניט איינמאָל איר נאָכגעוואָרפן שטיינער ווען זי איז געקראָכן צו זייערע קראָליקעס אָדער צו די טויבן. זי איז אויך פון די מלחמות, וואָס זי האָט כסדר געפירט מיט דער צויג, ניט איינמאָל אַרויס אַ צעביסענע. די קאַץ האָט דאָס אַלץ אַריבערגעטראָגן און באַצייטנס זיך צוגעגרייט אַ פאַרבאָרגן ווינקל אויפן שטאַל־בוידעם אויף צו האָבן די קעצלעך.

3

ערשט ווען די קאַץ איז שוין געווען שווער געלאָדן איז איר דאָליע געוואָרן אַ בעסערע. זי אַליין איז אין די לעצטע פּאָר וואָכן פון איר טראָגן געוואָרן אַ סך געזעצטער. זי איז מער ניט אַרומ־

געפלויגן ווי אַ רויב־חיה אויף די שכנישע הויפן און גערטנער און די שכנים האָבן איר מער ניט נאָכגעשריען „ווילדער רוח". זיי האָבן זיך אויף איר מער ניט געבייזערט, נאָר מיט מיטגעפיל איר נאָכגעקוקט.

די באַלעבאָסטע, וואָס איז אַליין געווען אַ מאַמע פון קינדער, האָט זי אויך אָנגעהויבן גאָר אַנדערש באַהאַנדלען. זי האָט ווי פאַרגעסן, אַז אָט ערשט האָט זי אויף איר געשריען, אַז זי זאָל זיך פּאַרנעמען פון הויף. זי האָט די קאַץ אין די לעצטע טעג פון איר טראָגן גענומען רופן „מאַמעלע" און איר אַלעמאָל געגעבן עסן. זי האָט זי אויך פאַרהיט פון דער בייזער צויג, וואָס האָט אַלץ זיך צו איר געריסן.

די קאַץ האָט, ווייזט אויס, נאָך ניט געהאַט פאַרגעסן ווי מען האָט זי פריער באַהאַנדלט, און כאָטש די באַלעבאָסטע איז געווען אַזוי גוט צו איר, האָט זי זיך אָבער ניט געטרויט צו גיין צו־קינד אין שטוב. און ווען עס איז געקומען די צייט פון איר האָבן, האָט זי זיך אײַנגעאַנצן ניט געוויזן אין הויז. זי האָט זיך פאַרקליבן אויפן שטאַל־בוידעם און דאָרט אין איר באַהאַלטן ווינקל געבוירן פיר שוואַרץ־ווייסע קעצלעך.

נאָכן איבערקומען האָט זי גאָרניט געוואָלט אָפּטרעטן פון די קליינינקע בלינדע באַשעפענישן. זי האָט די הילפלאָזע קעצלעך געוואַרעמט מיט איר לייב און זיי געהאָדעוועט. ערשט אויפן צווייטן טאָג, ווען זי איז שוין געווען גוט הונגעריק און ניט געהאַט קיין מילך פאַר די קעצלעך, איז זי אַוועק צו דער שטוב.

די באַלעבאָסטע, וואָס האָט געאַנט, אַז די קאַץ מוז ערגעץ גיין צו קינד, האָט געהאַלטן אין איין איבערטראַכטן וועגן איר. זי איז אויך אַ פּאָר מאָל אַרויסגעגאַנגען זוכן די קאַץ. און מיטאַמאָל האָט זי אויף דער טיר דערזען די קימפּעטאָרין, וואָס איז געווען דין און אָפּגעשוואַכט. זי האָט זיך מיט איר שטאַרק דערפרייט, זי גע־

רופן „מאַמעלע" און באַלד פאַר איר אַוועקגעשטעלט אַ שיסעלע וואַרעמע מילך. די קאַץ האָט זי גוטמוטיק אָנגעקוקט און אין אַ פאַרטרוילעכן טאָן, אין איר קעציישן לשון, עפּעס גערעדט צו איר.

ווען עס איז אַריבער אַ וואָך און די קעצלעך האָבן אָנגעהויבן זען, האָט די קאַץ מיטן מויל זיי איינציקווייז אַראָפּגעטראָגן פון בוידעם און פאַר זיי געמאַכט אַ געלעגער אין אַ ווינקל פון שטאַל. זי האָט זיי אויך אָנגעהויבן אַרויספירן אין דרויסן אויף דער זון און זי איז מיט זיי געווען אַזוי פאַרנומען, אַז עס איז איר מער גאָרניט געלעגן אין זינען. זי איז בלויז אַ פּאָר מאָל אין טאָג גע־גאַנגען אין שטוב אַריין, וואו מען האָט איר געגעבן צו עסן און זי האָט דערנאָך באַלד צוריקגעאײַלט צו די קעצלעך. זי האָט אַפילו אויפגעהערט זיך אַרומצורייסן מיט דער צויג, וואָס איז געווען איר אייביקער שונא און אויף איר כסדר געהאַווקעט. זי האָט ניט אָפּ־געענטפערט דער צויג און זי האָט אויסגעמיטן צו קוקן אין איר זייט אַריין.

די קאַץ איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו דעם בילן און ווען זי האָט איין טאָג מער ניט געהערט די צויג איז דאָס פאַר איר געווען עפּעס ווי אַ נייעס. זי האָט ניט געוואוסט, אַז די צויג, וואָס האָט מיט אַ וואָך פריער געהאַט געבוירן אירע הינטלעך, לעבט מער ניט.

די צויג, וואָס האָט געבוירן פיר הינטלעך — צוויי לעבעדיקע און צוויי טויטע — איז נאָך איר האָבן געוואָרן נאָך מער צערייצט ווי זי איז געווען. איין אינדערפרי איז זי מיט אַ בילן, אַזש אַרויס ביז אויפן וועג. זי איז אַ צערייצטע דאָרט אַנטקעגנגעשפּרונגען אַ פּאָר פערד, וואָס זיינען געשפּאַנטע אין אַ וואָגן געלאָפן אין גאַלאָפּ און אין עטלעכע רגעים איז זי שוין געווען אונטער די רעדער. זי איז איבערגעפאָרן געוואָרן און געבליבן ליגן אויפן וועג אַ טויטע.

די באַלעבאָסטע האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט די

צוויי קלייניקע הינטלעך וואָס זיינען געבליבן אָן אַ מאַמען. זיי זיינען געווען נאָך צו־יונג צו זיין אַליין און עס איז זיי שווער געווען צו האָדעווען. און שוין דעם ערשטן טאָג, ווען די זון האָט אָנגעהויבן פאַרגיין, האָבן די צוויי פּאַריתומטע באַשעפענישן זיך געלאָזט הערן מיט זייער געוויין. די קאַץ, וואָס איז דעמאָלט געווען לעבן דער שטוב, האָט אָנגעשפּיצט אירע אויערן. עס קען זיין, אַז זי האָט פון אָנהויב געמיינט, אַז דאָס זיינען די קולות פון אירע קינדער און זי האָט אַ פאַרציטערטע זיך געלאָזט לויפן.

זי איז ווי נאָכגעגאַנגען דעם געוויין און זיך דערנאָך אָפּגע־שטעלט ניט ווייט פון דער בודע. דאָרטן איז איר, ווייזט אויס, פאַרגעקומען, אַז זי איז גאָר נאָענט לעבן דער צויג, ווייל זי האָט זיך גענומען האָרבען און מרוקען, גלייך ווי זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ מלחמה. עס האָט זיך אין איר אויפגעוועקט די אַלטע פיינט־שאַפט צו דער צויג און זי האָט אַ קריגערישע אויף איר געטשאַ־טעוועט און געוואָרט, גרייט איר אויסצודראַפּען די אויגן. די צויג איז אָבער צו איר ניט אַרויסגעקומען און דאָס געיאָמער פון די הינטלעך איז געוואָרן שטאַרקער. דעמאָלט איז זי מיט פאָרזיכטיקייט צוגעגאַנגען ביז צו דער בודע און זי האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק.

עס האָט פון דאָרט געשמעקט מיט דער צויג און די קאַץ איז נאָך אַלץ געווען בייז. דער כעס איז איר אָבער אָפּגעגאַנגען, ווען זי האָט דערזען די צוויי קלייניקע שוואַרצע באַשעפענישן. זי האָט זיי גענומען באַשמעקן און איר וואַרעמער אָטעם האָט די צוויי הינטלעך אַביסל איינגעשטילט. די קאַץ האָט זיך אָבער דאָרט ניט צו־לאַנג פאַרהאַלטן און זי איז אַוועק צו אירע קעצלעך. דאָס געוויין פון די צוויי הינטלעך איז אָבער געוואָרן וואָס אַמאָל העכער. דאָס רופן נאָך זייער מוטער איז צו איר דערגאַנגען ביז אין שטאַל אַריין און זי ניט געלאָזט איינרוען לעבן די קעצלעך. זי איז ווידער צוגע־לאָפן צו די הינטלעך, ווידער איז איר פאַרגאַנגען דער ריח פון דער

צוויג און זי געמאַכט בייז. זי האָט אָבער באַלד ווי באַנומען, אַז זי האָט זיך ניט וואָס צו ברוגזן אויף די צוויי קליינע באַשעפענישן, וואָס זיינען הונגעריק און וואָס ציטערן פון קעלט. זי האָט זיי ביידע באַשמעקט און באַלעקט און דערנאָך זיי אָנגעזויגן און אָנגעוואַרעמט.

אין יענעם אָוונט איז די קאַץ עטלעכע מאָל געגאַנגען אַהין און צוריק פון אירע קעצלעך צו די הינטלעך. ערשט שפּעט אין דער נאַכט איז זי געפאַלן אויף אַ פלאַן און מיטן מויל, איינציקווייז, איבערגעטראָגן די צוויי הינטלעך אין שטאַל אַריין צו זיך אויפן געלעגער. זי האָט זיי דאָרט געוואַרעמט און געהאָדעוועט און זי איז צו זיי געווען אַ מאַמע ווי צו אירע אייגענע קעצלעך ביז זיי זיינען אַביסל אונטערגעוואַקסן.

די קאַץ איז דערנאָך שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן ביי דער באַלעבאָסטע אויפן הויף.

לופּו און יאַקאָב

לופו און יאַקאָב

(געשריבן אין 1935)

ליפּע לעהרערן אַ מתּנה

די קליינע קינדער־שול אין דעם דאָרף וואַלדהיים, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין דייטשלאַנד, איז געשטאַנען אויף אַ בערגל ניט ווייט פון אַ וואַלד. די שול האָט געהאַט העל־גרינע ווענט און אַ רויטן טשערעפּענעם דאַך. אויפן דאַך איז געווען אַ טורעם, אין וועלכן עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַ סך טויבן, וואָס זיינען געווען גאָלד־גרין, ווי דער וואַלד אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן, און ראָז־ווייס ווי די וואַלדהיימער עפּל־ביימער אין צייט פון זייער בליאונג. איבערן טורעם האָט געהאַנגען דער שול־גלאָק, צו וועלכן עס איז געווען צו־געבונדן אַ לאַנגער שטריק, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צו דער ערד. די שול האָט אויך געהאַט אַ רויטלעכן וואַלד־הונט פאַר אַ היטער. לופּו האָט ער געהייסן. דער הונט לופּו האָט ניט נאָר געהיט די שול־געביידע, נאָר ער האָט אויך אין די אינדערפריען, מיט די ציין געצויגן דעם שטריק פון גלאָק און מיט דעם קלינגען גערופן די קינדער אין שול אַריין.

אין דעם יאָר ניינצן־הונדערט־דריי־און־דרייסיק האָבן אין דער שול פון דעם קליינעם דייטשישן דאָרף זיך געלערנט זעכצן קינדער. דאָס עלטסטע פון זיי איז אַלט געווען ניין יאָר. די עטלעכע עלטערע קינדער פון וואַלדהיים האָבן געלערנט אין שכנישן שטעטל. לופּו האָט אַלע זעכצן קינדער גוט געקענט. ער האָט געקענט דעם עלעפאַנט

פראַנץ ווערנער מיט די צוויי גרויסע צײן פון פאָרנט, די ווערוועדקע ליזל שרעדער, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו דראַפּען אויף ביימער, דעם קאָטער קורט שולץ מיט די קעציש׳ע אויגן, דעם קליינעם זינג־פויגל יאַקאָב אַשקענאַזי, וועלכער האָט מיט אַ שיין קולעכל גע־קענט נאָכזינגען אַ סך פייגל, די ווייסע טויב מיצי מיט אירע העלע שיינע האָר, דעם לייב האַנס, דעם גרעסטן און שטאַרקסטן פון אַלע שילער און אַזוי אַלע און אַלע.

— גוט מאָרגן, לופּו! מאָרגן פריינט! — האָבן די שילער איך־דער־פרי באַגריסט דעם הונט. לופּו האָט מיט אַ זשמור פון זיינע קלוגע אויגן אַלעמען געענטפערט, נאָך שטאַרקער צעוויגט דעם גלאָק און אַלע מאָל זיך אַרומגעקוקט צי אַלע זיינען שוין דאָ. ערשט ווען ער האָט געזען, אַז אַלע קינדער מיט דער לערערין זיינען שוין ביי דער שול־טיר, האָט ער אַרויסגעלאָזט דעם שטריק פון זיין מויל. קוים האָט אָבער ווער פון די זעכצן שילער פאַרפעלט צו קומען אין שול אַריין, האָט דער הונט גאָר ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון שטריק, נאָר געקלונגען און געקלונגען.

— לופּו, הער אויף! לופּו לאָז אָפּ דעם שטריק! אפשר איז אונדזער פריינט קראַנק. מירן נאָכן לערנען צוגיין צו אים אַהיים, וועלן מיר שוין אויסגעפינען פאַרוואָס ער איז ניט געקומען אין שול אַריין — האָט די לערערין גערעדט צום הונט ווי צו אַ מענטש. ער האָט זי אויך פאַרשטאַנען און זי געפאָלגט.

דער קלוגער הונט האָט געוואוסט וואו יעדעס קינד וואוינט און ווען די לערערין איז געגאַנגען צו אַ שילער געוואָר ווערן פאַרוואָס ער איז ניט געווען אין שול, איז ער געלאָפן פאָרויס, גלייך ווי ער וואָלט איר וועלן ווייזן דעם וועג.

לופּו, די שול־קינדער און די לערערין זיינען שטענדיק געווען מונטער און פריילעך. ביז עס איז צו זיי איינמאָל אין אַ פרילינג פלוצ־

לונג געקומען אַ פרעמדער מאַן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם אוניפאָרם.

עס איז געווען אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן. די פּרוכטביימער פון דאָרף זיינען געווען באַדעקט מיט בליאונג און דער וואַלד הינטער דער שול איז געווען איינגעהילט אין געדיכטער גרינקייט. לופּו האָט געוויגט דעם גלאָק און די קינדער מיט די שול־ראַנצן אויף די פּליי־צעס האָבן ווי צום טאַקט פון דעם קלינגען געשפּאַנט צום שול־בערגל. זיי זיינען געגאַנגען מיט דעם צעגרינטן פעלד־וועג און אויס־געזונגען אַ פרילינג־ליד.

— „שיין איז דער לעניץ (פרילינג) אין דעם דייטשן לאַנד, אין דעם דייטשן לאַנד" — האָט זיך העכער פון אַלעמען געלאָזט הערן דער קליינער זינג־פויגל יאַקאָב אַשקענאַזי. עס האָט זיך געטראָגן די לוי־טערע פרייד פון די קינדער העט ווייט אַרום פונעם דאָרף, ווי ביז צו דער וועלבונג פון קלאָרן הימל. דער וואַלד האָט ווי אונטערגעכאַפּט די ווערטער פון דעם ליד און נאָכגעזונגען — „לאַנד, דייטשן לאַנד". באַלד האָט זיך אויך באַוויזן די לערערין. אַן אויסגעפּוצטע אין אַ ווייסער בלוזע איז זי אַנטקעגנגעקומען די קינדער און מיט זיי מיטגעזונגען: „שיין איז דער לעניץ אין דעם דייטשן לאַנד".

דער איבערגעוואַקסענער נייַן־יאָריקער האַנס האָט אָנגענומען די לערערין פאַר איין האַנט און דער קליינינקער זיבן־יאָריקער יאַקאָב פאַר דער אַנדערער האַנט און דאָס געזאַנג איז אַוועק נאָך לעבעדיקער און פריילעכער. אַזוי ביז צו דער שול־טיר.

דער הונט לופּו האָט נאָך פון דערווייטנס דערהערט דאָס גע־זאַנג פון זיינע פריינט און פלינקער געגומען ציען דעם שטריק. נאָך פון דער ווייטנס האָט ער מיט זיינע קלוגע אויגן ווי געציילט די קינדער און ווען ער האָט געזען, אַז אַלע זיינען שוין דאָ, האָט ער איפגעהערט קלינגען און באַגלייט דאָס קליינוואַרג ביז צו דער שול־טיר. ער האָט ביי דער טיר זיך צוגעזעצט אויף זיינע הינטערשטע

פּים, אויסגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט, אַנגעשפּיצט דאָס רעכטע אויער און זיך צוגעהערט ווי די קינדער לערנען.

פּלוצלינג איז דער הונט אויפגעשפּרונגען פון אָרט. אַ פּרעמדער, אַנגעטאָן ווי אַ סאָלדאַט, איז צוגעקומען צו דער שול-טיר. ער האָט אונטערן אָרעם געטראָגן אַן איינגערעמטע גרויס בילד. נאָך איידער לופּו האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט איז דער פּרעמדער שוין געווען אין שול. דער הונט האָט באַלד אָפּגעשטופּט די טיר און אַריינגע-שטעקט דעם קאָפּ אין שול-צימער. ער האָט מיט זיינע אויגן נאָכגע-פאָלגט דעם פּרעמדן, וואָס איז גלייך צוגעגאַנגען צו דער לערערין און איר דערלאַנגט עפּעס אַ פּאַפּיר. לופּו האָט אַן אומרואיקער גע-דרייט מיטן עק און זיך געלאָזט הערן מיט אַ ברומען, ווי ער וואָלט פרעגן די קינדער:

— ווער איז ער? און וואָס וויל ער? פאַרוואָס שטערט ער דאָס לערנען?

די קינדער האָבן פּונקט ווי ער פאַרוואונדערט געקוקט אויף דעם אומגעריכטן גאַסט, וואָס איז געווען אַנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם און אין גלאַנצנדיקע שטיוול.

די לערערין האָט גענומען דאָס פּאַפּיר פון זיינע הענט, זי האָט אין דער שטיל געלייענט, וואָס עס איז דאָרטן געווען געשריבן און איר פּנים איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. איר האַנט, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן דאָס בלאַט פּאַפּיר האָט אָנגעהויבן ציטערן און דער-נאָך האָט זי אַ טרויעריקע אַריבערגעקוקט צו דעם קליינעם יאַקאָב אַשקענאַזי.

דער פּרעמדער האָט זיך דערווייל געמאַכט היימיש אין דעם שול-צימער. ער האָט באַטראַכט די קינדער, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע ווינקעלעך און אין דער צייט, וואָס די לערערין איז געווען פאַרטאָן אין פּאַפּיר, האָט ער פון אַ וואַנט אַראָפּגענומען אַן אַלטע מאַפּע און

אויף דעם אָרט אויפגעהאַנגען דאָס בילד, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך.

די קינדער און אויך לופו האָבן נייגעריקע גענומען באַטראַכטן דאָס בילד. עס האָט פון דער ראַם צו זיי אַראָפּגעקוקט אַ פּאַרשוין מיט בייזע אויגן און מיט שוואַרצע וואָנסן וואָס האָבן מיט זייער אויסזען דערמאָנט אָן אַן איינגעהאָרבעט מייזל. זיין פּנים איז געווען ווי פאַרשטייפט און זיין מויל פאַרמאַכט אַזוי, גלייך ווי ער האָט געהאַלטן זיינע ציין פאַרקלעמט. לופו איז דער פּאַרשוין אויפן בילד פון דער ערשטער מינוט אָן ניט געפעלן געוואָרן. עס איז אים, ווייזט אויס, פאָרגעקומען, אַז ער איז אַרויף אויף דער וואַנט, כדי איבער־צושרעקן די קינדער.

— ר־ר־ר — האָט דער הונט זיך אָנגעהויבן צו בייזערן און זיך ערשט געוואָלט צעבילן. דער פּרעמדער אין דעם אוניפאָרם האָט זיך אָבער געלאָזט גיין צוריק צו דער פּלאַטפאָרם, וואו עס איז געשטאַנען דער שול־טאָוול און מיטן סקריפּען פון זיינע שטיוול ווי צעשלאָגן לופוס געדאַנקען.

פון דער פּלאַטפאָרם האָט דער פרעמדער מיט אַ פינגער אָנ־געוויזן אויפן בילד, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען און גערעדט און גערעדט. לופו איז געבליבן שטיל און געקוקט דעם פרעמדן גלייך אין מויל אַריין. ער איז אָבער וואָס אַמאָל געוואָרן אומרואיקער און גענומען דרייען מיטן קאָפּ.

אויך די קינדער האָבן געקוקט דעם פרעמדן אין מויל אַריין, אָבער זיי האָבן זיינע רייד ניט פאַרשטאַנען. עפּעס האָט ער גערעדט וועגן אַ פירער, וועגן נייע געזעצן און אַלע מאָל דערמאָנט דאָס וואָרט „יודען", אָבער וואָס ער וויל און צוליב וואָס ער איז געקומען איז זיי ניט קלאָר געווען. ביים קליינעם יאַקאָב האָט זיך אָפּגעשטעלט אין געדאַנק דאָס וואָרט „יודען", ווייל ער האָט שוין ניט איין מאָל געהאָט געהערט די מאַמען זאָגן, אַז זייער פאַמיליע איז יידיש, ווייל

זיי זיינען אַלע „יודען״. גענוי וואָס דאָס איז האָט ער אָבער ניט געוואוסט.

נאָכן ריידן האָט דער פרעמדער זיך אויסגעצויגן אַ גלייכער ווי אַ ווירע, אַ קלאַפּ געטאָן איין קנאַפּל אָן דעם צווייטן און אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט פונקט אַנטקעגן דעם בילד. לופּו איז געוואָרן אויסער זיך ווען ער האָט דערזען ווי אַלע קינדער שטעלן זיך אויף און ווי אַלע צוזאַמען מיט דער לערערין טוען זיי נאָך דעם פרעמדן. זיי האָבן אַלע זיך אויסגעדרייט מיט די פּנימער צו דעם בילד, אויסגעשטרעקט זייערע רעכטע הענט און אַלע צוזאַמען עפּעס אויסגעשריען. ניט אַנדערש נאָר עס איז דעם הונט פאָרגעקומען, אַז דאָס ווערן זיי זיך אַזוי מיט זייערע הענט קעגן דעם פאַרביסענעם פאַרשוין אויף דער וואַנט און ער איז מיט אַ בילן זיי געקומען צו הילף.

דערנאָך האָבן די קינדער זיך צוריק אויסגעזעצט און מיט אָפענע מיילער און פינטלדיקע אויגן זיך איבערגעקוקט.

די לערערין האָט זיך אויסגעהוסט און אין אַ געמאַכטן שטרענגן טאָן צו זיי גענומען ריידן, אַז עס ווערט אין שול איינגעפירט דאָס געזעץ פון ראַסן־ריינקייט.

— עס איז אַ ניי געזעץ — איז איר טאָן מיטאַמאָל געוואָרן שטילער. — נאָר די קינדער וואָס זיינען אַריש וועלן פון איצט אָן קענען גיין אין שול. דער איינציקער פון אונזערע שילער, וואָס איז ניט אַריש איז יאַקאָב אַשקענאַזי און ער ווערט דערפאַר היינט אויסגעשלאָסן פון אונדזער שול.

ווען די קינדער האָבן דאָס דערהערט זיינען זיי שטאַרק צעטומלט געוואָרן. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט „ראַסן־ריינקייט״ און זיי האָבן אויך ניט געוואוסט די באַדייטונג פון דעם וואָרט „אַריש״. זיי האָבן אָבער קלאָר געהערט, ווי די לערערין האָט געזאָגט, אַז זי שיקט אַרויס יאַקאָבן פון שול. מער ווי אַלע

איז יאַקאָב צעטומלט געוואָרן. ווי נאָר ער האָט דערהערט זיין נאָ־מען האָט ער אַ צעשראָקענער זיך אויפגעשטעלט. ער האָט אַפילו רעכט ניט איבערגעטראַכט, וואָס די לערערין האָט געזאָגט און ער האָט באַלד אַ צערודערטער מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן אָנ־געהויבן שטאַמלען:

— עס איז ניט איך, ניט איך. איך האָב מיין היימאַרבעט גע־מאַכט און דאָס וואָס מיר האָבן נעכטן געלייענט אין שול קען איך שוין אינגאַנצן אויף אויסווייניק.

— דו ביסט אַ גוטער שילער יאַקאָב, — איז דער לערערינס קול אַלץ געוואָרן שטילער און ווייכער. — איצט דאַרפסטו אָבער אַהיימ־גיין. נעם דיינע ביכער און גיי. זאָלסט זאָגן דיינע טאַטע־מאַמע, אַז דו וועסט שוין מער ניט דאַרפן קומען אין שול אַריין.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס שיקט מען יאַקאָבן אַהיים? — האָבן די קינדער איינס ביי ס'אַנדערע געפרעגט אין דער שטיל און ביי עטלעכע פון זיי האָבן די אויגן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

דער קליינער יאַקאָב האָט געקוקט אויף דעם פרעמדן, וואָס האָט עפּעס פאַרשריבן אין אַ ביכל, ער האָט געקוקט אויף דעם בילד, וואָס ער האָט אויפגעהאַנגען און ניט פאַרשטאַנען וואָס ס'קומט פאָר. ערשט האָט דאָך די לערערין אים געגלעט און צו אים גערעדט אַזעלכע גוטע רייד און איצט שיקט זי אים גאָר אַהיים און זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל מער ניט קומען אין שול אַריין.

— פאַרוואָס? — האָט ער געוואָלט פרעגן. עס איז אים אָבער ענג געוואָרן אין האַלדז און ער האָט קיין איין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידן. ער איז געשטאַנען עטלעכע רגעס און אַ הילפלאָזער אָנגעקוקט די לערערין. דערנאָך האָט ער גענומען זיינע ביכער, זיין היטל און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געגאַנגען צו דער טיר. ווען ער איז שוין געווען ביי דער שוועל, האָט ער געהערט ווי די ווייסע בויב, מיצי, האָט זיך צעוויינט.

לופּו האָט אַלץ צוגעקוקט און ווען יאַקאָב איז אַרויס אין דרויסן איז ער אים נאָכגעגאַנגען. דער הונט האָט צו אים זיך געד לאַסטשעט מיט ליבשאַפט און אים באַשמעקט פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט וועלן אויסגעפינען, וואָס עס איז מיט אים געשען.

— לופּו, די לערערין שיקט מיך אַהיים. זי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל מער ניט קומען אין שול אַריין — איז יאַקאָב אויף דער אַנדערער זייט מיר זיך פאַרגאַנגען אין אַ געוויין. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער ערד און אַלץ אויסדערציילט דעם הונט. לופּו האָט מיט זיין הינטישן קול אין דער שטיל ווי מיטגעוויינט און מיט זיין צונג אָפּגעלעקט די טרערן פון יאַקאָבס באַקן.

— איך ווייס ניט פאַרוואָס די לערערין וויל מיך מער ניט האָבן אין שול. זאָג דו אַליין, לופּו, האָב איך זיך דען אין דער פרי אַמאָל פאַרשפּעטיקט? איך האָב שטענדיק געמאַכט מיין היים־אַרבעט און דאָס וואָס מיר האָבן נעכטן געלייענט קען איך שוין אינגאַנצן אויף אויסנווייניק — האָט יאַקאָב גענומען בלעטערן זיין העפט, געוויזן דעם הונט זיינע גוטע צייכנס און אַ וויינענדיקער פאַר אים גענומען איבערזאָגן די מעשה, וואָס ער האָט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. די מעשה איז געווען וועגן אַן אַלטן וואַלדמאַן, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט חיות און שטענדיק אַרויסגעוויזן רחמנות צו גאָטס באַשעפענישן. ער האָט אַפילו קיינמאָל ניט געטויט קיין פליגעלע. די חיות האָבן אויך דעם וואַלדמאַן ליב געהאַט. אַלערליי וואַלד־באַשעפענישן, פון דעם שטאַרקסטן ביז צום שוואַכסטן, זיינען געקומען צו זיין קליין שטיבל און אין פרידן גערוט פאַר זיין שוועל.

לופּו האָט אַ טרויעריקער זיך צוגעהערט צו דער מעשה און אַלעמאָל מיט ליבשאַפט אַ לעק געטאָן יאַקאָבס פּנים.

דערנאָך איז דער פרעמדער אין אוניפאָרם אַרויסגעקומען פון שול. יאַקאָב האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער פאַר דער לערערין עפּעס אָנגערעדט אויף אים און ווי נאָר ער האָט אים דערזען:

אויף דער טיר האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיינע ביכער און זיך געלאָזט גיין אַהיים. דער הונט האָט אַ בייזער זיך צעברומט אויף דעם פרעמדן און ווען ער האָט דערזען יאַקאָבן אַוועקגיין איז ער צוגעלאָפן צו דעם שטריק פון גלאָק. ער האָט מיט זיינע ציין אָנגעכאַפּט דעם שטריק און מיט אַ שטאַרק קלינגען אים ווי צוריקגערופן.

באַלד איז די לערערין אַרויסגעקומען. זי האָט נאָך עפּעס גערעדט צו דעם פרעמדן וואָס איז באַלד אַוועק און דערנאָך גענומען שרייען צו לופּון, אַז ער זאָל אויפהערן קלינגען. דער הונט האָט נאָכגעלאָזט דעם שטריק און מיט אַ בייז בילן אַרויסבאַגלייט דעם פרעמדן. די לערערין איז צוריק אַריין אין שול און לופּו האָט זיך צוגעזעצט פאַר דער טיר וואַרטן ביז זי וועט פאַרענדיקן דאָס לערנען.

ווען די לערערין איז נאָכן לערנען אַרויסגעקומען מיט די קינדער איז לופּו אויפגעשפּרונגען פון אָרט. ער האָט, ווייזט אויס, געמיינט, אַז זי וועט איצט מיט אים גיין צו יאַקאָבן אַהיים און ער איז אַפילו אויך געוואָרן מונטער. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז די לערערין פאַרנעמט זיך גאָר אויף אַן אַנדערן וועג, האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן און אַליין אַוועקגעשאָסן צו זיין פריינט, דעם זינג־פויגל.

אויפן צווייטן טאָג האָט לופּו ווי אַלע מאָל געוויגט דעם גלאָק און דאָס קלינגען האָט גערופן די וואַלדהיימער קינדער אין שול אַריין. אַלע שילער זיינען געקומען, נאָר יאַקאָב האָט אים געפעלט. דער הונט האָט אַרויסגעקוקט צום וועג און וואָס אַמאָל שטאַרקער צעוויגט דעם גלאָק. די קינדער זיינען אַריין אין שול און די לערערין האָט עטלעכע מאָל אָנגעשריגן אויפן הונט, אַז ער זאָל אויפהערן קלינגען. לופּו האָט אָבער דאָס מאָל אַזוי גיך ניט געפאָלגט די לערערין, ער האָט אַ צערייצטער אַלץ שטאַרקער געצויגן דעם שטריק — ביז ער האָט אים אָפּגעריסן פון גלאָק. דערנאָך האָט ער אַ טרויעריקער זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער טיר פון שול און אַריבערגעקוקט צום וועג, וואָס האָט געפירט צו יאַקאָבס היים.